STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09582

MEDINES YISRO'EL IN UNDZERE TEG

Murray Frank

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

משה פרענק

☆

מדינת ישראל
אין
אונדזערע טעג



משה פרענק (דער מחבר) ביי זיין שרייבטיש.

משה פרענק

מדינת ישראל
אין
אונדזערע טעג

(רעפּארטאזשן)

אין 2 טיילן:

1. אַ באַזוך אין מדינת ישראל
2. אַמעריקע און ישראל

פאַרלאַג „ניי לעבן"

תשל"ב תל־אביב 1972

משה פרענק

מדינת ישראל אין אונדזערע טעג

©

נדפס בישראל 1972
Printed in Israel

דפוס „אור" בע"מ, ת"א, שדרות הר־ציון 104, טלפון 822481

געווידמעט

מיין געטרייער לעבנס־באַגלייטערין

פ ר י י ד ל

„מיר פירן אָן דעם קאַמף פאַר אונדזער עקזיסטענץ נישט בלויז ווייל מיר האָבן קיין אַנדער ברירה נישט. מיר זענען אויפריכטיק איבערצייגט, אַז מיר קעמפן פאַר דעם קיום פון גאַנצן יידישן פאָלק... ווי לאַנג קענען מיר אויסהאַלטן? כל־זמן מיר האַלטן אויס, לעבן מיר. כל־זמן מיר האַלטן אויס, לייגן מיר דעם פונדאַמענט פון שלום אין ישראל און פון דער עקזיס־טענץ פון גאַנצן יידישן פאָלק אומעטום".

— גאָלדע מאיר, פרעמיער מיניסטער פון מדינת ישראל, ביי דער „אַסעמבלי פון אַמעריקאַנער פריינד פון „הסתדרות", 26־סטן יוני 1970, האָטעל „אכדיה", הרצליה.

ערשטער טייל

אַ באַזוך אין מדינת ישראל

פאָרוואָרט

פון ישראל סטאָלאַרסקי,

קאָ־דירעקטאָר פון נאַציאָנאַלן קאָמיטעט פאַרן אַרבעטנדיקן ישראל

מיין ליבער פריינד, משה פרענק, איז אַ לאַנגיאָריקער דער־פאַרענער זשורנאַליסט. במשך פון די לעצטע דריי צענדליק יאָרן, דינט ער, ווי אַ קאָרעספּאָנדענט פאַר דער יידישער און ענגליש־יידישער פרעסע אין דער הויפּטשטאָט פון דער גרעסטער און רייכסטער מדינה אין דער וועלט, די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע. זיינע אַרטיקלען און קאָמענטאַרן פון וואַשינגטאָן וועגן דער אַמעריקאַנער פּאָליטיק, זענען געדרוקט געוואָרן, סיי אין דער יידישער פרעסע און סיי אין צענדליקער אַנגלאָ־יידישע צייטונגען און זשורנאַלן אין אַמעריקע, מדינת ישראל, ענגלאַנד, אַרגענטינע און אַנדערע לענדער.

משה פרענק האָט אַ סך מעלות. קודם כל, האָט ער אַ לייכטע פעדער. והשנית, איז ער אַ גלענצנדיקער באַאָבאַכטער. דריטנס, איז ער אַ גוטער און אַ קלאָרער אַנאַליטיקער. וועגן וואָס ער זאָל נישט שרייבן, ווייזט ער אַרויס אַ סך בקיאות. ער איז נישט בלויז אין דער היים, ווען ער שרייבט וועגן דער אַלגע־מיינער אַמעריקאַנער פּאָליטיק, וועגן דעם וואָס ס׳קומט פאָר אין קאָנגרעס, אין ווייסן הויז און אין סטייט דעפּאַרטמענט. ער איז אויך אַ וואַרעמער ייד, אַן אמתער פאָלקס־מענטש. ער קען זייער גוט דאָס אַמעריקאַנער יידישע לעבן, איבערהויפּט, ווי עס שפּיגלט זיך אָפּ אין וואַשינגטאָן אין פּאָליטישן, סאָציאַלן און געזעלשאַפטלעכן זין, און וועגן דעם טאָקע שרייבט ער מיט אַ סך וויסן און מיט אַ וואַרעם, צאַפּלדיק יידיש האַרץ.

משה פרענק איז לעצטנס געווען אויף אַ באַזוך אין ישראל — זיין ערשטער באַזוך אין דער יידישער מדינה — ווי אַ מיטבאַטייליקטער אין אַ שטודיר־מיסיע לכבוד דעם 50־יאָריקן יובל פון דער הסתדרות. ווי אַ דערפאַרענער זשורנאַליסט, איז ער געווען נישט סתם אַ טוריסט. ער האָט געפונען צייט, נישט נאָר צו באַטייליקן זיך אין די פאַרהאַנדלונגען און סימפּאָזיומס פון דער הסתדרות אסעמבלי, וואָס איז פאָרגעקומען אין דעם „אכדיה" האָטעל אין הרצליה, נאָר ער האָט אויך מיט זיין שאַרף זשורנאַליסטיש אויג אויפגעכאַפּט, בעת ער איז געפאָרן איבער דער לענג און ברייט פון מדינת ישראל, די פּראָבלעמאַטיק, מיט וועלכער עס ראַנגלט זיך היינט צו טאָג, סיי די מדינה און סיי די הסתדרות.

נאָך זיין צוריקקער קיין וואַשינגטאָן האָט פרענק אָנגעשריבן אַ סעריע פון 19 אַרטיקלען וועגן זיין באַזוך אין ישראל, וואָס זענען דערשינען אין **„טאָג מאָרגן־זשורנאַל"** אין ניו־יאָרק, אין די **„יידישע צייטונג"** אין בוענאָס־איירעס, און טיילווייז אין די **„יידישע צייטונג"** אין תל־אביב. די אַרטיקלען זענען אומעטום געלייענט געוואָרן מיט גרויס אינטערעס.

באַלד נאָך דעם, ווי איך האָב איבערגעלייענט די ערשטע פינף־זעקס אַרטיקלען, האָב איך גערעטן פרענקן, אַז ער זאָל זיי אויפזאַמלען און נאָכן פאַרענדיקן די סעריע, זאָל ער זיי אַרויסגעבן אין בוך־פאָרם. לויט מיין מיינונג, וועט עס דינען ווי אַ האַנט־בוך פאַר די אַלע, וואָס באַזוכן אונדזער יידישע מדינה און ווילן זען ישראל נישט בלויז מיט די אויגן פון אַ טוריסט, נאָר טאַקע אַריינדרינגען טיפער אין דער ישראל־פּראָבלעמאַטיק. פריינד פון דער הסתדרות, אומעטום, **וועלן אין דעם בוך געפינען** וויכטיקן מאַטעריאַל, סיי צו קענען אָפּשאַצן דעם גרויסן חלוצישן אויפטו פון דער הסתדרות אין דעם לעצטן האַלבן יאָרהונדערט, און סיי זיך באַקענען מיט די פּראָבלעמען, פאַר וועלכע די הסתדרות שטייט היינט צו טאָג.

סתם יידן וועלן אין משה פרענקס רעפּאָרטאַזשן קענען זען אַן אַנדער ישראל — אַ ישראל, וואָס לעבט, וואָס בויט זיך, וואָס שאַפט, און וואָס פיבערט מיט דער צייט. אַפילו די ישראל־

איינוווינער גופא וועלן אויך קענען אַ סך לערנען און הנאה האָבן פון זיינע גלענצנדיקע רעפּאָרטאַזשן. דעריבער רעקאָמענדירן מיר שטאַרק, נישט בלויז צו די יידישע לייענער אין די תפוצות, נאָר אויך צו די ישראלדיקע, צו לייענען די זייער אינטערעסאַנטע און באַלערנדיקע ישראל-רעפּאָרטאַזשן פון מיין פריינד, משה פרענק.

איך האַלט אויך, אַז פרענקס ישראל־רעפּאָרטאַזשן האָבן נאָך אַ באַדייטונג: זיי זענען אַ וויכטיקער בייטראָג צו אַ בעסע־רער פאַרשטענדעניש וועגן ישראל, וואָס דאָס איז אַזוי גוואַלדיק נויטיק אין דער איצטיקער צייט, אַפילו אין אונדזערע אייגענע, יידישע קרייזן. דערצו איז דאָס בוך אַ פיינער צושטייער צו אונ־דזער היינט־צייטיקער יידישער ליטעראַטור.

צו די אַרויסגעבער פון דעם בוך: אונדזער האַרציקער דאַנק און יישר־כוח!

ישראל סטאָלאַרסקי

ניו־יאָרק, 9טער מערץ 1971.

קאַפּיטל 1

ישראל אַנטשלאָסן צו קעמפן פאַר איר קיום

וויִ ישראל־בירגער פילן וועגן דער אַלגעמיינער לאַגע אין לאַנד — וואָס מען זאָגט וועגן דער סאָוועטיש־עגיפּטישער סטראַטעגיע — באַאָבאַכ־טונגען וועגן דעם לעבן אין דער יידישער מדינה.

דער שרייבער פון די שורות האָט, זומער 1970, געמאַכט אַ באַזוך אין מדינת ישראל. מיר, דאָס הייסט, מיין פרוי און איך, האָבן דאָרטן פאַרבראַכט צוויי וואָכן צייט, אַרומגעפאָרן איבער דעם לאַנד אָן שום מורא. מיר זענען געווען נאָענט ביי די גרענעצן פון ירדן און סיריע, מיר האָבן אָבסערווירט דאָס לעבן, גערעדט מיט פאַרשידענע מענטשן, סיי אין דער רעגירונג און סיי מיט פּריוואַטע בירגער. אין אַנדערע ווער־טער: מיר האָבן געטאָן דאָס זעלביקע, וואָס טויזנטער אַנדערע טוריסטן טוען איצט אין ישראל.

דאָס איז געווען אונדזער ערשטער באַזוך אין דער יידישער מדינה. מיר זענעןביידע טעטיק זינט פיל יאָרן אין אַ צאָל יידישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס אַרבעטן לטובת ישראל, און חוץ מיין פאַרבינדונג מיט דער יידישער פּרעסע, איז מיר במשך פון לעצטן פערטל יאָרהונדערט אַ סך מאָל אויס־געקומען צו זיין באַהילפיק לטובת יידישע צוועקן אין די היגע רעגירונגס־קרייזן, אַ דאַנק מיין באַקאַנטשאַפט מיט וויכטיקע מענטשן אין קאָנגרעס. דאָך האָט זיך קיין מאָל נישט געמאַכט די געלעגנהייט צו פאָרן זען ישראל מיט די אייגענע אויגן — דאָ זענען די קינדער געווען קליין, אָדער די פינאַנציעלע לאַגע האָט נישט דערלויבט, אָדער מען האָט זיך נישט געקענט אָפּרייסן פון דעם טאָג־טעגלעכן עול פּרנסה.

פריינד האָבן זיך אָפט מאָל געוווּנדערט: „ס'טייטש, איר זאָלט נישט באַזוכן ישראל?" מיר האָבן געהאַלטן אין איין אָפּלייגן — אין אַ יאָר אַרום, אין צוויי יאָר, און די צייט איז געלאָפן. ענדלעך איז אונטערגעקומען די געלעגנהייט. דער הסתדרות קאַמפּיין אין אַמעריקע האָט געמאָלדן וועגן אַ צוזאַמענפאָר פון אַמעריקאַנער פריינד פון דער הסתדרות, וואָס וועט אָפּגעהאַלטן ווערן אין ישראל סוף יוני און אָנהויב יולי. אַלס פאָרזיצער פון דעם הסתדרות־ראַט אין וואַשינגטאָן, בין איך איינגעלאַדן געוואָרן מיט מיין פרוי, אַלס דעלעגאַטן, אויף אונדזערע אייגענע הוצאות. מיר האָבן באַשלאָסן זיך אָנצוטאָן אַ כוח און פאָרן.

צוליב טעכנישע סיבות זענען מיר אַרויסגעפאָרן פון קענעדי לופטפעלד מיט אַ טאָג שפּעטער, ווי געפּלאַנט. די קאָנפערענץ האָט געדויערט דריי טעג, אַזוי, אַז פון די 14 טעג זענען אונדז פאַרבליבן בלויז צען טעג אויף אַרומפאָרן זען דאָס לאַנד. מיר האָבן זיך געהאַלטן ביים פּראָגראַם, אויסגעאַרבעט פון דעם טוריסטן־ביוראָ און נישט אָפּגעווייכט דערפון, אַ חוץ אין צוויי קליינע פאַלן, ווען מיר האָבן געוואָלט זען געוויסע אינסטיטוציעס און זיך טרעפן מיט קרובים. דאָס מיינט, אַז ביים ערשטן באַזוך אין לאַנד, האָבן מיר געוואָלט זיין ווי אַלע טוריסטן.

אָט זענען מיר שוין דאָ צוריק, און באַלד ביי דער ערשטער באַגעגעניש מיט פריינד און באַקאַנטע וויל מען וויסן: „נו, וואָס זאָגן זיי דאָרט וועגן דער לאַגע? ווי פילן זיי דאָרטן?". עס איז נישט לייכט צו געבן אַ קורצן ענטפער דערויף.

ווען איר פאָרט אַרום איבערן לאַנד, באַזוכט די גרעסערע און קלענערע שטעט, די קיבוצים, די היסטאָרישע ערטער, פילט איר נישט, אַז דאָס לאַנד שטייט אין אַ מלחמה. דאָס לעבן גייט אָן נאָרמאַל, אַלע גייען צו זייער טאָג־טעגלעכער באַשעפטיקונג, עס פעלט הלילה נישט קיין שום זאַך, נישט שפּייז, נישט קליידונג, נישט פאַרווייילונג. ווו איר גייט און ווו איר שטייט וואַרפט זיך כסדר אין די אויגן דאָס בויען פון הייזער, דירות, אַפּאַרטאַמענטן, ביוראָ־געביידעס, האָטעלן, אינסטיטוציעס, שולעס פאַר קינדער — מען האַלט אין איין בויען אָן אַן אויפהער. דער אויטאָמאָביל־פאַרקער אין די גרויסע שטעט און אויף די וועגן איז אַ רוישיקער און נישט פיל קלענער, ווי ביי אונדז, אין אַמעריקע. נייע געפּלאַסטערטע שאָסייען זענען אויסגעבויט געוואָרן אין די לעצטע צוויי־דריי יאָר פאַר דעם שטייגנדיקן פאַרקער און אַלטע וועגן ווערן אויסגעברייטערט.

אָבער פֿון צייט צו צייט כאַפּט איר זיך, אַז עס גייט אַן אַ מלחמה. ביי פֿאַרשידענע פּונקטן אויף די וועגן שטייען מיליטערישע פּאַטרולן, וואָס שטעלן אָפּ דעם פֿאַרקער און מען איז בודק צי עס געפֿינט זיך אין אויטאָמאָביל, וווהין מען פֿאָרט, וכדומה. אויב עס איז אַן אַראַבער דאַרף ער ענטפֿערן אויף נאָך עטלעכע פֿראַגעס, און ווען די ענטפֿערס זענען נישט קיין צופֿרידנשטעלנדיקע, נעמט מען אים אַוועק אויף אַ ווייטער־דיקער אויספֿאָרשונג. די כּוונה איז, באַטירלעך, צו כאַפּן אַ פֿאַרשטעלטן טעראָריסט און פֿאַרמיידן אַ בלוט־באָד.

ביים אַריינגאַנג צו פֿאַרשידענע אינסטיטוציעס אָדער עפֿנטלעכע געבײדעס, שטייען אָפּט מאָל וועכטער, וואָס פֿאָדערן, אַז די פֿרויען זאָלן עפֿענען פֿאַר זיי זייערע טאַשן, אָדער סתּם פּעקלעך. די צייטונגען, ווידער, זענען פֿול מיט נייעס וועגן דער מלחמה. אין די גאַסן און אויף די באַסעס זעט מען אַ סך מענטשן, וואָס טראָגן מיט זיך טראַנזיסטאָר ראַדיאָס. ווען עס קומט די צייט, ווען מען גיט איבער נייעס, זעט איר ווי אַלע האַלטן די ראַדיאָס ביי די אויערן און מען הערט זיך אויפֿמערקזאַם צו. דאָס זעלביקע פּאַסירט אויך אין די ביוראָען און אין פּריוואַטע וווינונגען. ווען עס ווערט געמאָלדן, אַז ישׂראל האָט פֿאַרלוירן אַן עראָפּלאַן, אָדער עס זענען געפֿאַלן אייניקע מענטשן ביים סועץ, אָדער ביי די גרענעץ־פּונקטן, גייען אַלע אַרום פֿאַרטרויערטע: „היינט איז פֿאַר אונדז נישט קיין גוטער טאָג". דאַקעגן, אַז עס איז פֿאַרהעלטנישמעסיק שטיל, זענען אַלע צופֿרידן: „היינט איז אַ גוטער טאָג".

נישט געקוקט אויף די כסדרדיקע קאַמפֿן און די מענטשלעכע קרבנות, איז די אַלגעמיינע שטימונג נישט קיין דערדריקטע. די מאָראַל איז אַ הויכע. יונג און אַלט גייען אַרום מיט אַ געהויבענעם קאָפּ און מיט אַ זיכערן טראָט. איר פֿילט גרויס צוטרוי און גלויבן אין דער צוקונפֿט און אין די אייגענע כּוחות. עס קומט אויס, ווי מען וואָלט בפֿועל ממש געזאָגט צו אייך: „דאָס אַלץ, וואָס איר זעט איז אונדזערס. מיר האָבן עס אַלץ אַליין דערגרייכט, און עס וועט פֿאַרבלייבן אונדזערס". זינט מיין צוריקקער פֿון ישׂראל, טראַכט איך אָפּט מאָל: אַך, ווען אונדזער באַליבטע אַמעריקע וואָלט היינט צו טאָג געהאַט כאָטש אַ קליינעם טייל פֿון דעם גייסט, פֿון דער שטימונג, פֿון דעם בטחון, וואָס די קליינע ישׂראל האָט, ווי אַנדערש דאָס לעבן וואָלט געווען! ווען די אַמעריקאַנער יוגנט וואָלט

געהאַט אַ ציל, ווי עס האָט די יוגנט אין ישראל, אַ ציל צו לערנען, אַ ציל צו בויען, ווי אַנדערש די היגע יוגנט וואָלט היינט אויסגעזען!

עס מערקט זיך נישט קיין שום פּאַניק אין לאַנד און קיין שום שטימונג פון אַנגעשראָקנקייט. אויבנאויפיק איז די אַלגעמיינע שטימונג אַ פרידלעכע, אַן אַרבעטסזאַמע. עס איז ממש שווער צו גלויבן, אַז דאָס לאַנד שטייט אין אַ געפאַר. אָבער ווייזט אויס, אַז מענטשן, וואָס געפינען זיך אין אַזעלכע ערטער זענען ווייניקער אומרואיק און ווייניקער אַנגעשראָקן, ווי אַזעלכע, וואָס געפינען זיך ווייטער אַוועק אין וואַשינגטאָן. לייענענדיק טאָג־טעגלעך וועגן די פּאַסירונגען אין ישראל, בין איך געווען מער באַזאָרגט וועגן דעם גורל פון דער יידישער מדינה. אין ישראל, זעענדיק די שטימונג פון פאָלק, האָב איך נישט געפילט קיין פּאַניק און קיין זאָרג וועגן דער צוקונפט.

דער אמת איז, אַז די ישראל־בירגער רעדן ווייניק וועגן דער לאַגע. וואָס איז דאָ פיל צו רעדן, וועלן זיי אייך זאָגן, מיר האָבן עפּעס אַ ברירה? דאָס איז אונדזער לאַנד, מיר האָבן עס אויפגעבויט, אונדזערע קינדער ווייסן נישט פון קיין אַנדערער היים. מיר קעמפן דערפאַר און זענען גרייט צו קעמפן ווייטער, ווי גרויס אונדזערע שונאים זאָלן נישט זיין און ווער עס זאָל נישט צושטיין צו זיי. אויב סאָוועט־רוסלאַנד וויל צושטיין צו די אַראַבער און וועט קעמפן אויף זייער זייט, וועלן מיר קעמפן קעגן די רוסישע פּילאָטן און רוסישן מיליטער. מיר וועלן זיך נישט אונטערגעבן.

אָט אַזוי וועט איר הערן פון יעדן איינעם. נישטאָ קיין אַנדערער אויסוועג. נישטאָ וווּהין צו לויפן. אָט דאָ איז אונדזער היים, מיר וועלן זי באַשיצן ווי לאַנג עס וועט זיך לאָזן. די גרויסע פראַגע איז, באַטירלעך, רוסלאַנד. ווי ווייט וועט דער רוסישער בער גיין? אויף דער פראַגע קען קיינער נישט געבן קיין באַשטימטן ענטפער, אָבער אין ישראל איז מען איבערצייגט, אַז דער בער וועט גיין אַזוי ווייט ווי עס וועט זיך לאָזן — איבערהויפּט אויף ווי ווייט אַמעריקע וועט לאָזן. וועט אַמעריקע רעדן מיט באַקציינער און טאָקע טאָן עפּעס צו געבן ישראל ממשותדיקע הילף, וועט דער בער בלייבן שטיין; וועט מען זוכן אָפּצוקומען בלויז מיט רייד אַליין, וועט דער בער קריכן ווייטער און אויסשפּרייטן זיינע לאַפּעס איבער דעם גאַנצן נאָענטן מזרח, פון דאָרט קיין אַפריקע און דעם אינדישן אָקעאַן.

אין איצטיקן מאָמענט גלויבט מען אין געוויסע ישראל־קרייזן, אַז די סטראַטעגיע, וואָס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אין מאָסקווע מיט די עגיפּטישע פירער, איז פאַר די עגיפּטער צו מאַכן אַן ערנסטן פאַרזוך און אויף אַ גרויסן מאַסשטאַב אַריבערצוקרייצן דעם סועץ קאַנאַל און צוריקטרייבן די ישראלים טיף אין מדבר סיני. די כוונה דערביי איז אַ פּשוטע: סאָוועט־רוסלאַנד איז זייער שטאַרק פאַראינטערעסירט צוריק צו עפענען דעם סועץ קאַנאַל צוליב עטלעכע סיבות. זי וואָלט איצט קאָנטראָלירט דעם קאַנאַל; אירע שיפן, וואָס פירן וואָפן קיין וויעטנאַם, וועלן מער נישט דאַרפן זיך שלעפן וואָכן־לאַנג אַרום דעם אַפריקאַנער קאָנטינענט; אירע קריגס־שיפן אין מיטללענדישן ים וואָלטן שנעל אַריין אין אינדישן אָקעאַן און אין דער פּערסישער בוכטע, ווו רוסלאַנד וואָלט שנעל אויסגעשפּרייט איר „איינפלוס", איצט, ווען ענגלאַנד האַלט זיך ביי צוריקציִען פון יענע געביטן.

ישראל שטייט איצט ווי אַ ביין אין האַלדז פאַר רוסלאַנד, דורך איר אַנוועזנהייט ביים סועץ קאַנאַל. דעריבער איז מאָסקווע אַזוי גערן, אַז עגיפּטן זאָל אַריבערשפּרייזן דעם קאַנאַל און צוריקשטויסן די ישראלים, כדי רוסלאַנד זאָל האָבן אַ פרייען דורכגאַנג. אָבער אַזאַ שריט מצד עגיפּטן וועט ישראל בשום אופן נישט דערלאָזן — און דאָס קען מיינען אַ פולשטענדיקע מלחמה.

איז ישראל גרייט דערויף? קיין שום פראַגע נישט. אַפילו ווען בלויז מיט אַ זייער באַגרענעצטער מאָס הילף פון אַמעריקע, זענען די פירנדיקע קרייזן אין ישראל זיכער, אַז מיט די עגיפּטער קען מען זיך אַן עצה געבן, אויב דער סאָוועטישער לופט־פלאָט וועט זיך דירעקט נישט אַריינמישן. און וואָס וועט זיין, אויב דער רוסישער לופט־פלאָט וועט אַריינטרעטן אין דעם קאַמף אויפן אַראַבישן צד? מיט וועמען איר זאָלט נישט רעדן, איז דער ענטפער אַן איינפאַכער און אַ קלאָרער: אין אַזאַ פאַל זענען מיר פעסט אַנטשלאָסן צו קעמפן קעגן די רוסן אַזוי לאַנג, ווי מיר וועלן קענען אויסהאַלטן!

אַלע גיבן צו, נאַטירלעך, אַז אַליין קען ישראל נישט דערוואַרטן צו פירן אַ לאַנגן און דויערהאַפטן קאַמף קעגן רוסלאַנד און אויך קעגן די אַראַבער. די האָפענונג דעריבער איז, אַז פון איין זייט, וועט אַמעריקע קומען צו הילף, און פון דער צווייטער זייט, וועט וואַשינגטאָן באַווייזן אָפּצושרייען רוסלאַנד פון אַן אָפענעם קאַמף, כדי צו פאַרמיידן אַ קאָנ־

פראַנטאַציע מיט אַמעריקע. מיר איז אויסגעקומען צו הערן די מיינונג, אַז אויב רוסלאַנד וועט אַריינקריכן אין אַ קאַמף, וועט זי אין ישראל געפינען נישט נאָר אַן עקשנותדיקן קעגנער, נאָר אַז דער נאָענטער מזרח וועט פאַר איר ווערן אַ צווייטע וויעטנאַם. ישראל איז זייער ערנסט אין איר שטעלונג, און מאָסקווע דאַרף דאָס פאַרשטיין.

קאַפּיטל 2

די עקאָנאָמישע זייט פון דעם ישראל־לעבן

ווי אַ טוריסט אין ישראל זעט דאָס עקאָנאָמישע לעבן — די ישראל־ווירטשאַפט און דער אויפבוי פון דער מדינה — די וויכטיקע ראָל פון טור־ריזם — וואָס דער באַרימטער אַמעריקאַנער־יידישער עקאָנאָמיסט, ד"ר אַרטור בוירנס, זאָגט וועגן דער ישראל־עקאָנאָמיק.

איינע פון די ערשטע איינדרוקן, וואָס אַ נייער טוריסט באַקומט אין ישראל, איז די וואונדערשיינע לאַנדשאַפט און די פאַרבנרייכע בלומען, וואָס וואַרפן זיך אין די אויגן אויף שריט און טריט. אין די גרויסע שטעט, אין די קלענערע שטעטלעך, אין די קיבוצים, אויף די וועגן — אומעטום זענען פאַראַן בלומען פון אַלערליי קאָלירן. עטלעכע מאָל איז מיר אויסגעקומען אין ירושלים און אין פונקטן נאָענט צו די גרענעצן — צו זען פון דער ווייטנס די אַראַבישע שטחים, די אָפּגעלאָזנקייט, דעם מדברדיקן אָדער שטיינערנעם אויסקוק אין פאַרגלייך מיט דער גרינקייט און פאַרבנ־רייכקייט אויף דער ישראל־זייט.

ווי שוין דערציילט אין פריערדיקן קאַפּיטל, איז עס געווען אונ־דזער ערשטער באַזוך אין דער יידישער מדינה. אַלץ איז פאַר אונדז, פאַר מיר און מיין פרוי, געווען ניי און פריש און אין אַ היפּשער מאָס אויך איבערראַשנדיק. איך האָב שוין אָנגעוויזן, למשל, אַז דאָס לעבן איז נאָרמאַל, עס פעלט חלילה גאָרנישט, מען האַלט אין איין בויען אומע־

טום, איבערהויפּט אין ירושלים — בקיצור, עס איז ממש נישט צו גלויבן, אַז דאָס לאַנד איז פאַרוויקלט אין אַ שווערער מלחמה.

אַן אַנגענעמע איבעראַשונג איז פאַר אונדז געווען דער באַוואַסערונגס־סיסטעם, וועמענס דערפאָלגרייכע רעזולטאַטן מיר האָבן געזען איבער דעם גאַנצן לאַנד. דער איינדרוק פון אַלע יאָרן איז געווען, אַז אין ישראל הערשט אַ מאַנגל אין וואַסער, אָבער מיר האָבן אומעטום געזען כסדרדיקע באַוואַסערונג פון פעלדער, גאָרטנס, פּאַרקן, וכדומה. דאָס מיינט נישט צו זאָגן, אַז דער מאַנגל איז אָפּגעשאַפט געוואָרן, נישט מער, וואָס די וואַסערן ווערן בעסער פאַרטיילט און נישט סתם פאַרטאַכלעוועט. מיר האָבן געהאַט די געלעגנהייט צו זען, ווי די וואַסערן ווערן געצוימט אין די צפון־טיילן פון לאַנד. יעדער קוואַל, יעדעס טייכעלע און יעדער ריטשקעלע, ווערט געהיט און געצערטלט, און ווערט געפירט צו די דרום טיילן, ביז אילת און טיף אין סיני מדבר.

מיר האָבן פריער אויך פיל געהערט נישט קיין פרייליכע גרוסן וועגן דער עקאָנאָמישער לאַגע אין ישראל, די ריזיקע דעפיציטן פון דער רעגירונג צוליב די מלחמה־הוצאות, דער נישט באַלאַנסירטער איסלענדישער האַנדל, און די פאַרקלענערונג אין געלט־ווערטן, איבערהויפּט אין דאָלאַרן. מיר זענען געווען איבעראַשט צו זען, אַז אין לאַנד הערשט אַ באַדייטנדיקע פּראָספּעריטי, די פאַרדינסטן זענען גוט, די געשעפטן זענען פול מיט אַלעם גוטן, און דער עולם קויפט אַלץ. איך האָב זיך נאָכגעפרעגט וועגן אַרבעטסלאָזיקייט, האָט מען מיר פאַרזיכערט, אַז נישט נאָר ווייסט מען נישט דערפון, נאָר מען באַשעפטיקט נאָך טויזנטער און טויזנטער אַראַבער, וועלכע מען ברענגט פון די באַפרייטע שטחים.

נאַטירלעך, באַקלאָגט מען זיך אויף די הויכע שטייערן, דאָ און דאָרטן קומט פאָר אַ שטרייק פאַר העכערע שכירות, אָבער אַז איר צערעדט זיך מיט אַ ישראל־בירגער, פאַרזיכערט ער אייך, אַז מ׳איז גרייט צו ליידן און טראָגן יעדן מעגלעכן עול, אַבי צו פאַרזיכערן די צוקונפט פון דער מדינה. בעת אונדזער באַזוך אין ישראל איז דאָרטן אָנגעגאַנגען אַ שטרייק פון קראַנקן־שוועסטער אין די שפּיטאָלן, וועמענס הויפּט־פאָדערונג איז געווען העכערע שכירות. נאָך דעם, ווי דער שטרייק האָט געדויערט פיר־פינף טעג און די כנסת האָט אויסגעדריקט די מיינונג, אַז דאָס איז מער נישט סתם אַ שטרייק פון אַרבעטער קעגן באַלעבאַטים, נאָר אַז עס טוט שאַדן דער גאַנצער מדינה, האָט מען דעם סיכסוך שנעל געלייזט. די

שטרייקן דויערן בדרך כלל נישט צו לאַנג, מחמת אַלע זעען באַלד איין דעם שאָדן, וואָס עס פאַראורזאַכט און יעדער איינער פילט די פאַראַנט־וואָרטלעכקייט נישט צו שעדיקן דאָס לאַנד — וואָס דאָס מיינט דאָך די אייגענע אינטערעסן.

ס׳איז אונדז אויסגעקומען צו זיין אין אַ צאָל פאַבריקן אין חיפה און אין אַנדערע ערטער איבערן לאַנד און כמעט אין אַלע פאַלן האָבן מיר געהערט, אַז עס פעלן אויס אַרבעטער. מיר האָבן געזען אַ ריי פאַך־שולן, וואָס זענען געגרינדעט געוואָרן דורך דער הסתדרות, ווו מען גרייט צו יוגנטלעכע צו פאַרנעמען פאַרשידענע באַשעפטיקונגען אין דער אינדוסטריע פון לאַנד און זיי ווערן טאַקע באַלד באַשעפטיקט.

איינע פון די גאָר וויכטיקסטע אינדוסטריעס איז דער טוריזם און פאַר די טוריסטן ווערט גאָרנישט געזשאַלעוועט. עס זענען אויפגעבויט געוואָרן די שענסטע האָטעלן מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן. די פיינסטע מאַלצייטן, לופט־קילע אויטאָס, וואָס זאָלן זיי אַרומפירן איבער דעם לאַנד און באַלערנדיקע מדריכים, וואָס אינפאָרמירן דעם טוריסט וועגן יעדן היסטאָרישן אָרט. דער מדריך אויף אונדזער אויטאָ האָט, חוץ העברעיש, אויך גערעדט אַ געשמאַקן יידיש, אויסגעצייכנט ענגליש, אַראַביש און אַנדערע שפּראַכן. ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער איז אַ „סאַבראַ" און האָט זיך אַנדערהאַלבן יאָר ספּעציעל געלערנט, כדי צו קענען זיין אַ מדריך, דערהויפּט יידישע געשיכטע, אַרכעאָלאָגיע און אַנדערע קעגנשטאַנדן.

בעת מיר זענען געווען אין ישראל, האָט דער מיניסטעריום פון טוריזם געמאָלדן, אַז אין די ערשטע זעקס חדשים פון יאָר 1970 זענען אין לאַנד אָנגעקומען 194 טויזנט טוריסטן — די העכסטע צאָל אין דער געשיכטע פון דער מדינה. דער פריערדיקער רעקאָרד איז געווען אין דער ערשטער העלפט פון 1968, קורץ נאָך דער זעקס־טאָגיקער מלחמה, ווען די צאָל טוריסטן האָט דערגרייכט קנאַפּע 189 טויזנט. אין חודש יוני 1970 אַליין, זענען געקומען 38.750 טוריסטן, וואָס דאָס איז אויך אַ רעקאָרד פאַר איין חודש. קיין ווונדער נישט, וואָס אין ישראל דערוואַרט מען, אַז במשך פון נאָך אַ יאָר אָדער צוויי, זאָל דער טוריזם גרייכן אַ האַלבן מיליאָן באַזוכער אין איין יאָר.

וואָס דער טוריזם מיינט פאַר ישראל, איז נישט שווער זיך פאָרצו־שטעלן. פון איין זייט, דער עקאָנאָמישער געווינס, וואָס באַטרעפט אין די פילע מיליאָנען דאָלאַרן. פון דער צווייטער זייט, דער פּסיכאָלאָגישער

געווינס פאַר די בירגער פון דער יידישער מדינה דורך דעם, וואָס אַזוי פיל מענטשן פון דער פרייער וועלט, (אגב, איז דער פּראָצענט נישט־יידישע טוריסטן אַ גאַנץ היפּשער) סאָלידאַריזירן זיך מיט ישראל און קומען אַליין זען אירע דערגרייכונגען. פאַר יידן אין אַמעריקע און אין אַנדערע לענדער איז די גרויסע צאָל טוריסטן דער בעסטער באַוויז, אַז מען שרעקט זיך נישט אָפּ צו קומען, נישט געקוקט אויף אַלע באַמיונגען מצד די אַראַבער צו אַנטמוטיקן טוריזם.

פאַר מיר ספּעציעל איז געווען אינטערעסאַנט אויסצוגעפינען, אַז גראָד אין דער זעלבער צייט פון אונדזער באַזוך אין ישראל איז דאָרטן אויך געווען צו גאַסט דער באַרימטער אַמעריקאַנער יידישער עקאָנאָמיסט, ד״ר אַרטור בוירנס, וואָס איז פיל יאָרן געווען דער עקאָנאָמישער ראַט־געבער פון פּרעזידענט ניקסאָן. ד״ר בוירנס איז איצט דער פּאָרזיצער פון דער „פעדעראַלער רעזערוו באָארד״ אין וואַשינגטאָן, וואָס פּאַרוואַל־טעט מיט די באַנקן פון אַמעריקע. ער איז איינגעלאַדן געוואָרן פון דעם העברעישן אוניווערסיטעט אין ירושלים, וואָס האָט אים צוגעטיילט אַן ערן־דאָקטאָראַט. אגב, איז דאָס שוין זיין דריטער באַזוך אין ישראל.

די ישראלדיקע צייטונגס־לייט זענען געווען שטאַרק פּאַראינטערע־סירט אין זיינע מיינונגען וועגן די עקאָנאָמישע אויסזיכטן און דעם עקאָ־נאָמישן צושטאַנד אין אַמעריקע און די אַרטיקע פּרעסע האָט אויספירלעך ציטירט זיינע מיינונגען. פאַר מיר איז אָבער געווען וויכטיקער צו וויסן, וואָס אַזאַ באַרימטער עקאָנאָמישער עקספּערט האָט געהאַט צו זאָגן וועגן ישראל און איר ווירטשאַפט. אָט וואָס ער האָט געזאָגט וועגן ישראל:

„דער גרעסטער אוצר פון דעם לאַנד, זענען אירע פּאַטריאָטישע בירגער. יעדער מענטש פאַרשטייט זיין פליכט. איך בין טיף באַאיינדרוקט פון דעם מוט, אַרבעטזאַמקייט און פּאַטריאָטיזם פון די ישראלים. די אַמעריקאַנער באַוווּנדערן אַזעלכע מעלות און דאָס האָט געמאַכט ישראל אַזוי פּאָפּולער ביי די אַמעריקאַנער. ישראל קען זיך פאַרלאָזן אויף דער פריינדשאַפט פון דער אַמעריקאַנער רעגירונג און דעם פאָלק. ישראלס זעלבסטשטענ־דיקייט און פּראָספּעריטי זענען וויכטיק פאַר אונדז אַלעמען״.

וואָס איז שייך דער ישראל־ווירטשאַפט, האָט ד״ר בוירנס געזאָגט, אַז אירע דערגרייכונגען אויף דעם עקאָנאָמישן געביט זענען ביז איצט געווען גאַנץ באַדייטנדיקע, אָבער עס קענען און מוזן געמאַכט ווערן אויסבעסערונגען. דער אויסלענדישער האַנדל מוז מער אויסגעברייטערט

ווערן, און די אינדוסטריעלער און סוחרים מוזן זוכן מיטלען צו פאַר־גרעסערן זייערע מערק אין אויסלאַנד, אַנשטאָט זיך בלויז באַגנוגענען מיטן פאַרגרעסערן זייערע געשעפטן אין ישראל גופא. דערביי האָט ד״ר בוירנס צוגעגעבן, אַז דאָס קען דערגרייכט ווערן אויף דעם בעסטן אופן דורך פּריוואַטער איניציאַטיוו, אָבער מיט דער הילף פון דער ישראל רעגירונג.

ער האָט אויך אָנגעוויזן פאָלגנדיקס: אין די לעצטע צוויי יאָר האָט ישראל פאַרצייכנט אַ „בום״ (אַן אויפשטייג) אין איר עקאָנאָמיע, וואָס דאָס האָט אויך איינגעשלאָסן אַ העכערן איינקונפט און צו דער זעלבער צייט האָבן די פרייזן זיך געהאַלטן מער־ווייניקער אין צוים. צוליב די ריזיקע הוצאות אין פאַרבינדונג מיט דער מלחמה, זענען ישראלס אינטער־נאַציאָנאַלע געלט־רעזערוון שטאַרק פאַרקלענערט געוואָרן און האָבן דער־גרייכט אַן ערנסטע שטופע. ישראל וועט דעריבער, לויט דער מיינונג פון ד״ר בוירנס, מוזן געפינען די מעגלעכקייטן צו לייזן צוויי שווערע עקאָ־נאָמישע פּראָבלעמען:

ערשטנס, כדי אָפּצושטעלן דעם פאַרלוסט פון די געלט־רעזערוון און זיי צוריק אויפבויען, וועט נויטיק זיין צו לעבן מער איינגעהאַלטן, איבער־הויפּט טאַקע מצד דעם פאָלק, וואָס דאַרף ווערן מער איינגעהאַלטן אין קויפן פאַרברויך־אַרטיקלען, וואָס דאַרפן אימפּאָרטירט ווערן פון אויסלאַנד.

צווייטנס, ישראל מוז ווערן נאָך מער אונטערנעמעריש ווי זי איז געוועזן ביז איצט אין געפינען נייע מערק פאַר דעם עקספּאָרט פון אירע פּראָדוקטן.

קיין אַנדערע עצות האָט ער נישט געוואָלט געבן, ווייל ער האַלט נישט, אַז אַ באַזוכער אויף אַ קורצער ווייל דאַרף געבן עצות. אין ישראל רעכנט מען זיך אָבער זייער שטאַרק מיט זיינע מיינונגען.

אויך דער שרייבער פון די שורות איז נישט גערן צו געבן עצות נאָך אַ קורצן באַזוך פון צוויי וואָכן. אָבער איין זאַך איז פאַר מיר געוואָרן אויפפאַלנדיק. בעת אונדזער אַרומפאָרן איבער דעם לאַנד, האָבן מיר געזען זייער פיל ליידיקע שטרעקעס, נישט באַאַרבעטע און נישט אַנט־וויקלטע. מיר רעדן דאָ נישט וועגן די באַפרייטע שטחים, נאָר טאַקע אינערהאַלב די פריערדיקע גרענעצן. אין אַנדערע ווערטער, עס איז נאָך פאַראַן אַ סך פּלאַץ צו באַאַרבעטן און פאַרבויען און אַזוי אַרום נאָך מער אויסברייטערן דיווירטשאַפט. ווען איך האָב דאָס אויפמערקזאַם געמאַכט

צו באַקאַנטע, איז דער ענטפּער געווען: „אדרבה, גיט איבדז די מענטשן און מיר וועלן עס דערגרייכן אָן שום שוועריקייטן".

ווי האָט גאָלדע מאיר געזאָגט אין איר רעדע צו אונדז: „זאָרגט זיך נישט וועגן אונדזער מוט, אונדזערע נערוון און אונדזער אַנטשלאָסנקייט צו טאָן דאָס, וואָס מיר דאַרפן טאָן. מיין איינציקע פראַגע איז: וואָס איז וועגן אייערע נערוון, אייער מוט און אייער אַנטשלאָסנקייט?".

דאָס אַמעריקאַנער יידנטום מוז מיט שטאָלץ געבן אַן ענטפער, וואָס זאָל נישט נאָר דערמוטיקן ישראל, נאָר זאָל אויך האָבן דעם געהעריקן אָפּקלאַנג אין מאָסקווע און אין די הויפּטשטעט פון אַלע אַראַבישע לענדער.

קאַפּיטל 3

ישראל און די נישט־יידישע וועלט

הילף און סימפּאַטיע פון נישט־יידישער וועלט, וויכטיק פאַרן יידישן קיום און ישראלס עקזיס־טענץ — דאָס פאַלשע בילד וועגן דער יידישער מדינה — דער אַפראָ־אַזיאַטישער אינסטיטוט אין תל־אביב — ישראלס אויסלענדישע הילף־פּראָגראַם אין 80 לענדער

אין די קורצע צוויי וואָכן, וואָס מיר האָבן פאַרבראַכט אין מדינת ישראל, האָבן מיר פּרובירט אַריינקוקן אין אַזוי פיל ווינקעלעך פון דעם ישראל־לעבן, ווי נאָר מעגלעך. מיר, (מיין פרוי און איך), זענען געפאָרן אַלס דעלעגאַטן צום צוזאַמענפאָר פון די אַמעריקאַנער פריינד פון דער הסתדרות, געווידמעט דעם 50־יאָריקן יובל פון דער ישראלדיקער אַרבעטער־קערפּערשאַפט. ווי שוין דערמאָנט אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל, איז עס געווען אונדזער ערשטער באַזוך אין דער יידישער מדינה, אָבער פאַר אַ גרויסער צאָל פון די בערך 350 מענטשן, וואָס זענען געקומען פון אַמעריקע צום צוזאַמענפאָר, איז עס געווען אַ צווייטער, אָדער אַ דריטער באַזוך, און אַפילו מער.

אין אונדזער גרופּע זענען געווען אַ צאָל קריסטן, איינשליסנדיק אַ באַוווסטן ריכטער פון פּיטסבורג מיט זיין פרוי, וויליאַם סערקאַני; אַ באַקאַנטער נעגער־פירער, בענדזשאַמין מעקלאַרין, וואָס איז אַ מיטגליד פון ראַט פון העכערער דערציִונג אין ניו־יאָרק; טוער און באַאַמטע פון פאַרשידענע יוניאָנס, אַ קריסטלעכע פאַמיליע פון מינעאַפּאָליס, ווי אויך פון אַנדערע שטעט איבער אַמעריקע. זייער באַגייסטערונג בנוגע די דערגרייכונגען פון ישראל אין דער קורצער צייט פון איר עקזיסטענץ, איז ממש נישט אָפּצושאַצן, און ס'איז קיין צווייפל נישט, אַז זיי וועלן האָבן פיל צו דערציילן זייערע קריסטלעכע פריינד אין אַמעריקע.

מיט דעם נעגער־פירער, מעקלאַרין, איז מיר אויסגעקומען צו שמועסן אָפט אין פאַרלויף פון די צוויי וואָכן. ער איז אַ העכסט־אינטעליגענטער מענטש און אַ וואַרעמער יידן־פריינד. דאָס איז שוין זיין דריטער באַזוך אין ישראל, האָט ער מיר דערציילט, און יעדעס מאָל לערנט ער עפּעס נייעס. נאָך דעם, ווי מיר האָבן פאַרענדיקט דעם טור איבערן לאַנד, געזען פאַרשידענע היסטאָרישע און רעליגיעזע פּלעצער, און באַאָבאַכטעט ווי מען היט זיי אָפּ מיט אַזאַ יראת־הכבוד, זאָגט ער צו מיר אויפן וועג אַהיים, אין עראָפּלאַן:

„ווייסט וואָס איך וועל טאָן, ווען איך וועל אַהיים קומען? איך וועל זיך אַוועקזעצן און ווידער איבערלייענען די ביבל. שוין לאַנג, לאַנג נישט אַריינגעקוקט דערין. אָבער נישט גלאָט לייענען, נאָר טאַקע שטודירן — און איצט וועל איך עס בעסער פאַרשטיין. און ווייסטו, וועלכע ביבל? אייערע, דעם אַלטן טעסטאַמענט, נישט אונדזערע".

בעת אונדזער אַרומרייזן איבערן לאַנד, האָבן מיר, נאַטירלעך באַזוכט אַ צאָל הסתדרות־אינסטיטוציעס, שפּיטאָלן, צענטערס, פאַר־שולן, קאָלעדזשעס, הייזער־פּראָיעקטן, וכדומה. איין פרימאָרגן האָבן מיר אין ירושלים באַזוכט דעם „אייזיק טעילאָר יוגנט־צענטער", אויף דעם נאָמען פון אייזיק טעילאָר, אַ פאַרמעגלעכער ייד, וואָס וווינט אין אַ שטעטל צווישן וואַשינג־טאָן און באַלטימאָר. מיר קענען זיך מיט אים פערזענלעך. גראָד איז דעמאָלט אין דעם יוגנט צענטער געווען אַן אויסשטעלונג פון נעגער־לעבן אין אַמעריקע, אָנהייבנדיק פון דעם פעריאָד פון שקלאַפעריי ביז דער היינטיקער צייט. קוקנדיק אויף די בילדער און צייכענונגען, האָט מען געקענט פילן די סימפּאַטיע צום גורל פון די נעגערס. איך האָב באַמערקט, אַז דער נעגער מעקלאַרין האָט זיך ממש נישט געקענט אָפּרייסן פון די

בילדער. האָב איך זיך צוגעשאַרט נעענטער צו אים, געקוקט אויף די בילדער, אָבער גאָרנישט געזאָגט. פּלוצים האָט ער זיך אויסגעדרייט צו מיר און באַמערקט:

„זייער אינטערעסאַנט. פאַר מיר, איז עס אַן אַנגענעמע איבערראַשונג צו זען, אַז נישט געקוקט אויף די שווערע פּראָבלעמען, מיט וועלכע ישראל ראַנגלט זיך, איז מען דאָ פאַראינטערעסירט צו וויסן וועגן דעם לעבן און דער געשיכטע פון מיין ראַסע". מעקלאָרין איז געבליבן שטיל אויף אַ מאָמענט, זיך פאַרטראַכט, און דאַן צוגעגעבן: „ווייסט, מיין פריינד, ווען מיינע מענטשן (מיינענדיק נעגערס), וואָלטן פאַרשטאַנען, אַז אין דעם יידישן פאָלק און אין מדינת ישראל האָבן זיי אויפריכטיקע פריינד, וואָס שאַצן אָפּ זייער לאַגע, וואָלט זייער באַציונג צו אייך געווען גאָר אַן אַנדערע".

אויך מיט דעם קריסטלעכן פּאָרל פון מינעאַפּאָליס האָבן מיר פאַר־בראַכט אָפּט, אָבער איין אינצידענט מיט זיי האָט זיך איינגעקריצט אין זכרון. אונדזער גרופּע האָט באַזוכט דעם „יד ושם" אין ירושלים, וואָס איז געווידמעט דעם אָנדענק פון די זעקס מיליאָן יידישע קדושים, וואָס זענען אומגעקומען דורך די היטלער־רוצחים. מיר האָבן געזען די פאַרשידענע אויסשטעלונגען און בילדער פון יידישן מאַרטירערטום און העראָיזם, און אַפילו זיך באַטייליקט אין דער צערעמאָניע, וואָס קומט פאַר יעדן פאַרמיטאָג ביים נר תמיד אין דעם אָנדענק־זאַל. מיר האָבן אַרומשפּאַצירט צוזאַמען מיט דעם קריסטלעכן פּאָרל, געקוקט אויף די בילדער, געלייענט די אויפשריפטן, און אין האַרצן האָט געצופּט צו געווין אויף דעם גרויסן יידישן בראָך. אַפילו די קריסטלעכע פרוי איז טיף גערירט געוואָרן און האָט באַמערקט צו אונדז:

„מיר האָבן געהערט, אַז אַ גרויסע צאָל יידן זענען אומגעבראַכט געוואָרן דורך די נאַציס, אָבער מיר האָבן זיך קיין מאָל נישט פאָרגע־שטעלט, אַז די טראַגעדיע איז טאַקע געווען אַזוי גרויס. ס'האָט זיך נישט געלייגט אויפן שכל, אַז מען זאָל טאַקע אַזוי פיל מענטשן אומברענגען. איך האָב עס נישט געוואָלט גלויבן און אַ סך קריסטן גלויבן עס נישט ביזן היינטיקן טאָג. ערשט איצט זע איך, ווי ווייט אמת עס איז. דאָס איז פאַר מיר אַ זייער טרויעריקע איבערראַשונג. איך וועל האָבן פיל, וואָס צו דערציילן מיינע פריינד אין מינעאַפּאָליס, ווען איך וועל אַהיים קומען".

וואָס ווייזט עס אַלץ? אין ביידע פאַלן, סיי מיט דעם נעגער מעק־

לאַרין, און סיי מיט דער קריסטלעכער פּרוי פון מינעאַפּאָליס, ווייזט עס, אַז מיר נוצן נישט אויס די גרויסע מעגלעכקייטן צו געווינען די פאַר־שטענדעניש און סימפּאַטיע פון דער גרויסער גויאישער וועלט אין אַמע־ריקע לטובת יידן בכלל און מדינת ישראל בפרט. דאָס איז אַ פּרוכטבאַר פעלד, וואָס וואַרט מען זאָל קומען און עס באַאַרבעטן. אָבער מיר פאַר־נאַכלעסיקן עס.

ישראל טוט יאָ עפּעס, אָבער אין אַ באַגרענעצטער מאָס, לויט אירע כוחות. זי וואָלט געקענט טאָן מער, ווען זי האָט די מעגלעכקייטן און וואָלט נישט געווען אַזוי שווער פאַרוויקלט אינעם געראַנגל פאַר איר עקזיסטענץ. אָבער געווינען די סימפּאַטיע פון דער נישט־יידישער וועלט, איז אויך אַ טייל פון דעם געראַנגל. ישראל דערמוטיקט נישט־יידן צו באַזוכן דאָס לאַנד און זען מיט די אייגענע אויגן, וואָס יידן האָבן אויפגעטאָן, ווי זיי לעבן, און ווי אויפריכטיק זיי זענען צו דערגרייכן שלום.

די הסתדרות האָט אויפגעשטעלט אין תל־אביב אַ וויכטיקע אינסטי־טוציע, וואָס טוט ווונדערבאַרע אַרבעט אויף דעם געביט פון שאַפן פריינד־שאַפט און בעסערע פאַרשטענדעניש מיט אַנדערע פעלקער. מיר מיינען דאָ דעם אַפראָ־אַזיאַטישן אינסטיטוט, וועמענס פאָרזיצער עס איז מיין אַלטער פריינד, אליהו אילת, ישראלדיקער ערשטער אַמבאַסאַדאָר אין וואַשינגטאָן, אין די יאָרן 1948 ביז 1950. גראָד אין דעם טאָג, ווען אונדזער גרופּע האָט באַזוכט דעם אינסטיטוט, (סוף יוני), זענען די פירער, לערער און סטודענטן שוין געווען אַוועק אויף זומער־וואַקאַציע און איך האָב נישט געהאַט די געלעגנהייט צו זען מיין ליבן חבר, א. אילת.

מיר זענען אויפגענומען געוואָרן פון דעם געהילף דירעקטאָר, וואָס האָט אונדז אַרומגעפירט איבער דער געביידע, דערקלערט די געשיכטע פון דעם אינסטיטוט, זינט ער איז געגרינדעט געוואָרן, מיט צען יאָר צוריק, און באריכות געשילדערט די פונקציעס און די אַרבעט מיט די אויסלענדישע סטודענטן, וואָס קומען אַהין שטודירן. מיר וועלן זיך דאָ נישט אַריינלאָזן אין קיין דעטאַלן, אָבער גענוג צו באַטאָנען, אַז אין דעם פאַרגאַנגענעם יאַרצענדליק, האָבן זיך אין דעם אַפראָ־אַזיאַטישן אינ־סטיטוט געלערנט בערך צוויי טויזנט סטודענטן פון אַרום 80 לענדער. עס דאַרף פאַרשטאַנען ווערן, אַז דאָס זענען נישט סתם יוגנטלעכע, נאָר אין די מערסטע פאַלן, דערוואַקסענע פירער פון יענע לענדער, וואָס שפּילן

היינט צו טאָג אַ וויכטיקע ראָל אין זייערע לענדער און שאַצן אָפּ די הילף און וויסן וואָס זיי האָבן באַקומען אין דער יידישער מדינה. אין פיל פאַלן פּרובירן זיי איצט, אין זייערע לענדער, נאָכפאָלגן דעם ביישפיל פון ישראל אין פיל היגזיכטן, איבערהויפּט אויפן געביט פון בויען זייערע לענדער אויף די פּרינציפּן פון אַ דעמאָקראַטישער געזעל־שאַפט, ווי זיי האָבן עס געלערנט אין ישראל. זייער פריינדשאַפט צו ישראל איז נישט אָפּצושאַצן.

און נאָך איין אינטערעסאַנטן פאַקט ווילן מיר דאָ אַרויסברענגען. ישראל באַגנוגט זיך נישט בלויז מיט ברענגען סטודענטן פון אויסלאַנד, נאָר גיט וויכטיקע און ממשותדיקע הילף צו אַ גאַנצער ריי לענדער אין אַפריקע, אַזיע און לאַטיין־אַמעריקע, כאָטש אירע אייגענע מיטלען און רעסורסן זענען אַזוי שטאַרק באַגרענעצט. און וועגן דעם טאַקע ווילן מיר דאָ איצט דערציילן.

ביי דעם צוזאַמענפאָר פון די אַמעריקאַנער פריינד פון הסתדרות איז מיר צוגעטיילט געוואָרן דער כבוד צו זיין פאָרזיצער ביי צוויי זיצונגען, איינע געווידמעט צו דער טעמע „ישראל אויף דעם געביט פון אינטער־נאַציאָנאַלער קאָאָפּעראַציע״, און די צווייטע זיצונג געווידמעט צו דער פראַגע „דער אַראַבישער ישוב אין ישראל״ (צו דעם ענין אַראַבער אין ישראל, וועלן מיר זיך אומקערן אין אַ ווייטערדיקן קאַפּיטל). דאָס מאָל וויל איך זיך אָפּשטעלן וועגן דער ערשטער זיצונג, געמלעך, ישראלדיקע אינטערנאַציאָנאַלע טעטיקייטן. אגב, איז מיין וויצע־פאָרזיצער געווען אַ קריכט, טאָמאַס פלאַוועל, אַ באַוווסטער יוניאָן־פירער אין ניו־יאָרק, וואָס איז אויך אַ גרויסער יידן־פריינד.

ביי דער זיצונג האָבן מיר געהאַט צוויי הויפּט־רעדנער: זאב הארינג, מיטגליד פון דער כנסת און אויך מיטגליד פון דער עקזעקוטיוו פון דער הסתדרות; און עוזיאל הראל, געוועזענער ישראל־אַמבאַסאַדאָר אין אַפּ־ריקאַנער לאַנד מאַלאַווי, און איצט געהילף דירעקטאָר פון דעפּאַרטאַמענט פון אינטערנאַציאָנאַלער קאָאָפּעראַציע אין ישראלדיקן אויסערן־מיניס־טעריום.ביידע האָבן אַרויסגעבראַכט זייער אינטערעסאַנטע געדאַנקען, וועלכע איך וויל דאָ פאָרמולירן זייער קורץ.

הארינג האָט באַגוויזן, אַז ישראל שטעלט מיט זיך היינט פאָר נישט בלויז אַ יידישן ישוב, נאָר אַ יידישע געזעלשאַפט און אַ יידישן שטייגער פון לעבן. די אַראַבישע געזעלשאַפט איז גאָר אַנדערש. די אַראַבער באַזיצן

נישט דעם גייסט פון געמיינשאַפטלעכער הילף. דאָך, אויב אַפילו ישראל וועט דאַרפן אָפּגעבן געוויסע אַראַבישע טעריטאָריעס, וועט דאָס לעבן דאָרט קיין מאָל מער נישט זיין דאָס זעלבע, ווי פריער, ווייל יידן האָבן געגעבן די אַראַבער נייע באַגריפן וועגן סאָציאַלע ווערטן, הילף, דערציִונג, וכדומה. אין אַנדערע ווערטער, פון יידן האָבן די אַראַבער געלערנט דעם באַדייט פון אַ נייער געזעלשאַפט.

ער האָט אויך באַטאָנט אַ צווייטן פונקט. זינט דער זעקס־טאָגיקער מלחמה, האָט האַרינג געזאָגט, האָט זיך אין די מערב־לענדער באַקומען אַ צעדרייט בילד וועגן ישראל און אָט דעם פאַלשן באַגריף דאַרף מען באַקעמפן. ער האָט אויפגעפאָדערט יידן אין אַמעריקע און אין אַנדערע לענדער צו באַקעמפן דאָס פאַלשע בילד וועגן ישראל, איבערהויפּט ביי דער יוגנט, די ליבעראַלע עלעמענטן און ביי נישט־יידן בכלל. אין אַלע פרייע לענדער מוז אויפגעהויבן ווערן אַ גרויסע באַוועגונג לטובת ישראל, איבערהויפּט צווישן נישט־יידן.

דער צווייטער רעדנער, עזריאל הראל, האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף ישראלדיקער הילף צו אַנדערע לענדער, וואָס דאָס האָט מיך גאָר שטאַרק אינטערעסירט. ער האָט אָנגעוויזן, אַז ישראלס הילף־פּראָגראַם גרייכט היינט צו 80 לענדער אין אַפריקע, אַזיע און לאַטיין־אַמעריקע, און אַז דאָס האָט אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג אין יענע לענדער, וואָס שאַצן אָפּ ישראלס הילף און פריינדשאַפט. לעצטנס האָבן די אַראַבישע לענדער אָנגעהויבן איינזען די באַדייטונג פון דער הילף און זיי באַמיִען זיך איצט, דורך אויסאיבן אַלערליי דרוק־מיטלען, צו שעדיקן די פריינדלעכע באַציִונגען צווישן ישראל און די אַנדערע לענדער.

הראל האָט דערקלערט, אַז ישראלס הילף פּראָגראַם באַשטייט דורכ־אויס פון טעכנישער הילף. אין קעגנזאַץ צום אַמעריקאַנער פּראָגראַם, וואָס שליסט איין טעכנישע, עקאָנאָמישע און מיליטערישע הילף. ישראלס טעכ־נישע הילף באַשטייט אין העלפן די באַטרעפנדיקע לענדער אַנטוויקלען זייער אַגריקולטור, פאַרבעסערן זייער דערציִונג און געזונט־באַדינונג, בויען וועגן, אָנפירן וויסנשאַפטלעכע פאָרשונג, איינשטעלן פאַרשידענע אַלגעמיינע באַדינונג, (סוירוויסעס), אינדוסטריעלע און טעכנאָלאָגישע צו־גרייטונג, וכדומה. אין די לעצטע יאָרן האָט ישראל געשיקט בערך 3.500 פון איר עקספּערטן אויף פאַרשידענע געביטן קיין אויסלאַנד, און איצט האָט זי אַרום 450 אַזעלכע עקספּערטן אין די דערמאָנטע לענדער. הגם

דאָס קאָסט ישראל אַ היפּשע סומע געלט, איז עס אָבער אַ גאָר קליינע סומע, אין פאַרגלייך מיט די ריזיקע סומעס, וואָס אַמעריקע גיט אויס פאַר אויסלענדישער הילף און עס ברענגט בעסערע רעזולטאַטן.

מיין קריסטלעכער וויצע־פּאַרזיצער, טאָמאַס פלאַוועל, וואָס איז געזעסן נעבן מיר אויף דער טריבונע, האָט זיך צוגעבויגן און מיר אַריינגעשושקעט אין אויער: „אַ שאָד, וואָס אונדזערע פירער אין סטייט־דעפּאַרטמענט און אין קאָנגרעס, פאָלגן נישט נאָך דעם ביישפּיל פון ישראל, אַנשטאָט צו פאַרשווענדן מיליאַרדן דאָלאַרן אויף אויסלענדישער הילף מיט אַזעלכע שוואַכע רעזולטאַטן. זיי וואָלטן געקענט אַ סך אָפּלערנען פון ישראל".

קאַפּיטל 4

תל־אביב — יפו

תל-אביב, דער קולטורעלער צענטער פון מדינת ישראל — אירע גאַסן, געביידעס און קולטור־אינסטיטוציעס — די הסתדרות הויפּטקוואַרטיר און קרית סיגאל — יפו, אַמאָל און היינט — ווי יפו זעט אויס היינט.

אין תל־אביב און אומגעגנט האָבן מיר פאַרבראַכט קנאַפּע פינף טעג, די סאַמע ערשטע טעג פון אונדזער באַזוך אין ישראל. בערך צוויי און אַ האַלבן טאָג, זענען אָפּגעגעבן געוואָרן צו דער „אַסעמבלי פון אַמעריקאַנער פריינד פון הסתדרות" לכבוד דעם גאָלדענעם יובל פון דער ישראלדיקער אַרבעטער־קערפּערשאַפט, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין דעם „אכדיה" האָטעל אין הרצליה, בלויז עטלעכע מייל צו צפון פון תל־אביב. באַשטימט האָט מען פאַר אונדז בלויז צוויי טעג צו זען די האַלבמיליאָניקע מעטראָפּאָליע פון דער יידישער מדינה — און דאָס איז, ליידער, געווען צו ווייניק.

אין דעם עלעגאַנטן אכדיה האָטעל איז ממש שווער געווען צו גלויבן,

אַז מיר געפינען זיך אין ישראל, מחמת אַלץ איז געווען כמעט ווי אויף דעם אַמעריקאַנער שטייגער: שיין מעבלירטע צימערן, די פיינסטע מאָל־צייטן, אַ רחבותדיקע לאָבי מיט פּראַכטפולע טעראַסן, אַ קאָלירפולער שווים־באַסיין, גוטע באַדינונג, א. א. וו. אַלץ איז טאַקע געווען אויף דעם שענסטן און בעסטן אופן, אָבער דאָס איז אַלץ פאַר דעם טוריסט. מיר האָבן געגאַרט צו זען ישראל, אירע בירגער, אירע גאַסן, אירע שטעט און דערפער. מיר האָבן געהאַט אַדרעסן פון פריינד און קרובים, מיר זענען געווען גערן איבערצוגעבן גרוסן פון קרובים און באַקאַנטע אין וואַשינגטאָן, און מיר זענען דעריבער געווען אומגעדולדיק אָנצוהייבן דעם באַזוך איבערן לאַנד.



אַ בילד גענומען פון דעם מחברס צימער אין אכדיה האָטעל אין הרצליה. מען זעט דעם שווים־באַסיין, איינזיקע געסט און דעם ים־ברעג פון מיטלענדישן ים. צו לינקס, ביים עק פון שווים־באַסיין, שטייט דעם מחברס פרוי און פאַכעט מיט דער האַנט.

תל־אביב איז פּאַקטיש געווען דאָס ערשטע אָרט, וואָס מיר האָבן געהאַט די געלעגנהייט צו זען. מ׳האָט אונדז געוואָרנט וועגן די היצן, אָבער אַט געפינען מיר זיך אין סאַמע תל־אביב, סוף חודש יוני, און ס׳איז מחיהדיק אָנגענעם. אין דער פרי איז בכלל אַלץ פריש און פון צייט צו צייט דערטראָגט זיך אַפילו אַ געשמאַק ווינטעלע פון ים.. ביי טאָג איז געוואָרן גאָר וואַרעם, אָבער נישט ערגער, ווי ביי אונדז אין וואַשינגטאָן. די היץ ביי טאָג האָט אונדז נישט אָפּגעהאַלטן, ווייל מיר זענען אַרומגעפאָרן אין לופט־געקילטע (עיר־קאָנדישאַנד), אויטאָבוסן, און ווען מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט נעבן אַ געביידע און אַריינגעגאַנגען אַהין איז אין די מערסטע פון זיי געווען אָנגענעם און קיל.

אין די צוויי קורצע טעג אין תל־אביב האָבן מיר, באַטירלעך, ווייט

נישט באַוויזן צו זען אַלץ, וואָס מיר האָבן געהאָפט צו זען. דאָס איז פּאַר אונדז געווען אַ ביסל אַן אַנטוישונג. פון דעסטוועגן האָבן מיר באַוויזן צו זיין אין פיל ערטער און זען אַ היפשן טייל פון דער שיינער יידישער שטאָט. און עס איז דאָ וואָס צו זען, אירע איינוווינער מעגן מיט רעכט שטאָלצירן. תל־אביב קען זיך נישט פאַרגלייכן אין גרויסקייט און אין צאָל איינוווינער מיט ניו־יאָרק אָדער לאָנדאָן אָדער פּאַריז, אָבער אין פיל הינזיכטן איז זי חנעוודיקער, ריינער, פריינדלעכער און נישט ווייניקער לעבעדיק. זי האָט נאָך אַ גרויסע מעלה: מען פילט זיך זיכערער אויף אירע גאַסן, סיי ביי טאָג און סיי ביי נאַכט.

תל־אביב, וועמענס טייטש איז „דאָס בערגל פון פרילינג״, איז אַ שטאָט פון פּאַרקן, שיינע בולוואַרן, פּראַכטפולע קולטור־צענטערן, שפּיל־פּלעצער, ברייטע און ריינע גאַסן, און כמעט אומעטוםביימער, קוסטעס און בלומען. אַלנפאַלס, אַזוי האָבן מיר זי געזען אין זומער־צייט. די הויפּט־גאַסן זענען געווען געדיכט פון מענטשן און טראַפיק. דער אויטאָמאָביל־פּאַרקער האָט מיך שטאַרק דערמאָנט אין די גרויסע שטעט אין אַמעריקע, אָבער ביי אונדז זענען די גאַסן אין אָוונט פּאַקטיש אויסגעליידיקט פון מענטשן. אין תל־אביב אין די אָוונטן איז כמעט געווען שווער דורכצוגיין געוויסע פּלעצער צוליב דעם גרויסן געדראַנג פון מענטשן, איבערהויפּט יוגנט־לעכע.

פּאַרנט, ביי די קאַפע־הייזער, זענען די מערסטע טישלעך געווען פאַרנומען. איך האָב געהאַט דאָס געפיל, אַז אין די קאַפע־הייזער קומט מען נישט עסן, נאָר גיכער טרינקען אַ גלעזל טיי אָדער קאַפע, זען זיך מיט פריינד און באַקאַנטע, אָדער סתם זיצן און באַטראַכטן די וועלט, די פאַרביילויפנדיקע אויטאָמאָבילן, די שפּאַצירנדיקע יונגע און שיינע סאַברעס, די יונגעלייט אין מיליטערישע אוניפאָרמען. דורכן טאָג איז תל־אביב פאַרהאַוועט, פאַרשמאַיעט. דער האַלבער מיליאָן איינוווינער איז פאַרנומען אין די געשעפטן, קראָמען, ביוראָען, פאַבריקן, האָטעלן. די קינדער זענען אין די שולן. די פרויען זענען פאַרנומען מיט הויז־אַרבעט און איינקויפן, אָבער אַ באַדייטנדיקער פּראָצענט אַרבעט. יעדער איינער ווייסט זיינע פליכטן און יעדער איינער גייט אָן מיט זיינע טעגלעכע פּראָבלעמען, פּערזענלעכע זאָרגן, דאגת־פּרנסה, הויכע שטייערן — חוץ די אַלגעמיינע זאָרג וועגן כלל און וועגן דער מדינה.

פאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבן באַזוכט אַ היפּשע צאָל אינסטיטוציעס,

צענטערן, געביידעס. דאָס איז צו דערוואַרטן. איז דאָך תל־אביב נאָך אַלעמען דער צענטער פון קולטורעלן לעבן און טעטיקייט אין לאַנד, פונקט ווי ירושלים איז דער רעליגיעזער צענטער און חיפה דער אינדוסטריעלער צענטער. אין תל־אביב געפינען זיך אַ גרויסע צאָל קאָנצערט־זאַלן, מוזייען, טעאַטערס, קולטור־צענטערן, די רעדאַקציעס פון כמעט אַלע צייטונגען אין לאַנד (הוץ דער „דזשערוזאַלעם פּאָסט". וואָס געפינט זיך אין ירושלים). תל־אביב איז די היים פון דער „הבימה", א. אנד., פון דער

דער מחבר און זיין פרוי ביים אַריינגאַנג צו דער הסתדרות געביידע

ישראלדיקער נאַציאָנאַלער אָפּערע, די ענבל טאַנץ טרופּע, דער קאַמער טעאַטער, דער פילהאַרמאָנישער אָרקעסטער, די מאַן־אָדיטאָריע און די גאָר שיינע געביידע פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע פון אַמעריקע, דאָס שלום־עליכם הויז, דאָס לייוויק־הויז, דער בית העמלין און בית ליעסין, דער בית סאָקאָלאָוו, די פיל מואווי־טעאַטערס, האָטעלן, רעסטאָ־ראַנען, קאַפע־הייזער, אַמבאַסאַדעס, און שיין־אויסגעשטאַטע קראָמען מיט די מאָדערנסטע קליידער אויסגעשטעלט אין די שוי־פענצטער.

מיר האָבן געהאַט אַ לענגערן באַזוך אין דער הויפּט־קוואַרטיר פון דער הסתדרות, אַ ריזיקע אַכט־גאָרנדיקע געביידע, וואָס די ישראל־בירגער רופן אָן „דער קרעמל", ווו מען האָט אונדז אויפגענומען אויף דעם פריינדלעכסטן אופן און אַרומגעפירט איבער דער געביידע. אויף דעם אַכטן שטאָק, אין דעם זאַל פון ועד־הפּועל, האָט אַ פאָרשטייער פון דער הסתדרות פאַר אונדז געשילדערט די טעטיקייטן פון דער גרויסער אַרבעטער־קערפּערשאַפט, אַ ביסל געשיכטע, איר ראָל אין דעם ישראלדיקן לעבן, אירע איצטיקע פּראָבלעמען און אירע פּלענער אויף ווייטער.

פון דאָרטן זענען מיר אַוועק צום בית העמלין, דאַן צום אַפראָ־אַזיאַטישן אינסטיטוט, און דערנאָך צו קרית סיגאַל, ווו מיר האָבן געהאַט אַ פיינעם מאָלצייט. קרית סיגאַל, אויף דעם נאָמען פון דעם נישט־לאַנג פאַרשטאָרבענעם אַרבעטער־ציוניסטישן פירער לואיס סיגאַל, וואָס איז פיל יאָרן געווען דער נאַציאָנאַלער סעקרעטאַר פון דעם יידישן נאַציאָנאַלן אָרבעטער פאַרבאַנד אין אַמעריקע, איז פאַקטיש אַ שטאָט פאַר זיך. מיר האָבן גערעדט מיט עטלעכע פון די איינוווינער, ס'רוב עלטערע און צו־ריקגעצויגענע מענטשן פון די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע, ווי אויך פון אַנדערע לענדער, און זיי האָבן אויסגעדריקט גרויס צופרידנקייט מיט דער אומגעבונג, די דירות, די שיינע גערטנער אַרום די געביידעס און בכלל די גאַנצע אַטמאָספער. פּראַכטפולע אַלייען און אַלערליי פאַרביקע בלומען באַצירן די גאַנצע געגנט. די עלטערע מענטשן לעבן זיך דאָרטן אויס אויף דעם שענסטן אופן, זיי האָבן אַלערליי פאַרווייַלונגען, פאָר־שטעלונגען, קאָנצערטן, לעקציעס, אַ שול צום דאַוונען, אַ שיינעם עס־צימער. בקיצור, עס פעלט זיי ממש גאָרנישט.

מיר האָבן אויך צוויי מאָל באַזוכט די אַלטע קוואַרטאַלן פון יפו, וואָס ליגט צו דרום און איז היינט אַ טייל פון דער פאַרגרעסערטער תל־אביב. איין מאָל זענען מיר דאָרטן געווען ביי טאָג מיט אונדזער טוריסטן־גרופּע

און מיר זענען דורכגעפאָרן די „סלאָם"־געגנטן אָדער די אָרעמע קוואַר־טאַלן. אַ צווייט מאָל זענען מיר געווען דאָרטן שפּעט אין אָוונט מיט אונדזערס אַ קרוב, וואָס האָט אונדז אַרומגעפירט אין זיין אויטאָמאָביל. ביי נאַכט האָט עס אויסגעזען זייער ראָמאַנטיש. די קראָמען זענען געווען פאַרמאַכט. אַ סך פון די פריערדיקע אַראַבישע הייזער און כאַטעס שטייען נאָך אַלץ האַלב־צעשטערט און קיינער וווינט דאָרט נישט. מיר האָבן שפּאַ־צירט איבער די גאַסן און געסלעך, וואָס ליגן נאָענט צום ים און געהערט דאָס רוישן פון די כוואַליעס. פון וויטן האָט צו אונדז געפינקלט די שטאָט תל־אביב מיט טויזנטער לעמפּלעך, מיט איר רוישיקייט און גרויס־שטאָטישן לעבן.

יפו מיט אירע אַלטע הייזער, שמאָלע גאַסן, די נאַכטקלובן, און די אָריענטאַלישע אַטמאָספער איז איין אייגנאַרטיקע דערשיינונג אין ישראל. עמיצער האָט אַ מאָל כאַראַקטעריזירט יפו אויף פאָלגנדיקן אופן: „יפו איז געגליכן צו אַ זייער שיינער פרוי מיט אַ זייער לאַנגער און אינטע־רעסאַנטער פאַרגאַנגענהייט". צווישן אונדזער גרופּע טוריסטן האָבן איי־ניקע אויסגעדריקט די מיינונג, אַז יפו דערמאָנט זיי אין גריניטש ווילעדזש אין ניו־יאָרק, אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז עס איז גיכער ווי דער מאָנט־מאַרט אין פּאַריז, און נאָך אַנדערע זענען דורכאויס באַשטאַנען, אַז עס זעט אויס ווי די קאַסבאַ אין קאַסאַבלאַנקע.

יפו איז איינע פון די עלטסטע שטעט אין דער וועלט, וואָס ציט איר יחוס בערך פיר טויזנט יאָר, פון די עלטסטע ביבלישע צייטן. זי האָט אַ לאַנגע און עפּישע געשיכטע, וואָס שליסט איין אַזעלכע באַרימטע נע־מען, ווי יונה הנביא, קלעאָפּאַטרע, אַלעקסאַנדער מוקדון, שלמה המלך, יהודה המכבי, סנחריב, סאַלאַדין, קעניג ריכאַרד דער לייבן־האַרץ פון מיטלאַלטערלעכן ענגלאַנד, נאַפּאָלעאָן און אַנדערע, וואָס האָבן דורכ־מאַרשירט מיט זייערע לעגיאָנען דורך יפו אָדער דאָרטן געלאַנדעט אין איר האַפן, וואָס איז אין די גאָר אַלטע צייטן געווען די קרוין פון מיטל־לענדישן ים.

די איראָניע דערפון איז, וואָס יפו, איינע פון די עלטסטע שטעט אין דער וועלט, האָט געבוירן איינע פון די ייִנגסטע און שענסטע שטעט — תל־אביב. היינט איז יפו אַ שטאָט פון אַלטערטימלעכקייטן, אַן אָרט פאַר היסטאָרישע אויסגראָבונגען, אַ פּלאַץ, וווּ מען קען נאָך זען אַ צאָל קירכן און מעטשעטן, און האַלב־חרובע הייזער, וווּ עס וווינען די אָרעמערע

שיכטן און אַ קליינע צאָל אַראַבער. אָבער יפו איז נישט געבליבן שטיין אויף אַן אָרט. זי וואַקסט און הייבט אָן אָננעמען אַ נייעם כאַראַקטער. די הסתדרות האָט דאָרטן אויפגעבויט אַ היפשן הייזער־פּראָיעקט, און נאָך דירות האָבן זיך געהאַלטן אין בויען בעת מיר זענען דאָרטן געווען. אויף די שמאָלע געסלעך פון יפו, געבויט פון ברוקשטיינער, און די אַלייען, אויף וועלכע מען קען נישט דורכפאָרן, ווייל זיי זענען געבויט מיט שטיגן באַרג־אַרויף, אָדער באַרג־אַראָפּ, געפינען זיך היינט קונסט־אויס־שטעלונגען פון ישׂראל־מאָלער און פאַרשידענע קראָמען, ווו דער טוריסט קען קויפן פון אַלעם גוטן. אויף די טעראַסעס ביים ים זענען פאַראַן קאַפע־הייזער, אויף די דעכער פון אייניקע הייזער זענען אויפגעבויט געוואָרן רעסטאָראַנען. דאָרטן זענען פאַראַן קונסט־גאַלעריען, עקזאָטישע נאַכט־קלובן, און אַפילו מאָדערנע „דיסקאָטעק" פלעצער מיט זייער ספּעציפישער אַטמאָספער.

מיר האָבן שפּאַצירט איבער די שמאָלע געסלעך פון יפו שפּעט אין אָוונט. געזען די אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען, וואָס זענען באַלויכטן ביי נאַכט און געפילט אַ געשמאַק לינד ווינטעלע פון ים. די לבנה האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין וואַסער, און פון דער ווייטנס האָט זיך דערטראָגן צו אונדז דאָס געזאַנג פון דעם נאַכט־קלוב „אָמאַר כאיאם". מיר זענען פאַרבייגעגאַנגען דעם נאַכט־קלוב, וועמענס טירן זענען געווען אָפן און דער פּלאַץ איז געווען פול מיט טוריסטן און תל־אביבער בירגער.

אויפן וועג צוריק, צום האָטעל, האָט אונדזער קרוב און זיין טעכטערל פאַר אונדז געזונגען דאָס ישׂראלדיקע נייעסטע פּאָפּולער לידל: „עשה שלום במרומיו, הוא יעשה שלום עלינו ועל כל ישׂראל" (דער אויבערשטער מאַכט שלום אין די העכסטע פּלעצער, ער וועט מאַכן שלום פאַר אונדז און פאַר גאַנץ ישׂראל). שלום פאַר ישׂראל, מיינט וואַקסן און בליען!

קאַפּיטל 5

וואָס עס קען זיך אַלץ פּאַרלויפן אין ישראל

א ברודער פון אַמעריקע געפינט זיין שוועסטער נאָך 64 יאָר — צו 81 יאָר פאַרט מאַקס שוואַרץ זען מדינת ישראל און אויפזוכן זיין שוועסטער — ווי אַזוי שוואַרץ און זיין טאָכטער האָבן געפונען די שוועסטער — אַ שטוינענדיקע געשיכטע, וואָס דער מחבר האָט אַליין בייגעווינט, בעת זיין באַזוך אין ישראל.

אין דעם „אל־על״ עראָפּלאַן קיין ישראל, נעמט נישט לאַנג צו שליסן באַקאַנטשאַפט. די גאַר גרויסע צאָל מיטרייזנדיקע, זענען דאָך נאָך אַלעמען, אַהינו בני ישראל, הגם אין אונדזער גרופּע, זענען געווען אַ צאָל קריסטן, ס׳רוב יונאַן־פּירער, וואָס זענען געפאָרן אַלס דעלעגאַטן צו דער 50־יאָריקער יובל־פייערונג פון הסתדרות. אָבער אויך די קריסטן זענען געווען גאָר פריינדלעך און אין גיכן געוואָרן אַ טייל פון אונדזער הסתדרות־משפחה.

אייגנטלעך האָט מען אָנגעהויבן שליסן באַקאַנטשאַפט נאָך איידער מיר זענען אַרויף אויף דעם עראָפּלאַן. צוליב דעם, וואָס אונדזער עראָפּלאַן האָט געהאַט טעכנישע שוועריקייטן מיט איינער פון די מאָטאָרן, האָט מען מורא געהאַט אַרויסצולאָזן דעם עראָפּלאַן איבער די ימים מיט אַן עדה פון בערך 150 מענטשן און מיר זענען געבליבן פאַרהאַלטן אין דעם לופט־פּאָרט אין ניו־יאָרק וואָסערע דרייסיק שעה. מיר זענען אָפּגעפלויגן אין אַן אַנדער עראָפּלאַן ערשט אויף מאָרגן, אָבער דורך דער צייט, איז די גאַנצע גרופּע געוואָרן ממש ווי איין גרויסע פאַמיליע.

צווישן די ערשטע, מיט וועמען מיר האָבן געשלאָסן באַקאַנטשאַפט, איז געווען אַ יידישע פרוי פון לאָוועל, מאַסאַטשוסעטס, מרס. דזשין סטאָלאָף. זי איז אַ פרוי אין די מיטעלע יאָרן, מיט אַ גוטער דערציִונג, און הגם איר מאַן, מאיר סטאָלאָף איז אַ דערפאָלגרייכער ביזנעסמאַן, האָט זי איר אייגענע ביזנעס־קאַריערע. דערצו איז זי זייער טעטיק אין געזעלשאַפטלעכן לעבן און איז די פּרעזידענטין פון דער „ליג אָוו ווימען וואָר־

טערס״ (ליגע פון פרויען וויילערס) אין איר שטאָט. זי נעמט אַ טיכטיקן אַנטייל אין יידישן לעבן און פאַרשטייט יידיש.

דאָס איז געווען מרס. סטאָלאָפּס ערשטער באַזוך אין ישראל און זי האָט אַרויסגעקוקט אויף דעם באַזוך ממש מיט אַ הייליקן ציטער. זי איז נישט געפאָרן אַליין. זי האָט מיטגענומען איר פּאָטער, מאַקס שוואַרץ, אַ ייד פון 81 יאָר, וואָס וווינט אין די בראָנקס און אויך פאַר אים איז עס געווען זיין ערשטע רייזע קיין ישראל. נישט געקוקט אויף זיין הויכן עלטער, האָט מר. שוואַרץ געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ קרעפּטיקן ייד, אַ ביסל העכער פון מיטעלן־וווקס, מיט אַ גלייכן גאַנג, אַ קלאָרן קאָפּ און אַ שטענדיקן שמייכל. ער האָט אויסגעזען מינדעסטנס אַ צענדליק יאָרן ייִנגער. בעת אונדזער אַרומרייזן איבער ישראל, האָט ער נישט אויסגעלאָזט קיין שום אָרט, מיטגעגאַנגען אומעטום מיט דער גרופּע, געקלעטערט איבער טרעפּ און בערגלעך, אַרומגעשפּאַנט איבער די קיבוצים, זיך געוווערטלט מיט יעדן איינעם. ער איז געווען דער עלטסטער פון אונדזער גרופּע און אַלע האָבן אים באַוווּנדערט און זיך געוווּנטשן צו זיין נישט ערגער, ווען זיי וועלן דערגרייכן זיין עלטער.

חוץ, וואָס ער איז געפאָרן זען די יידישע מדינה, האָט מר. שוואַרץ געהאַט נאָך אַ צוועק מיט זיין רייזע — און טאַקע וועגן דעם ווילן מיר דאָ היינט דערציילן. ער האָט געהאָפט אָפּצוזוכן זייַנע אַ שוועסטער, וועלכע ער האָט נישט געהאַט געזען פאַר די לעצטע 64 יאָר און האָט אין גאַנצן פאַרלוירן די פאַרבינדונג מיט איר. ער האָט בלויז געוווּסט איין זאַך, נעמלעך, אַז זי איז מיט פיל יאָרן צוריק אַוועקגעפאָרן פון פוילן קיין ארץ־ישראל און דאָרטן זיך באַזעצט — אָבער צי זי לעבט נאָך, דאָס האָט ער נישט געוווּסט.

טאָ לאָמיר דאָ פריער איבערגעבן אייניקע פּרטים וועגן מאַקס שוואַרץ און דאַן דערציילן ווי ער האָט געפונען זיין שוועסטער נאָך 64 יאָר. פאַר אונדזער גרופּע איז עס דורך די גאַנצע צוויי וואָכן פון אונדזער באַזוך אין ישראל, געווען דער געשפּרעך פון טאָג, ממש אַ נס, וואָס איז זיך שווער פאָרצושטעלן. בלויז אין די מעשה־ביכלעך קען זיך אַזוינס טרעפן, נישט אין אמתן לעבן.

מאַקס שוואַרץ שטאַמט פון אַ שטעטל אין פוילן, וואָס האָט געהייסן גראָדזשיסק. ער איז דאָרטן געבוירן געוואָרן ביי אַן אָרעמער פאַמיליע און איז געווען איינער פון זיבן קינדער: דריי ייִנגלעך און פיר מיידלעך.

דער פֿאָטער, אברהם, האָט נישט געקענט מפרנס־זיין אַ משפּחה פֿון ניין מיילער און ס׳איז געבליבן, אַז דער עלטסטער פֿון די ייִנגלעך, מאַקס, זאָל פֿאָרן קיין אַמעריקע. אין 1906 איז מאַקס שוואַרץ, אין עלטער פֿון 17 יאָר געקומען קיין אַמעריקע מיט דער האָפֿענונג, אַז דאָ וועט ער געפֿינען גליק און באַוויזן אין גיכן צו ברענגען אַהער די עלטערן מיט די אַנדערע ברידער און שוועסטער.

אויף דער שיף פֿון אַמעריקע האָט דער עלנטער, 17־יאָריקער מאַקס זיך באַקענט מיט אַ יידיש מיידל, לינאַ פֿישער, אַן אימיגראַנטקע פֿון אונגאַרן. זיי האָבן זיך שפּעטער אָפּט געטראָפֿן אין ניו־יאָרק, צוזאַמען געטיילט די שווערע איבערלעבונגען פֿון אימיגראַנטישן לעבן אין יענע יאָרן, און מיט דער צייט חתונה געהאַט. די גליקן אין אַמעריקע זענען נישט געקומען אַזוי שנעל. דערווייל איז אונטערגעקומען די ערשטע וועלט־מלחמה און מאַקס האָט פֿאַרלוירן דעם קאָנטאַקט מיט זיין משפּחה אין פּוילן, אָבער נאָך דער מלחמה האָט ער זיך דערוווּסט, אַז דער פֿאָטער זיינער איז געשטאָרבן אין 1917 פֿון הונגער און די חולאתן, וואָס האָבן דעמאָלט געהערשט אין מזרח אייראָפּע.

ווען די אימיגראַציע איז באַנייט געוואָרן נאָך דער מלחמה, האָט מאַקס זיך אָנגעטאָן אַ כוח און האָט געבראַכט קיין אַמעריקע די מוטער, צוויי ברידער — אייזיק און יאַנקל, און דריי פֿון די פֿיר שוועסטער — שרה, ראָזע און רחל. איין שוועסטער, מאַכלע, די עלטסטע פֿון די שוועס־טערס, איז פֿאַרבליבן אין פּוילן, ווייל זי איז שוין געווען פֿאַרהייראַט. זי און איר מאַן, שיע קאַמערפּוקס, זענען געווען ציוניסטיש־געשטימט, און ווען אין 1922 האָבן זיך אָנגעהויבן די ערשטע רדיפֿות אויף יידן אין פּוילן, האָט זי מיט איר מאַן באַשלאָסן צו ווערן חלוצים און זיך באַזעצן אין ארץ־ישׂראל. במשך פֿון אַ צאָל יאָרן, כּל־זמן די מוטער האָט געלעבט, האָט מען זיך איבערגעשריבן מיט מאַכלען, אָבער מיט דער צייט איז די קאָרעספּאָנדענץ געוואָרן זעלטענער און האָט זיך אין גאַנצן אָפּגעשטעלט. מ׳האָט פֿאַרלוירן דעם קאָנטאַקט מיט איר און גאָרנישט געהערט פֿון איר אָדער וועגן איר.

נאָך דער גרינדונג פֿון מדינת ישׂראל, האָט מאַקס שוואַרץ זיך אַרומ־געטראָגן מיט דער האָפֿענונג צו פֿאָרן זען די יידישע מדינה און אויפֿ־זוכן די שוועסטער מאַכלע — אויב זי לעבט נאָך. עס האָט זיך אָבער נישט איינגעגעבן. דאָ צוליב פּרנסה, דאָ איז דאָס ווייב קראַנק געוואָרן

און איז געשטאָרבן, דאָ צוליב אַנדערע סיבות. דערווייל האָבן די יאָרן זיך גערוקט און ער האָט ביסלעכווייז געגומען אויפגעבן די האָפענונג.

היינטיקן זומער האָט מאַקס שוואַרצס טאָכטער, מרס סטאָלאָף, באַ־שלאָסן צו באַזוכן ישראל. צוליב געשעפט־ענינים, האָט איר מאַן נישט געקענט מיטפאָרן, איז איר איינגעפאַלן: פאַר וואָס נישט מיטנעמען דעם אַלטן טאַטן? אמת, ער איז שוין 81 יאָר, אָבער ער האַלט זיך גוט, איז אַקטיוו און באַקלאָגט זיך נישט אויף קיין שום זאַך. דערצו האָט זי זיך דערמאָנט ווי יעדעס מאָל ווען ער קומט צו איר אין וויזיט קיין לאָוועל, רעדט ער וועגן זיין שוועסטער מאַכלע אין ישראל, און וועגן זיין טרוים זי צו זען אַ מאָל.

זי איז גלייך צו צום טעלעפאָן, האָט אָנגעקלונגען דעם פאָטער אין ניו־יאָרק און אים פאָרגעשלאָגן מיטצופאָרן מיט איר קיין ישראל. ער האָט זיך צוערשט אַ ביסל געקווענקלט, אָבער ווען זי האָט אים דערמאָנט, אַז דאָס וועט פאַר אים זיין אַ גאָלדענע געלעגנהייט אָפצוזוכן זיין שוועס־טער, האָט ער איינגעשטימט צו דער רייזע. „איך האָב די גאַנצע צייט געהאַט דעם פאָרגעפיל, אַז מיין פאָטערס טרוים און זיינע תפילות וועלן מקוים ווערן", האָט מיר מרס. סטאָלאָף שפּעטער געזאָגט אין ישראל. אויף דעם עראָפּלאַן האָט דער אַלטער מאַקס שוואַרץ זיך געהאַלטן רויק. ער האָט מיט זיך געהאַט אַ קליין תהילימל, וואָס ער האָט פון צייט צו צייט געעפנט און געזאָגט אַ קאַפּיטל תהילים.ביים אַרויסשטייגן אין לוד איז ער אַרויס מיט אַ שפּרונג און מיט ברייט־צעעפנטע אויגן — ענדלעך איז ער אין ישראל.

מיר זענען פאַרפאָרן אין דעם אכדיה האָטעל אין הרצליה, וווּ מיר זענען איינגעשטאַנען די ערשטע פיר־פינף טעג. באַלד אויף מאָרגן, נאָך אונדזער אָנקום קיין הרצליה, האָט מר. שוואַרץ און זיין טאָכטער באַשלאָסן זיך אַרויסלאָזן אויפזוכן זיין שוועסטער. זיי האָבן בלויז געהאַט אַן אַלטן אַדרעס פון אַ יאָר פערציק צוריק, ערגעץ־ווו ביי דער אַלטער תל־אביב־יפו גרענעץ, און זיי האָבן אויך געוווּסט, אַז איר פאַרהייראַטער נאָמען איז קאַמערפּוקס. מער נישט.

שוואַרץ און זיין טאָכטער זענען צוגעפאָרן צו יענעם געגנט, האָבן פּרובירט אָפּשטעלן עטלעכע פאַרבייגייער, אָבער גראָד האָבן זיי אָנגעטראָפן אַזעלכע, וואָס האָבן גערעדט בלויז עברית און נישט פאַרשטאַנען מר. שוואַרצס יידיש און זיין טאָכטערס ענגליש. זיי האָבן באַשלאָסן אַריינגיין

אין ערשטן הויז ביים אָנהויב גאַס און זיך נאָכפרעגן. דאָ האָט מען שוין מיט זיי גערעדט אויף יידיש און שוואַרץ האָט דערציילט ווי ער וויל אויפזוכן זיין שוועסטער און האָט געוויזן דעם אַלטן אַדרעס. דער מאַן איז געגאַנגען לייען אַ מאַפּע ביי אַ שכן און די באַלעבאָסטע האָט זיי דערווייל דערלאַנגט אַ קאַלטן טרונק. שפּעטער איז דאָס פֿאַרפֿאַלק אַפילו מיטגעגאַנגען מיט מר. שוואַרץ און זיין טאָכטער איבער דער געגנט, מ'איז געגאַנגען פון טיר צו טיר, פאַר יעדן דערציילט וועגן דער פרוי, וואָס מען זוכט, אָבער קיינער האָט נישט געוווּסט פון איר.

אַזוי איז אַוועק דער ערשטער טאָג און מר. שוואַרץ און זיין טאָכטער, מרס. סטאָלאָף האָבן זיך פאַר נאַכט אומגעקערט אין האָטעל אויסגעמאַ־טערטע און אַנטוישטע. אויף מאָרגן אין דער פרי האָט מען באַנייט דאָס זוכן. מ'איז ווידער געקומען אין יענעם געגנט, געגאַנגען פון טיר צו טיר, זיך נאָכגעפרעגט וועגן אַ פרוי מיטן נאָמען קאַמערפּוקס, אָבער אָן שום רעזולטאַטן. ביים סוף פון צווייטן טאָג איז די האָפּערדיקע שטימונג ביי שוואַרצן און זיין טאָכטער כמעט ווי פאַרשוואונדן, אָבער זיי האָבן באַ־שלאָסן פּרובירן נאָך איין מאָל.

אויפן דריטן טאָג האָבן זיי זיך אָנגעשטויסן אין אַן עלטערער פרוי, הנה זונשיין, וואָס האָט זיך דערמאָנט, אַז זי זעט אָפט אין דער שול זיצן אַן עלטערע פרוי, אַ פאַרטראַכטע, אַ פאַרטרויערטע, אָבער איר נאָמען איז נישט קאַמערפּוקס נאָר קאַמאַ (כמה). ווו זי וווינט ווייסט זי נישט, אָבער פון צייט צו צייט גייט די פרוי קאַמאַ באַזוכן אַן אָרט, ווו זי האָט אַ מאָל געוווינט. זי ווייסט יאָ, ווו דאָס אָרט געפינט זיך און וועט זיי גערן ווייזן דאָס דאָזיקע אָרט. און אַזוי איז געווען: מאַקס שוואַרץ, זיין טאָכטער, די עלטערע פרוי און אַ צאָל נייגעריקע שכנים האָבן זיך אַלע אַרויס־געלאָזט אויפזוכן דאָס אָרט.

ענדלעך זענען זיי צוגעקומען צו אַ פאַרוואָרפן פּלאַץ, ווו עס איז געשטאַנען אַן אַלטע אָפּגעלאָזטע חורבה, פאַרוואַקסן מיט גראָזן און קוס־טעס. קיינער האָט דאָרטן נישט געוווינט, אָבער ביים פענצטער האָבן זיי דערזען דעם סילועט פון אַן אַלטער פרוי זיצנדיק אייבינקע אַליין. מרס. סטאָלאָף האָט מיר דערציילט, אַז באַלד ווי זי האָט דערזען די פרוי ביים פענצטער, האָט איר עפּעס געגעבן אַ טיאָכקע אין האַרצן. אימפּולסיוו האָט זי זיך אַוועקגעריסן פון איר פאָטער, זיך געלאָזט לויפן צום הויז,

איז אַריין אינעווייניק און האָט עטלעכע מאָל אויסגערופן צו דער פרוי:
„טאַנטע מאַלכע, טאַנטע מאַלכע!".

די עלטערע פרוי האָט זי אָנגעקוקט אַ דערשטוינטע און אַ דער־שראָקענע. זי האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס דאָ קומט פאָר. מרס. סטאַלאָף האָט איר פּרובירט דערקלערן ווער זי איז, אַז איר ברודער מאַקס שוואַרץ איז געקומען פון אַמעריקע, זי איז איר פּלימעניצע, און זיי זוכן איר אַרום שוין עטלעכע טעג. אָבער די אַלטע פרוי איז געווען צו שטאַרק צעטומלט און האָט געהאַלטן אין איין ווידערהאָלן: „וואָס זאָגסטו? וואָס זאָגסטו?". ערשט, ווען מאַקס שוואַרץ איז אַריינגעקומען, איז ער צוגע־גאַנגען צו דער פרוי און האָט אָנגעהויבן פאַמעלעך רעדן צו איר אויף יידיש, איז איר קלאָר געוואָרן, וואָס דאָ קומט פאָר.

מאַקס שוואַרץ (דער עלטערער מאַן אין מיטן) און זיין שוועסטער מאַלכע קאַמערפוקס (עלטערע פרוי אין מיטן) וועמען ער האָט אָפּגעזוכט אין ישראל נאָך 64 יאָר. צו רעכטס, שוואַרץ'ס טאָכטער מרס. דזשין סטאַלאָף פון אַמעריקע. נעבן איר שטייט פרוי קאַמערפוקס'עס זון אברהם, און צו לינקס זיינע צוויי קינדער.

אין גיכן איז געקומען דער פרויס זון אברהם, (שפעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז אַ נאָמען נאָך זיין זיידן, מר. מאַקס שוואַרצס פאָטער פון דער אַלטער היים), אָפּנעמען די מוטער אַהיים. ער איז געווען איבעררעשט צו זען די געסט פון אַמעריקע און האָט זיי שפּעטער דער־ציילט פאָלגנדעס:

זיי האָבן נאָך מיט יאָרן צוריק געביטן דעם נאָמען פון קאַמערפּוקס אויף קאַמאַ. דאָס אַלטע הויז, די חורבה, ווו זיי האָבן געטראָפן זיין מוטער, דאָס האָט איר מאַן פאַר איר געבויט מיט פיל יאָרן צוריק. ער איז שוין לאַנג טויט און די מוטער וווינט איצט ביים זון אברהם, אָבער די מוטער קען זיך נישט אָוועקרייסן פון דעם הויז, ווו זי האָט איר יוגנט און אירע גליקלעכסטע יאָרן פאַרבראַכט מיט איר מאַן און קינדער. איר ציט שטענדיק צום אַלטן הויז און צו אירע דעריבערונגען. זי זאָגט אויך אָפּט, אַז איר פאַמיליע אין אַמעריקע האָט איר אַמאַליקן אַדרעס און וועט זי נאָך אַ מאָל אָפּזוכן. יענעם טאָג איבערהויפּט איז זי עפּעס געווען זייער אומרויק. זי איז אויפגעשטאַנען פרי, האָט זיך אויסגעפּוצט אין אירע שענסטע אַמאַליקע קליידער, האָט געבעטן דעם זון ער זאָל זי אָוועקפירן צום הויז און זי קומען פאַר נאַכט אַהיים נעמען. זי איז נישט אָוועק־געטראָטן פון אָרט און איז געזעסן ביים פענצטער אַ גאַנצן טאָג, אַזוי ווי זי וואָלט געוואַרט אויף עמיצן.

די פרייד פון ברודער און שוועסטער, וואָס האָבן זיך געפונען נאָך 64 יאָר, איז אומבאַשרייבלעך. מען האָט פּרובירט זיך דערמאָנען וועגן אַלץ און אַלעמען פון די פאַרגאַנגענע יאָרצענדליקער, אויפכאַפּן אַלע פּעדי־מער פון לעבן, אַלץ אויסדערציילן. מ׳האָט זיך געזען יעדן טאָג און צום שלום־באַנקעט אין אכדיה האָטעל איז די גאַנצע קאַמאַ־פאַמיליע געקומען אַלס געסט פון מאַקס שוואַרץ און זיין טאָכטער, מרס. סמאָלאָף.

מאַקס שוואַרץ איז געווען אין זיבעטן הימל, וואָס ער האָט געפונען זיין שוועסטער מאַלכע, איר זון אברהם און זיין משפחה. ביים צוריקקער קיין ניו־יאָרק, האָט אים אָפּגעוואַרט זיין ברודער אייזיק, וועמען ער האָט איבערגעגעבן די נייעס, אַז די שוועסטער לעבט. מען האָט זיך ווידער אָנגעהויבן איבערשרייבן מיט איר און שיקן מתנות. מאַקס שוואַרצס טרוים צו זען זיין שוועסטער איז מקוים געוואָרן. דאָ האָט די מעשה זיך געזאָלט ענדיקן, אָבער ס׳איז איצט צוגעקומען אַן עפּילאָג.

עטלעכע וואָכן נאָך אונדזער צוריקקער, איז מיר אָנגעקומען אַ בריוו פון מרס. סטאָלאָף, אין וועלכן זי שרייבט אַזוי:

„ליבע פריינד, מיט טיפן טרויער לאָז איך אייך וויסן, אַז מיין פאָטער, מאַקס שוואַרץ, איז לעצטע וואָך פלוצים געשטאָרבן. איך האָב געהאַט געפּלאַנט, צו קומען קיין ניו־יאָרק פרייטיק, דעם 11טן סעפּטעמבער, און פאַרברענגען מיט אים עטלעכע טעג, אָבער מיטוואָך אָוונט, דעם 9טן סעפּטעמבער, איז אים פּלוצים נישט גוט געוואָרן און ער איז באַלד געשטאָרבן פון אַ האַרץ־אַטאַק.

„זינט אונדזער צוריקקער פון ישראל, האָט ער נישט אויפגעהערט צו רעדן פון דער רייזע און פון זיין שוועסטער, מיט וועלכער ער האָט זיך ווידער פאַראייניקט. איך בין צופרידן, וואָס זיין האָפענונג פון פיל יאָרן איז פאַרווירקלעכט געוואָרן און ער האָט נאָך געהאַט די געלעגנהייט צו זען זיין שוועסטער. ער איז געווען דער גליקלעכסטער מענטש".

יאָ, באַשערט געווען, ער זאָל זיך ווידער פאַראייניקן מיט זיין שוועסטער, אָבער נישט אויף לאַנג — דער טויט האָט זיי ווידער צעשיידט. אָבער מאַקס שוואַרץ איז געשטאָרבן אַ גליקלעכער און צופרידענער, וואָס ער האָט פאַרווירקלעכט נישט איין חלום נאָר צוויי: אי ער האָט געפונען זיין שוועסטער נאָך 64 יאָר, אי ער האָט געזען די יידישע מדינה נאָך צוויי טויזנט יאָר!

קאַפּיטל 6

חיפה, ישראלס אינדוסטריעלער צענטער

די דריי טיילן פון דער שטאָט אַרום און אויף דעם הר הכרמל — דער חיפהער פּאָרט און זיין עקאָנאָמישע באַדייטונג — צו גאַסט ביים אַרבעטער־ראַט — די אַראַבער אין חיפה — די אויפנאַמע ביים חיפהער ראש־העיר.

אין חיפה האָט אונדזער גרופּע „פריינד פון הסתדרות אין אַמעריקע", פאַרבראַכט בלויז אַנדערהאַלבן טעג — ווייט, ווייט נישט גענוג פאַר אַזאַ

וויכטיקן צענטער. דאָך האָבן מיר באַוויזן אין דער קורצער צייט צו זען אַ באַדייטנדיקן טייל פון דער ישראלדיקער וווּנדערשיינער האַפנשטאָט, אויפכאַפּן איר אימפּולסיוון טעמפּאָ, באַאָבאַכטן די לעבעדיקייט אויף אירע גאַסן ביי טאָג און די פאַרכישופטע שיינקייט ביי נאַכט, קוקנדיק פון דעם הר הכרמל אַראָפּ־צו צום האַפן פון אַ הויך פון איבער 1.700 פוס.

מיר זענען אָנגעקומען קיין חיפה אַרום צען אַ זייגער אין דער פרי, אין אַ דאָנערשטיק, אָנהייב יולי. די רייזע מיטן אויטאָבוס פון הרצליה לענג־אויס דעם ים־ברעג האָט געדויערט עטוואָס איבער אַ שעה. דער פאַרקער איבער דעם תל־אביב — חיפה שאָסיי איז געווען גאַנץ געדיכט און ביי צוויי־דריי פּונקטן איז דער גאַנצער פאַרקער אָפּגעשטעלט גע־וואָרן דורך ישראלדיקע מיליטערישע פּאַטרולן, וואָס האָבן געזוכט, צי עס כאַפּן זיך נישט אַריין פאַרדעכטיקטע פאַרשוינען, דערהויפּט אַראַבישע טעראָריסטן.

צוערשט זענען מיר אַרומגעפאָרן איבער דעם נידעריקן טייל פון דער שטאָט, ווו עס געפינען זיך די פאַבריקן. אונדזער ערשטער אָפּשטעל איז געווען אין דער „שמן" אויל פאַבריק, ווו מיר האָבן פאַרבראַכט בערך אַ שעה צייט באַאָבאַכטנדיק ווי מען פּראָדוצירט אַ גאַנצע ריי פּראָדוקטן, ווי זייף, בוימל, זייף־פּודער, גליצערין, ציין־פּאַסטע און פיל אַנדערע. אַלץ איז אינדוסטריעל גוט איינגעשטעלט, מיט די מאָדערנסטע מאַשינען און מעטאָדן. פון דער שמן פאַבריק זענען מיר צוגעפאָרן קיין קרית־חיים, אַ פאָרשטאָט צו מזרח פון חיפה, ווו מיר האָבן געזען איינע פון די נייעסטע „עמל" פאַך־שולן, וואָס זענען געגרינדעט געוואָרן פון דער הס־חדרות. אין קרית־חיים געפינט זיך אויך איינער פון די גרעסטע און שענסטע ספּאָרט־צענטערן, אָדער ווי מיר רופן עס אין אַמעריקע „סטאַ־דיום". דער צענטער דינט פאַר די ספּאָרט באַדערפעניש פון חיפה און נעמט אַריין פערצן טויזנט צושויער צו אַ פוטבאָל־שפּיל אָדער אַן אַנדער ספּאָרט־אַקטיוויטעט.

אויף אונדזער וועג צוריק קיין חיפה זענען מיר ווידער פאַרבייגע־פאָרן דעם אינדוסטריעלן צענטער פון דער שטאָט און מיר האָבן געהאַט אַ גוטע געלעגנהייט צו באַאָבאַכטן די ווירטשאַפט, אויף וועלכער חיפה איז געבויט, ד. ה. די אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, דער אינערלעכער און אויסלענדישער האַנדל, און דער שיפן פאַרקער ביים חיפהער פּאָרט. די וויכטיקסטע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען שליסן איין, חוץ דער

„שמן"־אויל־פאַבריק, די נאַפט־ראַפינעריעס, מעטאַל־גיסערייען, אַ שטאָל־פאַבריק, אַ גלאָז־פאַבריק, פאַבריקן פאַר כעמישע שטאָפן און באַמיסטיקונג, סטאַנציעס פאַר עלעקטרישער קראַפט, אַן אויטאָמאָבילן פאַבריק, טעקסטיל, מילן, אַ צעמענט־פאַבריק, אַ שיפבויערײַ, דער חיפהער פּאָרט און אַ צאָל אַנדערע.

די שטאָט חיפה צײַלט היינט אַ באַפעלקערונג פון אומגעפער אַ פערטל מיליאָן איינוווינער. טאָפּאָגראַפיש איז די שטאָט איינגעטיילט אין דריי פאַרשידענע טיילן: דער אונטערשטער טייל ביים האַפן, וווּ עס געפינען זיך די אינדוסטריעלע און געשעפטס־אונטערנעמונגען, די שיפן פירמעס, באַנקן, פירמעס וואָס פירן אויסלענדישן האַנדל, דער הויפּט האַפן, צוויי באַן־סטאַנציעס, און די אויטאָבוסן־סטאַנציע. דאָ געפינען זיך אויך אייניקע רעזידענץ־געגנטן, מערסטנס אַרבעטער־שיכטן און אַראַבער.

דער צווייטער טייל איז דער הדר־הכרמל, האַלב־וועג אַרויף דעם כרמל באַרג, וואָס איז אַ מין פּלאַטאָ אָדער טיילווייז פלאַכער אָרט. דאָ געפינען זיך די הויפּט רעזידענץ־געגנטן פון דער שטאָט, פּריוואַטע הייזער, ווי אויך די וויכטיקסטע קראָמען און „שאָפּינג"־צענטערן. די גאַסן דאָ זענען

משה פרעיק און זיין פרוי אין גאָרטן פון באהאי טעמפּל אין חיפה אויפן הר הכרמל. פון ווייטן זעט מען די שטאָט און דעם האַפן פון **חיפה.**

דעם מחברס פרוי מיט דעם ראש העיר פון חיפה, משה פלימאַן.

געדיכט געפּאַקט מיט מענטשן און דער אויטאָמאָביל פּאַרקער, וואָס איז באַרג־אַרויף אָדער באַרג־אַראָפּ, גייט צו פּאַמעלעך.

דער דריטער טייל איז דער שפּיץ פון כרמל אַליין, איבער 1.700 פוס העכער פון דעם ים־פלאַך, ווו עס געפינען זיך פּראַכטפולע רעזידענצן, די נייסטע האָטעלן, פּענסיאָנען, און שיינע פּאַרקן. מיר זענען איינגעשטאַנען אין דעם דן־כרמל האָטעל אויפן סאַמע שפּיץ פון באַרג, פון וואַנען מיר האָבן געהאַט ממש אַן אָטעם־פאַרכאַפּנדיק בילד פון דער שטאָט, דעם האַפן און דעם ים, אויף מיילן ווייט, אין אַלע ריכטונגען. ביי נאַכט האָט די שטאָט געפינקלט צו אונדז מיט צענדליקער טויזנטער ליכטלעך פון אונטן, אָבער גאָר שיין איז געווען די גאַס, ווו עס האָבן אַ מאָל געוווינט די „טעמפּל ריטער", אַ גרופּע פון קריסטלעכע פרומע סאָלדאַטן־פּויערים, וואָס זענען געקומען קיין חיפה פון דייטשלאַנד, אומגעפער מיט אַ יאָר־הונדערט צוריק. ווו די „ריטער" זענען אַהינגעקומען, ווייס איך נישט, אָבער די גאַס מיט די הייזער, וואָס זיי האָבן איבערגעלאָזט, זענען זייער שיין, איבערהויפּט ביי נאַכט פון באַרג.

ווו מיר זענען געפאָרן אין חיפה איז עס געווען אָדער באַרג־אַראָפּ אָדער באַרג־אַרויף. אַז עס האָט געהאַלטן ביי די נידעריקערע טיילן פון שטאָט, איז נאָך געווען נשקשה, אָבער אין די העכערע טיילן איז מיר שיעור דאָס האַרץ איינגעפאַלן — ס'האָט זיך מיר נאָר אויסגעדאַכט, אַז אָט־אָט און מיר קייקלען זיך אַראָפּ פון באַרג. דער וועג דרייט זיך אַרום דעם באַרג און איז טאַקע אויסגעשניטן פון דעם באַרג גופא. נאַטירלעך, פאַרט מען לאַנגזאַם, זייער אָפּגעהיט, און אַ היפּשן לויב קומט די ישראל־שאָפערן, וואָס פירן די אויטאָבוסן געשיקט. זיי זענען באמת אויסגעצייכנטע שאָפערן.

מיטאָג האָבן מיר געגעסן אין אַ פיינעם רעסטאָראַן אויפן הדר־הכרמל. און מיר האָבן זיך אומגעקערט צוריק אין אונטערשטן טייל פון שטאָט, כדי צו זען דעם האַפן. און עס איז דאָ וואָס צו זען. דאָס איז איינער פון די עלטסטע און שענסטע האַפנס אין דער וועלט, וואָס האָט הינטער זיך אַ געשיכטע, וואָס גייט צוריק אויף טויזנטער יאָרן. די אַנטוויקלונג פון דעם היפּהער פּאָרט אין די לעצטע 23 יאָר זינט דער גרינדונג פון מדינת ישראל, איז באמת שטוינענדיק: די מאָדערנסטע לאַדונגס־פלעצער פאַר סחורות, די נייעסטע מאַשינען, סקלאַדן צו האַלטן די סחורות און שפּייזן, ריזיקע הויב־מאַשינען, טראַקטאָרן, שיפלעך צו באַ־

קעמפּן פייער אָדער פאַר רעטונגס־צוועקן, פּראַכט־שיפן, פּאַסאַזשיר־שיפן, און נאָך און נאָך.

אין 1969 איז 56 פּראָצענט פון ישראלדיקן אויסלענדישן האַנדל געגאַנגען דורך דעם חיפהער פּאָרט. אַ קימאַ־לן פון דריי און אַ האַלב מיליאָן טאָן פראַכט, נישט רעכענענדיק נאַפט, צוויי־דריטל דערפון אימ־פּאָרט און אַ דריטל עקספּאָרט, איז אויסגעלאָדן אָדער אָנגעלאָדן גע־וואָרן אין דעם פּאָרט. אין דעם זעלבן יאָר זענען אין חיפה אָנגעקומען 89 טויזנט פּאַסאַזשירן אויף שיפן, וואָס האָבן דאָרטן געלאַנדעט און 79 טויזנט זענען אָפּגעפאָרן, וואָס דאָס באַטרעפט אומגעפער אַ פערטל פון אַלע טוריסטן. פראַכט־ און פּאַסאַזשיר־שיפן פון קנאַפּע דרייסיק לענדער לאַנדן אין היפה, אָבער דער גרעסטער טייל פון דעם פּראַכט און פּאַסאַזשיר־פּאַרקער ווערט געפירט אויף שיפן פון ישראל גופא, ווי אויך גריכישע, ענגלישע, איטאַליענישע, טערקישע, שוועדישע, דייטשע און אַמעריקאַנער שיפן.

גראָד איז יענעם פרימאָרגן אָנגעקומען אין חיפהער האַפן די ישראל שיף „בילי״, מיט איבער 300 עולים. מיר זענען צוגעקומען צום האַפן נאָך דעם, ווי די עולים זענען שוין געווען אַרונטער פון דער שיף, אָבער ס׳האָט זיך נאָך געטומלט, דאָ און דאָרטן זענען נאָך געשטאַנען גרופּקעס און מ׳האָט געקענט דערקענען, ווער עס זענען די עולים און ווער די ישראלים. איבער דער שיף, האָט שטאָלץ געפלאָטערט די ישראל־פאָן און מאַטראָסן האָבן געהאַלטן אין אויפרוימען די דעקן און קאַיוטעס.

מיר האָבן זיך אַרויפגעזעצט אויף אַ טוריסטן־שיפל, וואָס האָט במשך פון אַ שעה צייט אונדז אַרומגעפירט אין די וואַסערן פון דעם חיפהער האַפן. דער צופאָר צום האַפן ווערט באַשיצט פון צוויי דאַמבעס, וואָס דינען אַלץ שוץ קעגן די כוואַליעס. די דאַמבעס זענען געבויט פון ריזיקע שטיינער און פעלזן. כל־זמן מיר זענען אַרומגעפאָרן אין די וואַסערן אינערהאַלב די דאַמבעס, איז אַלץ צוגעגאַנגען גלאַטיק, אָבער ווי נאָר מיר זענען אַדורך דעם שמאָלן פּאַס צווישן די דאַמבעס און זענען אַרויסגעקומען אויף דעם אָפענעם ים, האָבן די כוואַליעס אַזוי צעהוידעט דאָס שיפל, אַז מ׳האָט זיך געמוזט צוהאַלטן אַפילו זיצנדיק. פאָרנדיק אויפן שיפל, האָבן מיר נישט נאָר געהאַט אַ געלעגנהייט צו זען די פאַר־שידענע גרעסערע און קלענערע שיפן און שיפלעך, ישראלדיקע און אויס־

לענדישע, נאָר אויך דעם היפשן פאַרנעם פון דעם פּאַרט גופא, וועמענס לאַנד־שטח באַטרעפט וואָסערע 155 אַקער לאַנד. מיר האָבן געזען דעם עגיפּטישן צעשטערער (דעסטראָיער), וואָס די ישראלים האָבן פאַרכאַפּט אין 1956 און איצט זיצט די שיף אין די חיפהער וואַסערן און פוילט — קיין סימן נישט פון איר אַמאָליקער גלאָריע און גלאַנץ. מיר האָבן געזען אַ טייל פון דעם נייעם ישראל־פלאָט אין אַ געוויסן אָרט, אָבער וועגן דעם וויל איך נישט שרייבן. און מיר האָבן פון דער ים־זייט געזען די שטאָט חיפה צעוואָרפן איבער דעם כרמל אין איר פולער פּראַכט, ביז צום סאַמע שפּיץ פון באַרג.

אין אָוונט, זענען מיר געווען צו גאַסט ביי אַן אויפנאַמע פון דעם חיפהער אַרבעטער־ראַט אין בית־עשת. אין אונטערשטן טייל פון שטאָט. יוגנטלעכע האָבן דורכגעפירט פאָלקס־טענץ, און וויכטיקע פירער פון דעם ראַט, האָבן אונדז באַגריסט, איינשליסנדיק אויך אַראַבישע פאַרשטייער פון דעם ראַט. לאָמיר דאָ פריער איבערגעבן אייניקע פאַקטן וועגן דעם צענטער גופא, וואָס דינט אַלס אַ מין קולטור־צענטער אומגעפער, ווי ביי אונדז אין אַמעריקע, די יידישע קאָמיוניטי צענטערס. אין חיפה זענען פאַראַן עטלעכע אַזעלכע צענטערן, וואָס זענען זייער דערפאָלגרייך אין אינטעגרירן די פאַרשידענע טיילן פון דער באַפעלקערונג, נישט נאָר יידן מכל המינים, נאָר אויך געמיינשאַפטלעכע, קולטורעלע און געזעלשאַפט־לעכע טעטיקייטן מיט די אָרטיקע אַראַבער.

אין חיפה וווינען אַן ערך צען טויזנט אַראַבער און די באַציאונגען צווישן זיי און דער יידישער באַפעלקערונג זענען זייער פריינדלעכע. דער צענטער, אין וועלכן מיר האָבן זיך געפונען, דינט אַלס אָרט פאַר געמיינשאַפטלעכע אַראַביש־יידישע קולטורעלע טעטיקייטן פאַר מענטשן פון יעדן עלטער, אָבער ס'רוב פאַר דער יוגנט. דער פּלאַץ איז אַ שיינער, ציכטיק־ריין, די געביידע בלויז עטלעכע יאָר אַלט. דאָ קומען פאַר לעק־ציעס, עס ווערן אָפּגעהאַלטן קלאַסן איבער פאַרשידענע קעגנשטאַנדן, מען האָט פאַרוויילונגען, טענץ, שפּילן, געוויסע ספּאָרט־אַקטיוויטעטן, פיל־מען ווערן געוויזן, אויך טעאַטער פאָרשטעלונגען, קונסט־אויסשטעלונגען, וכדומה. עס איז קיין פראַגע נישט, אַז טויזנטער מענטשן אין דעם געגנט געניסן פון דעם צענטער.

דער אַראַבער, וואָס האָט אונדז באַגריסט איז געווען סאַלים דזשובראַן, אַ באַקאַנטע פערזענלעכקייט אין חיפה. ער איז אַ קריסטלעכער אַראַבער,

טעטיק אין די אַרבעטער־קרייזן זינט פיל יאָרן, און אָנפירער פון דער אַראַבישער אָפּטיילונג ביים חיפהער אַרבעטער־ראַט. ער איז אויך פיל יאָרן פאַרבונדן מיט דעם אַראַבישן דעפּאַרטאַמענט פון דער הסתדרות און איז איינער פון די שטאַרקסטע אָנהענגער פון יידיש־אַראַבישער קאָאָפּעראַציע און פאַרשטענדעניש און איז פאָרזיצער פון דער געזעלשאַפט פון אַראַביש־יידישער ברידערלעכקייט און שלום. יש אומרים, אַז די געזעלשאַפט האָט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל בעת דער זעקס־טאָגיקער מלחמה אין באַוועגן פיל אַראַבער צו פאַרבלייבן לאָיאַל צו ישראל און אָפּוואַרפן די אַראַבישע פּראָפּאַגאַנדע פון די שכנותדיקע לענדער. אויך צו אונדז האָט ער גערעדט מיט האָפענונג וועגן פאַרשטענדעניש און שלום צווישן די יידן און די אַראַבער, און זיינע רייד האָבן געקלונגען אויפריכטיק.

צו מאָרגנס אין דער פרי זענען מיר אויפגענומען געוואָרן אין דעם הויפּט־זאַל פון דער מוניציפּאַלער געביידע (אין סיטי האָל) דורך דעם חיפהער ראש־העיר משה פלימאַן. ער האָט גערעדט צו אונדז אויף יידיש, אַ געשמאַקן מזרח־אייראָפּעיִשן יידיש, און האָט אונדז דערציילט פון זיינע ערשטע יאָרן אין לאַנד, מיט איבער 40 יאָר צוריק, דעם וווקס פון דער שטאָט חיפה אין פאַרלויף פון די יאָרן, און איבערהויפּט וועגן זיין פאָר־גייער, דעם פאַרשטאָרבענעם אבא חושי, וואָס איז יאָרנלאַנג געווען נישט נאָר דער בירגערמייסטער פון דער שטאָט נאָר אויך דער באַליבטער פירער און די צענטראַלע פיגור פון חיפה.

דער אמת איז, אַז אבא חושי האָט געלייגט זיין חותם אויף דער שטאָט חיפה, וואָס מען וועט לאַנג געדענקען און פילן. די אינסטיטוציעס, די געביידעס, די גאַסן, די בלומען אומעטום איבער דער שטאָט, די ריינקייט און שיינקייט, די פריינדלעכע באַציִונג מיט די אַראַבער, די ריזיקע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, דער האַפן, דער געפיל פון שטאָלץ מיט די אייגענע דערגרייכונגען — דאָס אַלץ איז אין אַ גרויסער מאָס צו פאַרדאַנקען דער אומדערמידלעכער שעפערישקייט און וויזיע פון אבא חושי.

מיר האָבן דערנאָך אַרומשפּאַצירט אַ ביסל איבער די גאַסן פון חיפה נעבן דער מוניציפּאַלער געביידע, זיך נישט געקענט אָפּוווּנדערן פון דער שיינקייט און ריינקייט, און ענדלעך, זיך ווידער אַריינגעזעצט אין די אויטאָבוסן. מיט אַ געפיל פון בענקשאַפט האָבן מיר פאַרלאָזן חיפה, זיך פאַרנומען אויף דעם שאָסיי צו מזרח — אין דער ריכטונג פון גליל.

קאַפּיטל 7

אויף די גולן בערג

אין סאַמע צפון גליל — ווו דער ירדן הייבט זיך אָן — ווי די גולן-געגנט זעט היינט אויס — דער צען־יאָר פּלאַן צו אַנטוויקלען דעם גולן — ווי גרויס איז די געגנט און וואָס עס געפינט זיך דאָרטן — די גולן־בערג, אַ פּערמאַנענטער טייל פון ישראל.

אין דעם קיבוץ אילת השחר, זענען מיר אָנגעקומען אין אַ פרייטיק, קורץ פאַר מיטאָג, און דאָ האָבן מיר באַשלאָסן צו פאַרבלייבן איבער שבת. מיר האָבן אָפּגעגעסן מיטאָג, זיך אַ ביסל אָפּגערוט, אָבער דער טאָג איז נאָך גרויס, און ביז צום אָוונט־מאָלצייט איז נאָך פאַרבליבן וואַסערע פיגף־זעקס שעה.

אונדזער מדריך האָט פאָרגעשלאָגן, אַז מיר זאָלן פאָרן זען די גולן־בערג. דער פאָרשלאָג האָט אַרויסגערופן גרויס באַגייסטערונג און אין געציילטע מינוטן זענען מיר שוין אַלע געזעסן אין די צוויי אויטאָבוסן, וואָס האָבן אַרומגעפירט אונדזער גרופּע איבער מדינת ישראל. בסך הכל זענען מיר געווען אַרום 80 — 70 מענטשן און מיר האָבן זיך די גאַנצע צייט געהאַלטן צוזאַמען, נאָך דעם, ווי די קאָנפערענץ פון „אַמעריקאַנער פריינד פון דער הסתדרות" האָט זיך פאַרענדיקט אין הרצליה. דריי ענ־לעכע גרופּעס פון הסתדרות־פריינד פון אַמעריקע זענען צו דער זעלבער צייט אַרומגעפאָרן אין אַנדערע טיילן פון לאַנד, אַזוי, אַז בעת מיר זענען געווען אין גליל, איז אַ צווייטע גרופּע געווען אין ירושלים, אַ דריטע אין תל־אביב, א. אז. וו.

פונקט צוויי אַ זייגער ביי טאָג זענען מיר אַרויסגעפאָרן פון אילת השחר און זיך פאַרנומען אויף דעם שאָסיי צו צפון, אויפן וועג קיין קרית שמונה. דער טאָג איז געווען אַ הייסער, אָבער ס'איז נישט געווען קיין פייכטע היץ. אין דעם לופט־קילן (עיר־קאָנדישאָנד) אויטאָבוס, איז גע־ווען אָנגענעם. אין וויינציקער ווי אַ האַלבע שעה, זענען מיר שוין געווען אין קרית שמונה, וואָס איז לעצטנס פול אין די נייעס, צוליב די שיסע־רייען און די „קאַטיושעס", וואָס גרייכן אַהין פון דער לבנון־גרענעץ.

מיר האָבן זיך נישט אָפּגעשטעלט אין קרית שמונה, אָבער דער אויטאָבוס איז געפאָרן פּאַמעלעך, כדי מיר זאָלן האָבן אַ געלעגנהייט צו זען דאָס שטעטל. עס האָט זיך נישט געמערקט קיין סימן פון די שיי־סערייען, קיין צעשטערונג, און בכלל קיין שום אויסערגעוויינלעכס. יעדער איז זיך אָנגעגאַנגען רויק מיט זיין אַרבעט. מענטשן זענען פריי אַרומ־געגאַנגען איבער די גאַסן. קינדער האָבן זיך געשפּילט. דער פאַרקער פון



אַ בילד גענומען פון אויטאָבוס אין די גולן־בערג.. פון פאָרנט איז אַ געצעלט פון ישראל סאָלדאַטן וואָס באַוואַכן די געגנט. אַ סאָלדאַט גרייט צו אַ מאָלצייט, אַנדערע זיצן אין געצעלט זיך צו באַשיצן פון דער זון. צו רעכטס זעט מען דעם שאָסיי, און אין הינטערגרונט זענען די הרי־גולן.

אויטאָמאָבילן און לאַסטוועגענער איז געווען אַ גאַנץ היפּשער. עס איז שווער געווען צו גלויבן, אַז דאָס שטעטל געפינט זיך אויף די סאַמע פּראָנט־ליניעס.

מיר זענען אַרויס פון קרית שמונה און ווייטער געפאָרן צו צפון. דער מדריך האָט אָנגעוויזן אויף אַ קייט פון בערג צו לינקס, נישט מער ווי אַ צוויי־דריי קילאָמעטער, ווו עס געפינט זיך די גרענעץ און פון וואַנען אַראַבישע טעראָריסטן באַשיסן קרית שמונה און אַנדערע יידישע ישובים. צו צפון האָט דער מדריך אָנגעוויזן אויף כפר גלעדי, וואָס מיר האָבן געקענט זען פון דער ווייטנס, אין די בערג. אָבער דאָ האָט אונדזער אויטאָבוס זיך פאַרנומען אויף רעכטס, צו מזרח, און אין דער ריכטונג פון די גולן־בערג. דער אויטאָבוס איז אַרויפגעפאָרן אויף אַ בריק, איבער אַ קליין טייכל, און איז געבליבן שטיין אין סאַמע מיטן פון דער בריק.

„איר זעט דאָס טייכל?" — פרעגט דער מדריך — „דאָס איז דער טייך דן, איינער פון די דריי טייכן, וואָס גיסן זיך צונויף בלויז אַ קורצע שטרעקע צו דרום פון דאַנען, און זיי פאָרמירן עס דעם ירדן טייך".

דער עולם האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן צו די קאַמעראַ־אַפּאַראַטן. די לאַנד־שאַפט איז געווען אַ וווּנדער־שיינע, קוסטעס, ביימלעך, בלומען, און אַ שטיל, קלאָר וואַסערל פליסט זיך רויק — ממש ווי אין אַ לאַנדשאַפטס־מאָלעריי. מיר פאָרן דאַן פאַרביי די לעצטע יידישע ישובים פון דער פריערדיקער ישראל־גרענעץ, די קיבוצים דפנה און דן, און באַלד דערביי די אַלטע גרענעץ.

דער וועג שלענגלט זיך באַרג־אַרויף. מיר געפינען זיך שוין איצט אין דער גולן־געגנט, אויפן וועג קיין באַניאַס. מיר פאָרן אַריין טיף אין די בערג. דער אויטאָבוס פאַרנעמט זיך אויף אַ זייטיקן וועג און פירט אונדז צו ביז צו אַ געוויסן פונקט. מיר שטייגן אַרויס פון אויטאָבוס און לאָזן זיך גיין נאָך אונדזער מדריך. פון דער ווייטנס זע איך שטיין איינעם מיט אַ ביקס אין דער האַנט, אָבער אָנגעטאָן איז ער ווי אַן אַראַבער. דער מדריך גייט גלייך צו אים צו און באַגריסט זיך מיט אים. זיי שמועסן אויף אַראַביש, וואַרפן אַריין עטלעכע ווערטער אויף עברית, און דאַן זאָגט אונדז דער מדריך, אַז דאָס איז אַ דרוז, פון אַ דערבייאיקן דרוזישן דאָרף, וואָס איז דאָ אַ וועכטער. ער איז זייער פריינדלעך. ער רעדט העברעיש מיט אייניקע פון אונדזער גרופּע און לאָזט זיך פאָ־טאָגראַפירן מיט אַלעמען. ער דערציילט אונדז וועגן אַ שיסעריי אין דער

געגנט, מיט אַ נאַכט פריער, און ער ווייזט אָן אין דער ריכטונג פון די בערג, פון וואַנען די שיסעריי איז געקומען.

די געגנט איז ממש פאַרכאַפנדיק שיין. מיר זענען אַרומגערינגלט פון דריי זייטן בערג. דאָס אָרט, ווו מיר געפינען זיך, האָט אַ ביסל אַ ווילדן אויסקוק, אָבער ווילד־שיין. פאַרשידענע בלומען און געוויקסן פון אַלערליי קאָלירן באַדעקן די לאַנדשאַפט. פון דער ווייטנס באַמערק איך אַ וואַסערל, און איך פרעגביים מדריך: „וואָס איז דאָס?".



אין באַניאַס, אַריבער דער אַלטער גרענעץ ווו עס הויבט זיך אָן דער גולן. די וואַסערן זענען דער אָנהויב פון ירדן־טייך. דער מחבר און זיין פרוי (צו לינקס) מיט צוויי פריינט פון וואַשינגטאָן, אברהם דאַנציג און מרס. דאָריס סאָלאָמאָן.

מיר גייען צו נענטער און צום ערשטן מאָל דערזע איך, ווי דאָס וואַסער פליסט אַרויס פון צווישן די פעלזן און פון אונטער שטיינער, און שאַפט אַ קליינעם באַסיין. דאָ האָט דער שאָפער פון אונדזער אויטאָ־בוס דערלאַנגט דעם מדריך אַ טעפּעלע. יענער האָט זיך אָנגעבויגן, אָנ־געשעפּט אַ ביסל וואַסער, און עס אויסגעטרונקען.

„טרינקט, ס'איז אַ מחיהדיק וואַסער, פריש" — זאָגט ער צו מיר, און ער דערלאַנגט מיר אַזאַ טעפּעלע — „אָבער האַלט עס גוט צו, וואָרום דער שטראָם וועט עס ביי דיר אַרויסרייסן פון דער האַנט. איצט וועסטו קענען זאָגן, אַז דו האָסט געטרונקען דאָס וואַסער פון ירדן".

איך האָב זיך אייגגעבויגן אָנצושעפּן אַ ביסל וואַסער. דאָס וואַסער אין באַסיין איז געווען קלאָר, דורכזיכטיק און קיל. איך האָב אויסגע־טרונקען דאָס וואַסער און זיך ממש דערקוויקט. מיר האָבן גענומען בילדער און זיך פּשוט נישט געקענט אָפּרייסן פון אָרט. מיר האָבן זיך אומגעקערט צום אויטאָבוס און זיך געלאָזט פאָרן טיפער אין די גולן־בערג, אויפן וועג צו דער שטאָט קונעיטרא. עטלעכע קילאָמעטער פאַר קונעיטראַ, האָט אונדז אָפּגעשטעלט אַ ישראל־פּאַטרול און נישט געלאָזט פאָרן ווייטער. די יונגעלייט פון פּאַטרול זענען געזעסן אין אַ געצעלט, כדי זיך באַשיצן פון דער זון. זיי האָבן זיך פאַר אונדז שטאַרק אַנטשול־דיקט. אָבער צוליב דער אַטאַקע מיט אַ נאַכט פריער, האָבן זיי געקראָגן אַ באַפעל נישט צו לאָזן טוריסטן פאָרן ווייטער, ווי ביז צו דעם פּונקט.

מיר האָבן קיין אַנדערע ברירה נישט געהאַט און זיך געמוזט אויס־דרייען אויף צוריק, אַ ביסל אַנטוישט. אויפן וועג צוריק זענען מיר שוין געפאָרן מיט אַנדערע וועגן און געהאַט די געלעגנהייט צו זען די ערטער אין די בערג, פון וואַנען די סירישער האָבן באַשאָסן די יידישע ישובים און ווו עס זענען פאָרגעקומען ביטערע שלאַכטן בשעת דעם 6־טאָגיקן קריג. מיר האָבן אויך געזען אַ ישראל־טאַנק, וואָס איז באַשעדיקט גע־וואָרן האַרט נעבן דער סירישער גרענעץ, בעת דער מלחמה, און מען האָט דעם טאַנק געלאָזט אַזוי שטיין אַלס אַן אָנדענק. מיר זענען אויך פאַרבייגעפאָרן אייניקע פון די נייע ישובים, וואָס זענען געגרינדעט גע־וואָרן אין די גולן־בערג.

רעדנדיק שפּעטער אין ירושלים מיט ישראל־באַאַמטע וועגן דעם גולן, האָבן זיי מיר דערציילט, אַז ס'איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ צען־יאָריקער פּלאַן צו אַנטוויקלען די געגנט. לויט דעם פּלאַן, האָפט מען,

אַז ביז דעם יאָר 1979, וועט דער גולן האָבן אַ באַפעלקערונג פון 60 טויזנט מענטשן, איינגעשלאָסן 50 טויזנט יידן און אַרום צען טויזנט נישט־יידן, מערסטנס דרוזן, וואָס וווינען אין דער געגנט. מען וועט בויען אַ סיסטעם פון שאָסייען, וואָס וועלן פאַרבינדן דעם גולן מיט אַלע טיילן פון לאַנד. גאַטירלעך, וועט מען אויך אויפשטעלן אַ נעץ פון קיבוצים. מען וועט איינפירן אינדוסטריעס, און אַ ראַיאָנעם צענטער מיט אַ באַ־פעלקערונג פון אַרום דרייסיק טויזנט, וואַרשיינלעך אין און אַרום דער



אַ צעשטערטער רוסישער טאַנק וואָס די סיריער האָבן איבערגעלאָזן בעת דער זעקס־טאָגיקער מלחמה: ביי דער אַלטער ישראל־סירישער גרענעץ אין די גולן־בערג. אין הינטערגרונט זעט מען די בערג.

שטאָט קונעיטראַ. פאַרשטייט זיך, אַז די געהעריקע מיליטערישע מיטלען וועלן אָנגענומען ווערן צו באַשיצן די גאַנצע געגנט.

היינט צו טאָג זענען שוין פאַראַן עלף ציווילע ישובים און דריי נח״ל (האַלב מיליטערישע) ישובים אין דער גולן־געגנט. און נאָך דריי ערטער וועלן געגרינדעט ווערן אין דעם קומענדיקן יאָר. בסך הכל פּלאַנט מען צו גרינדן אַרום צוואַנציק ישובים, פון זיי, אַרום פופצן, אָדער זעכצן, אין די בערג, און פיר אין די נידעריקע טיילן. אין די עקזיסטירנדיקע קיבוצים אין גולן געפינען זיך איצט בערך 1.200 מענטשן, צווישן זיי, אַרום אַ טוץ נישט־יידן. די מערסטע דערוואַקסענע זענען אין די צוואַנ־ציקער יאָרן, אָבער עס זענען שוין אויך פאַראַן קינדערלעך, געבוירענע אין די לעצטע צוויי־דריי יאָר. אין דער שטאָט קונעיטראַ, ווי מען גיט מיר איבער, זענען די אַראַבישע איינוווינער זיך צעלאָפן בעת דער מלחמה, און זיי האָבן איבערגעלאָזט די בהמות און שאָף אויף גאַסס באַראַט. אַ גרופּע יונגע מענטשן פון די נאָענטסטע ישובים זענען געקומען קיין קונעיטראַ, אויפן רוף פון דער ישראל־אַרמיי. זיי האָבן אויפגעזאַמלט די טויזנטער שאָף און רינדער און זיי האָבן אויך אָנגעהויבן צו באַאַרבעטן די ערד.

ווי גרויס איז די גולן־געגנט, וואָס ישראל האָט באַפרייט? אַן ערך 480 קוואַדראַט מייל גרויס, אומגעפער אַ העלפט אַזוי גרויס, ווי דאָס פירשטנטום לוקסעמבורג, אין איירּאָפּע, וואָס האָט אַ באַפעלקערונג פון אַרום אַ פערטל מיליאָן. וואָסערע 300 טויזנט אַקער לאַנד פון גולן דער־וואַרט מען צו באַנוצן פאַר אַגריקולטור, און דאָס איבעריקע פאַר פיצוכט און פאַר פאַרוויילונג און אָפּרו־ערטער. אין די איצטיקע ישובים ווערן פּראָדוצירט ווייץ, סובטראָפּישע פּרוכטן, גרינסן, קאַרטאָפל, עפּל, ניס, פאַרשידענע פּרוכטן, ביינוול, אַלפאַלפאַ, באַנאַנעס, און דאָס גלייכן. בקיצור, עס וואַקסט דאָרטן פון אַלעם גוטן.

אין אייניקע פון די יונגע ישובים האָט מען שוין אָנגעהויבן איינצו־שטעלן די ערשטע קליינע אינדוסטריעס. די מיטגלידער פון די קיבוצים אין גולן, וווינען אין פּרעפאַבריצירטע הייזער. זיי לעבן איינפאַך, עסן זייערע מאָלצייטן בשותפות, און באַגייען זיך מיט אַ מינימום באַקוועמ־לעכקייטן. וואָסער איז פאַראַן געגנוג פאַר זייערע באַדערפעניש. ווען די קיבוצניקעס גייען אַרויס אין די פרימאָרגנס אַרבעטן אין די פעלדער, מוזן זיי אָבער זיין זייער פאָרזיכטיק קעגן מינעס, וואָס טעראָריסטישע

באַנדיטן האָבן מיט אַ נאַכט פריער געקענט האָבן אונטערגעלייגט בגניבה.

אין ישראל איז עס קיין שום פראַגע נישט, אַז דער גולן איז אַ פּערמאַנענטער טייל פון דער יידישער מדינה, פונקט ווי עס איז מער קיין פראַגע נישט וועגן ירושלים. בעת אונדזער באַזוך אין ישראל, אין סוף יוני און אָנהויב יולי, האָט דער מיניסטער ישראל גלילי געמאַכט אַ דערקלערונג, אין וועלכער ער האָט אויסדריקלעך באַטאָנט, אַז מדינת ישראלס שטעלונג בנוגע דעם גולן איז אַן אומבאַשטרייטבאַרער ענין.

„אונדזער באַשלוס איז באַזירט אויף צוויי פאַקטאָרן" — האָט ער געזאָגט — „אויף דער עקשנות פון די פּיאָנערן און אויף דעם כוח פון דער ישראל־אַרמיי".

די זון האָט זיך געזעצט פייערדיק־רויט אין מערב ווען מיר זענען צוריקגעקומען צו אונדזער גאַסט־הויז אין אילת השחר. אין די קיבוץ־היימען האָבן די פרויען געצונדן ליכט לכבוד שבת. אין דעם עסצימער האָט שוין געוואַרט אויף אונדז אַ געשמאַקער שבתדיקער מאָלצייט, מיט ווייִן און געפילטע פיש. דער עולם, הגם מיד פון דעם לאַנגן טאָג, איז געווען יום־טובדיק געשטימט.

קאַפּיטל 8

די קיבוצים און זייערע פּראָבלעמען

זייער ראָל אַמאָל און זייערע פּראָבלעמען היינט — שווער איינצוהאַלטן די יוגנט אין די קיבו־צים — אַ באַזוך אין אילת השחר, איינער פון די עלטסטע קיבוצים — ווי דער קיבוץ איז אויס־געוואַקסן און ווי ער זעט אויס היינט.

בעת אונדזער באַזוך אין ישראל איז אונדז אָפט מאָל אויסגעקומען צו רעדן מיט מענטשן וועגן די קיבוצים און דער קיבוץ־באַוועגונג בכלל, דער צושטאַנד איצט און די אויסזיכטן אויף מאָרגן. ישראל שטאָלצירט שטאַרק מיט די קיבוץ־דערגרייכונגען. עס קומען אַהין מענטשן פון דער

גאַנצער וועלט צו שטודירן דאָס קיבוץ־לעבן, וואָס איז באמת אַ מוסטער פון קאָאָפּעראַציע און קאָלעקטיוון צוזאַמענלעבן.

דאָך האָבן מיר דערפילט, אַז עפּעס איז נישט גלאַטיק, אַז עס הערשט אַ געוויסע מאָס באַזאָרגטקייט לגבי דער צוקונפט. נאַטירלעך האָבן מיר באַזוכט אַ צאָל קיבוצים איבערן לאַנד, גערעדט מיט די איינוווינער, באַ־אָבאַכטעט זייער שטייגער פון לעבן, זיך צוגעקוקט צו זייער ווירטשאַפט און פּרובירט ווי ווייט מעגלעך, זיך באַקענען מיט זייערע פּראָבלעמען.

דאָס הויפּט פּראָבלעם, ווי מיר האָבן אויסגעפונען, באַשטייט אין דעם, וואָס די קיבוצים באַוויייזן נישט איינצוהאַלטן זייער יוגנט, וואָס גייט אַוועק אין די גרעסערע שטעט. מען שטראָמט נישט אַוועק פון די קיבוצים מאַסנווייז, אָבער עס איז אַ לאַנגזאַמער פּראָצעס, וועלכן מען הייבט אָן פילן און וועגן וועלכן מען איז באַזאָרגט. ס׳טייטש, ווי קומט עס? מען האָט אָנגעוויזן עטלעכע תירוצים, פון וועלכע דער וויכטיקסטער איז, אַז נאָך דעם, ווי די יוגנט דינט אָפּ צוויי־דריי יאָר אין מיליטער און האָט די געלעגנהייט צו באַאָבאַכטן דאָס לעבן אין די גרעסערע שטעט איז שווער פאַר אַ סך פון זיי זיך אומצוקערן צום קיבוץ און זיך ווידער אַרייפּאַסן אין דעם קיבוץ־לעבן.

אייגנטלעך איז עס נישט קיין ניי פּראָבלעם. מען ווייסט שוין וועגן דעם זינט אַ צאָל יאָרן און די קיבוצים פּרובירן צו לייזן עס דורך צוציִען אַנדערע מענטשן, ס׳רוב פון די נייע עולים, זיי זאָלן אַרייגטרעטן אַלס נייע מיטגלידער. אין אַ היפּשער צאָל קיבוצים האָט מען איינגע־פירט אולפּנים צו לערנען די אימיגראַנטן העברעיִש אויפן אָרט, כדי זיי זאָלן זיך וואָס פריער קענען אַרייגפּאַסן אין דעם קיבוץ. מען פּרובירט אויך צוציִען אַנדערע, וועמען עס איז דערעסן געוואָרן דער טומל פון דער גרויסער שטאָט, און פאַר אַזעלכע שילדערט מען די אַגריקולטורעלע און אינדוסטריעלע געווינסן פון לעבן אין אַ קיבוץ, די עקאָנאָמישע און סאָציאַלע זיכערקייט, און בכלל דאָס שטילע און רויִקע לעבן.

אויף ווי ווייט מען האָט דערפאָלג מיט אַזעלכע מיטלען, איז מיר נישט באַקאַנט, אָבער מיר שיינט, אַז דאָס איז אַ באַגרענעצטער דער־פאָלג, אַנדערש וואָלט מען זיך דאָך נישט באַקלאָגט און נישט געווען אַזוי שטאַרק באַזאָרגט וועגן דער צוקונפט פון דעם קיבוץ. מען האָט מיר געזאָגט, אַז מ׳איז צו איבערקלייבעריש אין די קיבוצים, מ׳זוכט בלויז אַ געוויסן, זאָל זיין אַ מער אידעאַליסטישן, עלעמענט און נישט

סתם שלימזלניקעס, וואָס קענען זיך אויך נישט צופּאַסן אין די גרעסערע שטעט. דאָס איז פאַרשטענדלעך. נאָך אַלעמען איז דאָס לעבן אין דעם קיבוץ נישט קיין לייכטער ביז היינטיקן טאָג, בפרט נאָך אין די ישובים, וואָס ליגן נאָענט צו די גרענעצן. דערצו איז היינט צו טאָג פּאַקטיש נישטאָ קיין אַרבעטסלאָזיקייט אין ישראל, מ׳פאַרדינט גוט, ממילא איז מען נישט גערן צו זוכן קיין גליקן אין די קיבוצים. מ׳יר איז אויסגעקומען צו הערן ווי מענטשן האָבן גערעדט מיט גרויס התלהבות וועגן דער ראָל פון די קיבוצים און זייער סאָציאַלן בייטראָג, אָבער ווערן אַ חבר אין אַ קיבוץ „דאָס איז נישט פאַר מיר, איך קען זיך מער נישט צופּאַסן צו אַזאַ סאָרט לעבן״.

פאַר דעם יידישן לייענער דאַרף מען זיכער נישט דערציילן די געשיכטע פון דער קיבוץ־באַוועגונג, אָבער דאָך ווילן מיר אָנווייזן אויף אייניקע פאַקטן. דער אָנהויב איז געמאַכט געוואָרן פּונקט מיט זעכציק יאָר צוריק, אין 1910, ווען אַ גרופּע אידעאַליסטישע יונגעלייט האָט געגרינדעט דעם ערשטן קיבוץ דגניה אין ירדן־טאָל, און אַזוי אַרום געהאַפּט, אַז זיי וועט געלינגען צו שאַפן אַ נייע געזעלשאַפט באַזירט אויף קאָמונאַלער אַרבעט און גלייכהייט פאַר אַלעמען. מיט דער צייט זענען אויפגעקומען אַנדערע קיבוצים אין פאַרשידענע טיילן פון לאַנד, אַזוי, אַז זייער צאָל האָט דערגרייכט ביז אומגעפער 250. בסך הכל פאַרמאָגן די קיבוצים נישט מער ווי פיר פּראָצענט פון דער ישראל באַפעלקערונג, אָבער די ראָל, וואָס זיי האָבן געשפּילט אין דעם אויפבוי פון לאַנד איז באַדייטנדיק גרעסער, ווי די ציפער קען אָנדייטן.

געווג אָנצווייזן, אַז בערך אַ דריטל פון דער אַגריקולטור פּראָדוקציע פון דער יידישער מדינה קומט פון די קיבוצים, און אַז קיבוץ־מיטגלידער און פירער האָבן גענומען אַ טיכטיקן אָנטייל אין דעם עפנטלעכן לעבן פון דער מדינה ביז היינטיקן טאָג, אין דער רעגירונג, אין דער כנסת, אין דער הסתדרות און אין די באַוואָפנטע כוחות. נישט געקוקט אויף אַלע ענדערונגען, וואָס זענען פאָרגעקומען אין די לעצטע זעכציק יאָר, און דערהויפּט אין די לעצטע 23 יאָר, זינט דער גרינדונג פון מדינת ישראל, האַלטן זיך די קיבוצים ווייטער ביי זייערע ערשטע גרונט־פּרינציפּן פון קאָמונאַלן צוזאַמענלעבן, גלייכהייט און קאָלעקטיוון באַזיץ פון אייגנטום. זייער ווירטשאַפט איז נאָך אַלץ באַזירט דערהויפּט אויף אַגריקולטור, וואָס איז שטאַרק אויסגעברייטערט און מאָדערניזירט

געוואָרן, אָבער אַ סך קיבוצים האָבן שוין היינט איגדוסטריעלע אונטער־נעמונגען, וואָס ברענגען אַריין מער הכנסה און גיבן באַשעפטיקונג פאַר אַ סך קיבוץ־מיטגלידער.

איינער פון די קיבוצים, וואָס מיר האָבן באַזוכט, איז געווען אילת השחר, וואָס ליגט צופוסנס פון די גולן־בערג אין צפון־מזרח טייל פון גליל. דאָס איז איינער פון די סאַמע עלטסטע קיבוצים, וואָס איז גע־גרינדעט געוואָרן אין יאָר 1915, ד. ה. מיט 57 יאָר צוריק, דורך אַ גרופּע יונגע חלוצים פון רוסלאַנד. זיי האָבן דורכגעמאַכט אַלערליי צרות, געליטן פון הונגער און מאַנגל אין וואַסער, געווען איזאָלירט פון אַנדערע יידישע ישובים און געהאַט אויסצושטיין פון אַראַבישע אָנפאַלן. ערשט, ווען עס איז אין די אָנהויב דרייסיקער יאָרן אויסגעגראָבן געוואָרן דער ערשטער ברונים, האָט מען געקענט ריכטיק באַאַרבעטן די פעלדער און גערטנער. שפּעטער זענען אויפגעקומען אַנדערע קיבוצים אין דער געגנט און אילת השחר איז געוואָרן דער צענטראַלער פאַרטיידיקונגס־פּונקט פאַר דעם געביט. בעת די יאָרן פון דעם ענגלישן מאַנדאַט, האָט מען אין דעם קיבוץ אויפגענומען אַ צאָל אימיגראַנטן, וואָס זענען אַריינגעקומען אָן ענגלישע וויזעס.

ווען עס איז אַנטשטאַנען די יידישע מדינה אין 1948, איז דער קיבוץ אַטאַקירט געוואָרן פון די סיריער, וואָס האָבן אָנגעטאָן גרויס שאָדן. עס זענען געפאַלן אַ היפּשע צאָל קרבנות אָבער די קיבוצניקעס פון אילת השחר האָבן זיך גישט אונטערגעגעבן. זיי האָבן אַפילו באַוויזן אַראָפּצו־שיסן אַ סירישן עראָפּלאַן און טיילן פון יענעם עראָפּלאַן ליגן נאָך ביזן הייטיקן טאָג אויף דעם אָרט אין קיבוץ, וווּ זיי זענען אַראָפּגעפאַלן, אַלס אָנדענק פון יענער שווערער צייט. אין אַ שפּאַציר איבער דעם קיבוץ האָבן מיר געזען די עראָפּלאַן־טיילן.

מיר זענען אָנגעקומען אין אילת השחר אין אַ פרייטיק נאָך מיטאָג און דאָרטן פאַרבליבן איבער שבת, ביז זונטיק אין דער פרי. שבת נאָך מיטאָג, האָט אַ מיטגליד פון דעם קיבוץ אַרומגעפירט אונדזער גרופּע אויף אַ שפּאַציר איבער אילת השחר, געוויזן די וווינונגען, די גערטנער און פעלדער, די קינדער־שול, דעם עסצימער, די אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, די שטאַלן פאַר בהמות, וכדומה. מיר האָבן אַרומשפּאַ־צירט גוטע צוויי שעה און געזען פּאַקטיש אַלץ, וואָס עס איז פאַראַן

צו זען אין דעם קיבוץ. דער קיבוץ־חבר האָט געדולדיק געענטפערט אויף אַלע פראַגן און פרובירט אַלץ דערקלערן.

אין דעם לעצטן פערטל יאָרהונדערט, האָט אילת השחר געמאַכט גרויס פאָרשריט, שטאַרק אויסגעוואַקסן און איז היינט איינער פון די רייכערע קיבוצים. דאָס וואַסער־פּראָבלעם איז געלייזט געוואָרן אַ דאַנק דעם, וואָס דער קיבוץ איז פאַרבונדן מיט דער צענטראַלער וואַסער־סיסטעם און דאָס האָט מעגלעך געמאַכט אויסצוברייטערן די פאַרם־ווירטשאַפט. היינט צו טאָג איז דער קיבוץ איינער פון די גרעסטע פּראָדוצירער פון פרוכט אין לאַנד, איינשליסנדיק ציטרוס־פרוכט און באַ־נאַנעס, ווי אויך ביינוול און אַנדערע אַגריקולטור־פּראָדוקטן. חוץ דעם, פאַרמאָגט דער קיבוץ אַ גרויסע צאָל בהמות, וואָס שטעלן צו אַ באַדייטנדיקע מאָס מילך, היינער, און בינשטאָקן, ווו עס ווערט פּראָ־דוצירט אַ סך האָניק. פון די קאַנאַלן, וואָס מען האָט אויפגעבויט נאָך דעם, ווי מען האָט אויסגעטריקנט די חולה־זומפּן מיט אַ צאָל יאָרן צוריק, האָט מען צוגעקראָגן פרישע וואַסערן און עס זענען אין קיבוץ געשאַפן געוואָרן סאַזשלקעס, אין וועלכע מען האָדעוועט פיש.

דאָס איז נאָך ווייט נישט אַלץ. איצט קומען מיר צו דער אינ־דוסטריעלער זייט. מיט אייניקע יאָרן צוריק, איז געגרינדעט געוואָרן אין קיבוץ אַ בוכבינדעריי, וואָס גיט באַשעפטיקונג פאַר אַ צאָל מענטשן, און אַ פאַבריקל צו מאַכן קעסטלעך און פאַק־מכשירים צו פאַרפּאַקן די פרוכטן, וואָס ווערן אַרויסגעשיקט פון דעם קיבוץ. אויך איז גלייך ביים אַריינגאַנג צום קיבוץ אויפגעשטעלט געוואָרן אַ פּראַכטפולער מאָדער־ניסטישער בנין, וואָס דינט אַלס מוזיי, ווו עס געפינען זיך אַ טייל פון די אַרטיקע אויסגראַבונגען, וואָס פּראָפעסאָר יגאל ידין האָט געמאַכט אין יענער געגנט פון די אַלטערטימלעכקייטן פון חצור, וואָס ווערט דערמאָנט אין תנ״ך. עס איז באמת פון גרויס קולטור־היסטאָרישן באַדייט און ציט צו פיל באַזוכער.

און גראָד דאָס וויכטיקסטע, וואָס ברענגט אַריין דעם קיבוץ גרויס הכנסה זענען די גאַסטהייזער און דער שיינער עסצימער פאַר געסט און טוריסטן. דאָרטן קען מען אויפנעמען וואָסערע 150 אָדער 200 געסט מיט אַ מאָל. מיר האָבן געהאַט אַ שיינעם, רחבותדיקן צימער, עלעגאַנט מעבלירט, „עיר קאָנדישאַנד" (קילע לופט), אַ באָד־צימער און אַלע באַ־קוועמלעכקייטן פון אַ מאָדערנעם האָטעל. דער עסצימער איז געווען

באַלד דערביי, דאָס עסן גוט און געשמאַק, עס האָט אונדז נישט געפעלט פון פייגל־מילך. דער קיבוץ פאַרמאָגט אַ וווּנדערשיינעם „פּול" (שווים־באַסיין), ווו מיר האָבן זיך געבאָדן.

אין אילת השחר ווױנען היינט נאָענט צו טויזנט מענטשן, פון זיי, איבער 600 דערוואַקסענע און די איבעריקע, קינדער. צווישן די מיטגלי־דער פון דעם קיבוץ קען מען געפינען מענטשן פון פאַרשיידענע אימי־גראַציע־עפּאָכעס, אָנהייבנדיק מיט די ערשטע חלוצים פון רוסלאַנד, אין די צוואַנציקער יאָרן פון פּוילן, אין די דרייסיקער יאָרן פון דייטשלאַנד און אַנדערע צענטראַל־אייראָפּעיִשע לענדער, און זינט דער אַנטשטייאונג פון דער מדינה, אימיגראַנטן פון די צפון־אַפריקאַנער לענדער. בסך הכל געפינען זיך אין קיבוץ מענטשן, וואָס זיי, אָדער זייערע עלטערן שטאַמען פון צוואַנציק לענדער, אָבער פאַר זיי אַלעמען איז היינט אילת השחר זייער היים.

די אַרומיקע לאַנדשאַפט איז אַ פּראַכטפול־שיינע. אַ בערגיקע, אָבער איינגעטונקען אין גרינס און איןביימער. די שאָסייען, וואָס פירן צו אַלע טיילן פון לאַנד זענען זייער גוטע. עס איז ממש אַ גן־עדן פאַר טוריסטן און פאַר אַ עלבע, וואָס זוכן אַ ביסל אָפּרו. די איינציקע זאַך, וואָס האָט מיך אַ ביסל באַאומרויִקט זענען געווען די בונקערס, אָדער שוץ־ערטער, וואָס געפינען זיך דאָ און דאָרטן איבער דעם קיבוץ. „אַרויסגעוואָרפן געלט, אָבער מיר מוזן עס האָבן פאַר אַ נויט־פאַל זיך צו באַשיצן, איבערהויפּט אונדזערע קינדער", האָט מיר דער וועגווייזער געזאָגט. יענעם שבת ביי נאַכט, האָב איך טאַקע געהערט אַ שיסעריי שפּעט ביי נאַכט. דאָס האָט אַ ישראל פּאַטרול זיך איבערגעשאָסן מיט אַ באַנדע טעראָריסטן, אָבער פון „אונדזערע" זענען נישט געווען קיין קרבנות. מיר זענען אַוועקגעפאָרן פון אילת השחר מיט די אָנגענעמסטע איינ־דרוקן.

ק אַ פּ י ט ל 9

דאָס לעבן אין די קיבוצים ביי די גרענעצן

בײַ די ברעגעס פון ים כנרת — אין אשדוד יעקב, האַרט ביי דער ירדנישער גרענעץ — וואָס מיר האָבן געזען אין אַשדוד יעקב און ווי אַזוי מען לעבט דאָרטן

אין פריערדיקן קאַפּיטל, וועגן אונדזער באַזוך אין ישראל, האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט וועגן דער ראָל פון די קיבוצים און זייערע פּראָבלעמען אין דער איצטיקער צייט. מיר האָבן באַזונדערס געשילדערט דאָס לעבן אין דעם קיבוץ אילת השחר, וואָס ליגט צופונס פון די גולן בערג, ווו מיר האָבן פאַרבראַכט צוויי טעג. אין דעם קאַפּיטל ווילן מיר אַריינקוקן אַ ביסל טיפער אין דעם אינערלעכן קיבוץ־לעבן, אונטער די איצטיקע שווערע אומשטענדן ביי די גרענעץ־פּונקטן.

באַלד נאָך פרישטיק האָבן מיר פאַרלאָזן אילת השחר מיט דעם הויפּט שאָסיי צו דרום. מיר זענען פאַרבייגעפאָרן מהניים, ראש פינה און פלוצים האָט זיך פאַר אונדז אַנטפּלעקט אַ וואונדערשיינע פּאַנאָראַמע, דער עמק און דער ים כנרת. קוקנדיק פון דעם אויטאָבוס, וואָס האָט זיך פאַמעלעך געשלענגלט פון די בערג, האָב איך פאַר אַ מאָמענט געהאַט דאָס געפיל, ווי מיר וואָלטן הענגען אין דער לופט און געזען דאָס פאַר־כאַפּנדיקע בילד. אַלץ איז געווען איינגעטונקען אין גרינס, חוץ דעם ים כנרת, וואָס האָט געבלענדט מיט זיין בלויקייט.

מיר האָבן געניידערט אַלץ טיפער, אָבער פון ווייטן צו לינקס, האָט מען נאָך אַלץ געזען טיילן פון די גולן בערג. דער וועג האָט זיך פאַר־נומען עטוואָס צו לינקס און קורץ פאַר צען אַ זייגער אין דער פרי, בערך אַ שעה נאָך דעם, ווי מיר האָבן פאַרלאָזן אילת השחר, זענען מיר אָנגעקומען קיין כפר־נחום (קאַפּערנאַום), וואָס ליגט האַרט ביים צפון־ברעג פון ים כנרת. אין די אַלטערטימלעכע צייטן איז דאָס אָרט געווען אַ פישער־דאָרף, און לויט קריסטלעכע לעגענדעס, זאָל יעזוס זיך האָבן דאָ אויסבאַהאַלטן פון די רוימער און האָט דאָ געפּרעדיקט אין

דער שול. היינט איז דאָס אָרט פּאַרלאָזן, חוץ, וואָס דאָ געפינט זיך אַ מאַ־נאַכטיר און די מאָנאַכן גיבן אַכטונג אויף די הייליקייטן.



אין די אויסגעגראָבענע רואינען פון דער אַלטער סינאַגאָגע אין כפר נחום (קאַפּערנאום) ביים צפון־מז־רח ברעג פון ים כנרת. צו לינקס דער מחבר. אין דער סינאַגאָגע זאָל יעזוס האָבן געדאַוונט ווען ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן פון די רוימער אין דעם שיפער־דאָרף.

אונדזער צוועק פון באַזוכן כפר־נחום איז געווען צו זען די אַלטע אויסגעגראָבענע סינאַגאָגע און נעמען אַ שיפל, וואָס פאָרט פון דאַנען איבער דעם ים כנרת קיין טבריה. די קריסטלעכע ערטער האָבן אונדז נישט אינטערעסירט. מיר האָבן בלויז באַזוכט די רואינען פון דער אַלטער סינאַגאָגע פון צוויי טויזנט יאָר צוריק, געזען די מאַסיווע שטיינער, די אַלטע העברעיִשע אויפשריפטן, די מגן־דודס, די בימה, די שטיינערנע זיץ־פּלעצער א. אַ. וו. פון קולטור־היסטאָרישן שטאַנדפּונקט איז עס אַלץ אויסערגעוויינלעך אינטערעסאַנט און ממש צו באַוווּנדערן ווי יידן אַ מאָל, אַפילו מיט זייערע פרימיטיווע בוי־מיטלען אין אַזאַ פאַרוואָרפן אָרט, האָבן באַוויזן אויפצובויען אַזאַ רעליגיעזן בנין. אַ שאָד נאָר, וואָס די אַלטע סינאַגאָגע געפינט זיך איצט נישט אין יידישע הענט.

צו לאַנג אַרומוואַנדערן אין די רואינען פון דער סינאַגאָגע, האָבן מיר נישט געקענט. די זון האָט ממש געגליט און דאָס שיפל האָט שוין געוואַרט אויף אונדז. מיר האָבן זיך אַרויפגעזעצט און זיך געלאָזט גליטשן איבער די שטילע און גלאַטע וואַסערן פון דעם בלויען כנרת. די רייזע, צו דרום־מערב קיין טבריה, דויערט אַ קנאַפּע שעה. דאָ און דאָרטן מערקט זיך אַ פישער־שיפל. דער כנרת ציט זיך צו דרום אויף אַ שטרעקע פון וואַסערע 14 מייל לאַנג און איז אַכט מייל ברייט. היינט איז דאָ שטיל, דער גאַנצער ים כנרת איז איצט אַרומגערינגלט פון יידישער טעריטאָריע, אָבער פאַר

דער זעקס־טאָגיקער מלחמה האָבן די סיריער באַהערשט דעם מזרח־ברעג פון כנרת און דאָ פלעגן אָפט פאָרקומען שיסערייען.

אין טבריה האָבן מיר אויך לאַנג נישט פאַרבראַכט. מיר זענען אַרומגעפאָרן אַ ביסל איבער דער שטאָט, געזען די נייע געגנטן, וואָס ווערן דאָרטן געבויט, געפילט די לעבהאַפטיקייט, און ווידער זיך געלאָזן מיט דעם שאָסיי צו דרום, לענג אויס דעם כנרת. אָט איז דער ישוב כנרת, אַ ביסעלע ווייטער פוריה, דאָן דער באַרימטער קיבוץ דגניה, אָבער מיר פאַרנעמען זיך צו לינקס קיין מעגן (מאַ'אַגאַן), און דאָ עסן מיר מיטאָג אין דרויסן, האַרטביים ברעג פון ים כנרת. די היץ איז גרויס, אָבער פון דעם כנרת בלאָזט פון צייט־צו־צייט אַן אָנגענעם ווינטל, וואָס מאַכט עס דערטרעגלעך.

מיר כאַפּן אַ שנעלן בליק איבער מעגן און באַמערקן, אַז מען בויט דאָ אין פאַרשידענע ערטער, אָבער אַזוי ווי מעגן ליגט נאָענט צו דער ירדנישער גרענעץ, פרעגן מיר נישט קיין צופיל קשיות, וואָס מען בויט דאָ. פון מעגן איז בלויז אַ קורצע שטרעקע קיין אשדוד יעקב, אַ קיבוץ, וואָס ליגט ביים אָנהייב פון ירדן־טאָל ביי דער סאַמע ירדנישער גרענעץ, אפשר נישט מער, ווי עטלעכע הונדערט פוס פון דער גרענעץ. פון ווייטן, צו מזרח, ליגן די בערג פון גלעד און אין יענע בערג באַהאַלטן זיך אויס די אַראַבישע טעראָריסטן, וואָס מאַכן אָפטע אָנפאַלן אויף די יידישע ישובים לענג אויס דעם ירדן־טייך פון אשדוד יעקב ביז צו בית־שאָן, כפר רופין און אַנדערע פונקטן. אגב, איז דאָס דער צפון־מערב טייל פון ירדן, וווּ עס האָבן זיך געהאַט קאָנצענטרירט די גערילאַ־באַנדעס, וואָס האָבן געהאַט פאַרכאַפּט דעם טייל פון כוסיינס מדינה און זיך געגרייט פון דאַנען פאַרצוזעצן זייערע אַטאַקעס אויף ישראל.

אין אַשדוד יעקב זענען מיר געווען אַמנאָענטסטן צו אַראַבישער טעריטאָריע, בעת אונדזער צוויי־וואָכיקן באַזוך אין ישראל, און — למאַי זאָל איך לייקענען — כ'האָב זיך געפילט אַ ביסל אומהיימלעך. עס האָט זיך מיר כסדר געדוכט, אַז אַ ליאַדע מאָמענט וועט זיך פון די בערג דערהערן אַ שאָס, וואָס וועט אָפּהילכן ביי אונדז. ווי קענען די מענטשן דאָ לעבן כסדר אונטער אַזעלכע אומשטענדן? ווי קען מען דאָ דערציִען קינדער?

איך בין געווען פאַרזונקען אין שווערע מחשבות, ווען אונדזער אויטאָבוס האָט זיך אָפּגעשטעלט אין אשדוד־יעקב האַרט ביי דער וואַנט פון

אַ לאַנגער געביידע, וואָס האָט אונדז פאַרשטעלט קעגן אַ „גוט־אויג” פון די בערג. די טיר פון אויטאָבוס האָט זיך געעפנט און עס איז אַריינגעקומען אַ נידעריקער ייד, האָט אונדז באַגריסט מיט „שלום” און איז באַלד אַריבער אויף יידיש. ער האָט גערעדט אַן אוקראַינער יידיש, האָט אונדז דערציילט, אַז ער געפינט זיך אין אשדוד יעקב באַלד פערציק יאָר, זינט דער קיבוץ איז געגרינדעט געוואָרן, און אַז ער איז איינער פון די ערשטע פיאָנערן דאָ. נאָך דעם, ווי ער האָט אונדז איבערגעגעבן אַ ביסל פון דער געשיכטע פון דעם קיבוץ האָט ער אונדז גענומען אויף אַ שפּאַציר.

מיר האָבן שפּאַצירט מערסנטס אין די אַלעען און צווישן די ביימער פון דעם קיבוץ, כדי נישט צו וואַרפן זיך צו פיל אין די אויגן, וואָס לויערן אויף די בערג. דאָ און דאָרטן האָט מען אָנגעוויזן אויף אַ מקלט (שעלטער אָדער בונקער) זיך צו באַהאַלטן, אין פאַל פון אַ שיסעריי. אונדזער וועגווייזער, וועמענס נאָמען איך קען זיך, ליידער, נישט דערמאָנען, האָט אונדז דערציילט, אַז בעת דער זעקס־טאָגיקער מלחמה האָט דער קיבוץ פאַרלוירן צוויי יונגעלייט, וואָס זענען געפאַלן אין קריג, אָבער אין די לעצטע דריי יאָר זינט דער מלחמה, האָט דער קיבוץ פאַרלוירן זעקס מיטגלידער. זיי זענען אומגעקומען אַרבעטנדיק אין די פעלדער, דורך מינעס, וואָס זענען אונטערגעלייגט געוואָרן, דורך שיסערייען און באָמבעס, וואָס זענען געוואָרפן געוואָרן אויף דעם קיבוץ דורך טעראָריסטן.

הגם אשדוד יעקב ווערט פאַררעכנט אַלס איינער פון די מער דערפאָלגרייכע קיבוצים אין עקאָנאָמישן זין, איז אָבער אינטערעסאַנט, אַז אין די אַלע יאָרן האָט מען זיך נישט געקענט דערלויבן דעם לוקסוס פון אויפבויען אַ נייעם און מער זיכערן עס־צימער אויפן אָרט פון דעם אַלטן הילצערנעם חדר־אוכל. די ישראל־אַרמיי, וואָס האָט דאָרטן אַ צאָל פון אירע מענטשן, ווי ביי די אַנדערע גרענעץ־פונקטן, האָט אָבער געפאָדערט אַ מער זיכערן עס־צימער. די קיבוצניקעס עסן דאָרטן דריי מאָל אין טאָג, אויך די ישראל־סאָלדאַטן עסן דאָרט, און אין די אָוונטן דינט דער צימער אַלס אַ זאַמל־אָרט צו פאַרברענגען די צייט — און בלויז איין גוט־אונטערגעלייגטע באָמבע קען ברענגען צו אַ גרויסן אומגליק און פאַרלוסטן פון צענדליקער מענטשלעכע לעבנס.

מיט דער הילף פון אַ באַדייטנדיקער ביישטייערונג פון דעם הסתדרות־קאַמפּיין אין טאָראָנטאָ, קאַנאַדע, און אַ דאַנק דער ישראל־אַרמיי, איז

מען צוגעטראָטן צו בויען אַ נייעם עס־צימער. בעת מיר זענען געווען אין אשדוד יעקב אָנהייב יולי האָט מען שוין געהאַלטן גאַנץ ווייט מיט דער בוי־אַרבעט און איך גלויב, אַז דער נייער חדר־אוכל מוז שוין זיין פאַרטיק. די געביידע איז געבויט סאָליד, פון אייזן־בעטאָן, ממש ווי אַ פעסטונג. באַלד דערנעבן ווערט אויך געבויט אַ היפשער מקלט, אַזוי אַז אין פאַל פון אַן אַטאַקע, וועלן די קיבוצניקעס קענען גלייך אַריינגיין אין דעם מקלט זיך צו באַשיצן.

אונדזער וועגווייזער האָט אונדז דאָן אַריינגעפירט אין דעם מקלט, וווּ עס שלאָפן יעדע נאַכט די קלענערע קינדער. אַפילו די סאַמע יינגסטע



דער מחבר און זיין פרוי כאַפן אַ שפּאַציר איבער די געסלעך פון צפת.

עופעלעך געפינען זיך דאָ אין זייערע קליינינקע בעטעלעך, איינע לעבן די אַנדערע און איינע איבער די אַנדערע. עס זענען פאַראַן צווישן זיי קינדער, וואָס שלאָפן שוין אין די שוץ־ערטער די לעצטע דריי יאָר און געדענקען אַפילו נישט, וואָס עס מיינט צו שלאָפן אין אַ בעט אין זייער היים. אָפט כאַסירט, אַז די קינדערלעך מוזן פאַרבלייבן אין מקלט דורכן טאָג, מחמת אויבן איז פאַר זיי נישט צו זיכער, און אין אַזעלכע פאַלן זענען פאַר זיי אין מקלט אַנגעגרייט שפּילצייג, קינדער־ביכלעך, מאָלן, האַנט־אַרבעט, וכדומה.

„מיר קענען נישט איינשטעלן מיט די לעבנס פון אונדזערע קינדער", זאָגט צו מיר דער וועגווייזער בשעת מיר גייען צוריק אַרויס אין דרויסן. ביז מיט אַ צוויי־דריי יאָר צוריק האָבן די קיבוצניקעס נישט געוואָלט הערן אַפילו וועגן געדאַנק, אַז די קינדער זאָלן שלאָפן יעדע נאַכט אין די אונטערערדישע באַהעלטענישן. אָבער ווען די אַטאַקעס האָבן זיך גע־נומען ווידערהאָלן אָפטער, און ווען די קיבוצניקעס האָבן אַלץ מער און מער זיך אויפגעכאַפּט בעת אַ שיסעריי אין מיטן דער נאַכט און געלאָפן הענדום־פּענדום צום קינדער־הויז זען צי די קינדער זענען, חלילה, באַ־שעדיקט געוואָרן, האָט מען באַשלאָסן, אַז ס'איז קיין אַנדער אויסוועג נישטאָ. פון דעמאָלט אָן, מוזן אַלע קינדער ביז דעם עלטער פון עלף יאָר שלאָפן אין מקלט יעדע נאַכט, און מיט זיי שלאָפט דאָרט יעדע נאַכט אַ דערוואַקסענער.

אין סטראַטעגישע פונקטן איבער דעם קיבוץ, געפינען זיך עטלעכע מאַשין־ביקס טורעמס, וואָס דרייען זיך אין פאַרשידענע ריכטונגען, ווי אויך פּראָזשעקטאָרס, וואָס וואַרפן אַ שטאַרק ליכט ביי נאַכט אין פאַל אויב מ'איז עפּעס חושד. די קיבוצניקעס האָבן אונטערגעלייגט זייערע אייגענע מינ.ס, האָבן פאַרצויגן די גרענעץ מיט שטעכל־דראָטן, און אין געוויסע ערטער באַנוצט מען אַפילו שפּיר־הינט. פאַרשטייט זיך, אַז די כאַמע וויכטיקסטע באַשיצונג זענען די ישראל־פּאַטרולן, וואָס געפינען זיך דאָרט, חוץ וואָס זיי היטן די געגנט, האָבן די ישראל־סאָלדאַטן די ספּעצ־ציעלע אויפגאַבע אויסצופאָרשן יעדן טאָג צי עס זענען נישט אונטערגע־לייגט געוואָרן מינעס אין די פעלדער, און יעדן פאַרטאָג, איידער די קיבוצניקעס קומען צו זייער אַרבעט אין פעלד, האָט שוין דער פּאַטרול דורכגעפירט זיין שליחות.

אין אַשדוד יעקב ווערן פּראָדוצירט אַליוון, וויינטרויבן, באַנאַנעס,

גרעיפּ־פּרוכט, היבער, אייער און אַ ריי אַנדערע שפּייזן. פאַראַן דאָרטן אויך אייניקע קליינע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, וואָס שאַפן באַ־שעפטיקונג און איינקונפט פאַר דעם קיבוץ. נישט געקוקט, וואָס מען געפינט זיך אַזוי נאָענט ביי דער גרענעץ, פּרובירט מען אָנפירן אַ נאָרמאַל לעבן ווי ווייט מעגלעך, מען אַרבעט אויף די פעלדער, אין די וואַרשטאַטן, מען נעמט אויף אורחים, מען פאַרברענגט צוזאַמען מיט די אַנדערע חברים אין די אָוונטן, מען פאָלגט נאָך די נייעס און אַלע אַנטוויקלונגען אין דער מדינה און איבער דער וועלט בכלל. די טיפּישע קיבוץ־היים באַשטייט פון דריי צימערן פאַר אַ פּאָרל, איינשליסנדיק אַ גאַסט־צימער (ליווינגרום), שלאָפצימער און אַ קיך. די וווינונג איז איינפאַך מעבלירט, אָבער כמעט אומעטום וועט איר געפינען ביכער פּאָליצעס מיט ביכער אין העברעיש און אַנדערע שפּראַכן, און אַ רעקאָרד־שפּילער. עס איז אויך פאַראַן אַ וואַש־צימער און באַקוועמלעכקייטן פאַר אַ שפּריץ.

מיר קענען נישט און טאָרן נישט פאַרגלייכן דאָס קיבוץ־לעבן מיט דעם שטייגער לעבן אין אַמעריקע. עס איז אַן אַנדערע וועלט און האָט אַן אַנדער צוועק און אַן אַנדערע באַדייטונג. טראָץ דעם שווערן לעבן, און דערהויפּט די געפאַר, וואָס לויערט כסדר פון „יענער זייט", איז די מאָראַל אין אשדוד יעקב אַ הויכע און די שטימונג ביי אירע איינוווינער אַ געהויבענע. קיינער טראַכט נישט פון פאַרלאָזן דעם קיבוץ, אַלע שטייען אויף זייערע פּאָזיציעס.

„ווי קען מען גאָר טראַכטן פון פאַרלאָזן אַן אָרט, וווּ מ'האָט אָפּגעלעבט אַזוי פיל צענדליקער יאָרן", זאָגט צו אונדז דער וועגווייזער, „באַאַרבעט דעם שטיינערנעם באָדן און די זומפּן מיט דעם אייגענעם שווייס און בלוט, און עס אַלץ פאַרוואַנדלט ממש אין אַ גן־עדן התחתון? דאָ איז אונדזער היים. פון דאַנען רירן מיר זיך נישט".

דאָס זעלביקע איז אונדז אויסגעקומען צו הערן אין אַנדערע ערטער. אין קיבוצים, אין מושבים, אין קלענערע שטעט און אין גרעסערע שטעט, וואָס געפינען זיך נאָענט צו די גרענעץ־פּונקטן, ווי בית־שאָן און קרית שמונה — אומעטום דאָס זעלבע: „דאָ איז אונדזער היים. פון דאַנען רירן מיר זיך נישט". מען באַקלאָגט זיך אפשר אַ מאָל, אַז די מקלטים (די שוץ ערטער) זענען נישט גרויס גענוג, אָדער נישט ריין גענוג, אָבער ביסלעכווייז וועט מען אויך די פּראָבלעמען לייזן מיט דער הילף פון דער רעגירונג און דער אַרמיי.

זאָל דאָ אויך באַמערקט ווערן, אַז יעדעס מאָל ווען עס פּאַסירט עפּעס אויסערגעוויינלעכס ביי די גרענעץ פּונקטן, קומען באַלד אַהין די וויכטיקסטע ישראל־פירער, גאָלדע מאיר, משה דיין, גענעראַל חיים בר־לב, יגאל אלון און אַנדערע. מען באַזוכט די געליטענע, מען שמועסט מיט די אָרטיקע איינוווינער, מען גיט זיי דאָס געפיל, אַז זיי זענען נישט אַליין, נאָר דאָס גאַנצע פאָלק איז מיט זיי. בעת מיר זענען געווען אין ישראל, האָט די פּרעסע דערציילט פון דעם פאַל, ווו גענעראַל דיין איז געקומען אָנזאָגן אַ פרוי די טרויעריקע בשורה, אַז איר מאַן איז געפאַלן אין קאַמף אויף די גולן בערג. די פרוי איז מיט אַ שעה פריִער געלעגן געוואָרן מיט איר פערטן קינד, אַ ייִנגעלע. מיט אַ וואָך שפּעטער איז פאָרגעקומען דער ברית, צו וועלכן עס זענען געקומען גאָלדע מאיר און עטלעכע פון אירע מיניסטאָרן און הרב שלמה גורן, הויפּט־רב פון דער ישראלדיקער אַרמיי. מען האָט דעם ייִנגעלע אַ נאָמען געגעבן נאָך זיין טאַטן און נאָך צוגעלייגט דערביי דעם נאָמען „גולן". דאָס פאָלק שאַצט אָפּ די נאָענטע באַציִונגען פון זיינע פירער, אַ באַציִונג, וואָס האָט צו זיך קיין גלייכן נישט ביי אַנדערע פעלקער און אין אַנדערע לענדער.

קאַפּיטל 10

ירושלים

פיר אומפאַרגעסלעכע טעג אין דער הייליקער שטאָט — אונדזער ערשטער שפּאַציר איבער די גאַסן פון ירושלים ביי נאַכט — די פאַרשידענע ערטער, וואָס מיר האָבן געזען

קיין ירושלים זענען מיר אָנגעקומען אין אַ זונטיק פאַר נאַכט, ווען די זון האָט זיך שוין גענומען זעצן און די הייליקע שטאָט און די אַרומיקע בערג זענען געווען באַגאָסן מיט אַ ים פון ליכט און גאָלד. יענעם גאַנצן טאָג, פון פרימאָרגן אָן, האָט אונדזער גרופּע פון הסתדרות־טוער פון אַמעריקע, אַרומגערייזט איבער דעם גליל, לענג אויס דעם

ים כנרת און די ירדן־גרענעץ ביז צו בית־שאַן, דאַן צו מערב ביז חדרה, דערנאָך צו דרום מיט דעם הויפּט־שאָסיי פאַרביי פתח־תקוה און רמלה, און ווידער צו מזרח אויף דעם וועג קיין ירושלים.

אמת, מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין אַ ריי פּונקטן, באַטראַכט ישובים, באַזוכט פאַבריקן, געגעסן מיטאָג אין אַ קיבוץ האַרט ביים ים כנרת, אָבער וואָס מער מיר האָבן זיך דערנענטערט קיין ירושלים, אַלץ מער איז געשטיגן אין מיר די שפּאַנונג און די לאַנג־געגאַרטע דער־וואַרטונג צו זען ירושלים, די קרוין־שטאָט פון דער לאַנגער יידישער געשיכטע, מיט די אייגענע אויגן. די לעצטע שעה, האָט זיך געצויגן ממש ווי פון פעך.

ווען מיר האָבן צוערשט אָנגעהויבן אונדזער רייזע איבער דער יידישער מדינה, האָב איך זיך געוווּנדערט, למאי מען נעמט אונדז נישט פריער קיין ירושלים. דאָס איז דאָך דאָס אָרט, וואָס יידן גאַרן צו זען אויף זייער ערשטן באַזוך אין ישראל גיכער ווי אַלע אַנדערע פּלעצער, און ס'האָט מיך אַ ביסל פאַרדראָסן, פאַר וואָס מ'האָט אַזוי נישט געפּלאַנט אונדזער באַזוך. אָבער שפּעטער איז מיר גראַד געפעלן, וואָס עס איז אַזוי מאַרקירט געוואָרן, אַז ירושלים זאָל קומען צום סוף — דאָס איז געווען דער קלימאַקס, דער הויכפּונקט, פון אונדזער באַזוך!

מיר האָבן פאַרבראַכט אין ירושלים פון זונטיק פאַר נאַכט ביז דאָ־נערשטיק פאַר מיטאָג, אַן ערך פיר טעג — פיר אומפאַרגעסלעכע טעג, וואָס וועלן לאַנג בלייבן אין אונדזער זכרון. דער צופאַר אַליין צו דער שטאָט איז פאַר מיר געווען אינטערעסאַנט. אומגעפער אַ האַלבע שעה איידער איר גרייכט נאָך די שטאָט, דערפילט איר פּלוצים, ווי דער אויטאָבוס נעמט זיך העכערן, דער וועג הייבט זיך אָן שלענגלען, און די גרינע פעלדער רוקן זיך אָפּ און ווערן טאָלן. דער שאָסיי איז אַ ברייטער און פאַרהעלטענישמעסיק נײַ. עס ציט זיך איבער דעם שאָסיי אַ היפּשער פאַרקער איןביידע ריכטונגען, צו דער שטאָט און פון דער שטאָט.

אונדזער וועגווייזער דערקלערט אונדז, אַז דער טייל, ווו מיר פאָרן איצט דורך, איז אַ מאָל, בעת דער באַפרייאונגס־מלחמה אין 1948, געווען אַ טייל פון דעם באַרימטן „בורמאַ וועג", ווו עס זענען פאָרגעקומען פאַר־ביטערטע שלאַכטן אין אַ פאַרזוך דורכצוברעכן אַ וועג קיין ירושלים און העלפן אירע באַלאַגערטע איינוווינער. און טאַקע באַלד הייסט ער אונדז אַ קוק טאָן אויף לינקס, ווו צווישן די ביימער האַרט ביים שאָסיי

דערזעען מיר אַ האַלב צעשאָסענעם טאַנק. „דאָס איז איינער פון אונדזערע טאַנקען, וואָס די אַראַבער האָבן דעמאָלט צעשטערט", זאָגט ער. „מיר האָבן עס געלאָזט דאָ אַלס אַן אָנדענק צו אונדזערע געפאַלענע אין דעם קאַמף פאַר ירושלים פאַר זייער גבורה און מוט". דאָס איז נישט געווען דער איינציקער טאַנק, מיר האָבן געזען מינדסטנס נאָך פיר אָדער פינף ענלעכע טאַנקען אויף יענעם וועג, וואָס האָבן ווי שטומע עדות אָנגעדייטעט אויף דעם עקשנותדיקן קאַמף, וואָס איז דאָ פאָרגעקומען מיט 23 יאָר צוריק.

איצט זענען מיר שוין הויך אין די הרי יהודה און די פאַנאָראַמע הייבט אָן ווערן אַלץ שענער און מער פאַרכאַפּנד. דער וועג דרייט זיך אַלץ העכער און עס דוכט זיך, ווי מיר וואָלטן הענגען איבער אַ משופּעדיקן באַרג און עטלעכע טראָט ווייטער ליגט אַ תהום. די זון שפּיגלט זיך אָפּ אין די שויבן פון דעם אויטאָבוס און נידערט פאַמעלעך אויף דעם האָריזאָנט. „טוט נאָר אַ קוק אַהער, אויף רעכטס", רופט זיך אָפּ דער וועגווייזער און אַלעמענס אויגן ווענדן זיך צו רעכטס, ווו מיר דערזעען צום ערשטן מאָל די שטאָט ירושלים איינגעטונקען אין אַ ים פון פלאַמיקן גאָלד. „זעט נאָר, זעט", הערן מיר פון עטלעכע ערטער אין דעם אויטאָבוס, „ווי שיין, ווי באַצויבערנדיק!".

מיר פאָרן איצט דורך איבער די ערשטע גאַסן פון דער שטאָט. איך קוק אויף די הייזער, אויף די מענטשן, וואָס באַוועגן זיך איבער די גאַסן, דעם אויטאָמאָביל-פאַרקער, און מער פון אַלץ, אויף דער ריינקייט אין די גאַסן. דאָ און דאָרטן מערקן זיך רושטאָוואַניעס, ווו מען בויט הייזער. וואָס ווייטער מיר קומען אַריין אין שטאָט, אַלץ מער מענטשן מערקן זיך, און די אומגעבונג נעמט אָן אַ גרויסשטאָטישן כאַראַקטער. מיר פאָרן מיט דער יפו גאַס, פאַרקירעווען זיך רעכטס אויף רחוב דוד המלך און שטעלן זיך אָפּ ביים דוד המלך האָטעל. דאָ וועט זיין אונדזער קוואַרטיר פאַר די פיר טעג, וואָס מיר וועלן פאַרברענגען אין ירושלים.

מיר זענען געווען מיד פון דעם לאַנגן, שווערן טאָג, אָבער דער מוח און דאָס האַרץ האַלטן אין איין קלאַפּן און דערמאָנען: „ביסט אין ירושלים! ביסט אין ירושלים!". עס ציט צום דרויסן, עס ווילט זיך זען כאָטש אַ קליינעם טייל פון דער שטאָט. מיר האָבן אָפּגעגעסן דעם אָוונט-מאָלצייט, זיך אַ ביסל אָפּגערוט, און אַרום ניין אין אָוונט, בין איך אַרויס פון האָטעל מיט מיין פרוי אויף אַ שפּאַציר איבער די גאַסן פון ירושלים. דער אָוונט, אָנהייב חודש יולי, איז געווען אַן אָנגענעמער, נישט צו הייס. נישט צו פיל מענטשן האָבן זיך איצט געמערקט איבער

די גאַסן און אויך דער אויטאָמאָביל־פאַרקער איז געוואָרן קלענער. מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט ביי די שויפענצטער פון די קראָמען, באַטראַכט

דעם מחבר'ס פרוי אין דעם שיינעם גאָרטן הינטער דעם דוד המלך האָטעל אין ירושלים.

די זאַכן, וואָס זענען אויסגעשטעלט צום פאַרקויפן — קליידער, צירונג, הויז־מכשירים, וכדומה — אַט פונקט ווי ביי אונדז אין אַמעריקע. עס איז פאַרביי געגאַנגען אַ גרופּע יוגנטלעכע, זינגענדיק ישראל־לידער — און זיך רעכט נישט אומגעקוקט אויף אונדז. עס האָט פאַרביי געשלייכט אַ יונג פּאָרל, אַרומגענומען, און געזען בלויז איינס דאָס אַנדערע. אַ מיטל־יאָריק פּאָרל, מיט אַ קינד, זענען פאַרביי געגאַנגען, זיך געהיצט הויך אויף אַ קול וועגן עפּעס און פאַרשוווּנדן אין אַ זייטיקער גאַס.

מער ווי אַ שעה צייט האָבן מיר אַזוי אַרומגעשפּאַצירט איבער די נאָענטע גאַסן און געסלעך פון ירושלים, יענעם ערשטן אויף דער נאַכט. קיינער האָט אונדז נישט געטשעפּעט, קיינער איז אונדז נישט באַפאַלן. מיר האָבן זיך געפילט פריי און זיכער, און עטלעכע מאָל באַמערקט איינער צום אַנדערן: „וואָלטן מיר געקענט אַזוי פריי אַרומשפּאַצירן איבער די גאַסן פון וואַשינגטאָן צען אַ זייגער אין אָוונט, אייגינקע אַליין, און זיין געזיכערט פון אַן אָנפאַל, אָדער אַן אַטאַקע? וואָלטן מיר גאָר געוואַגט כאַפּן אַ פּשוטן שפּאַציר אין אָוונט אין וועלכער עס איז גרויסער שטאָט אין אַמעריקע ביי היינטיקן טאָג?".

יענע ערשטע נאַכט אין ירושלים איז דער שלאָף נישט געקומען לייכט, כאָטש דער קערפּער איז געווען דערשעפּט פון די איבערלעבונגען פון דעם לאַנגן טאָג. די שפּאַנונג פון זיין אין ירושלים, איז געווען אַן

איבערוועלטיקנדיקע און האָט נישט געלאָזט שלאָפן. אויף צו מאָרגנס בין איך אויפגעשטאַנען אַ נישט אויסגערוטער, אָבער מיט גרויס דער־וואַרטונג אויף נייע איבערלעבונגען — איבערהויכט די דערוואַרטונג צו זען די שטאָט, ווען זי איז וואַך, צו זען אירע איינוווינער, אירע הייליקע און היסטאָרישע פּלעצער, אירע אינסטיטוציעס, שולן, מוזייען, לערן־אַנשטאַלטן, רעגירונגס־געביידעס, די אַלטע שטאָט און די נייערע קוואַר־טאַלן, די מזרח־טיילן, וואָס זענען באַפרייט געוואָרן אין דער זעקס־טאָגיקער מלחמה און די גאָר נייע געגנטן, וואָס ווערן איצט אויפגעריכט און אויפגעבויט פאַר דער כסדר וואַקסנדיקער יידישער באַפעלקערונג אין ירושלים השלימה.

און אין די פיר טעג צייט האָבן מיר באַוויזן צו זען אַ גרויסן טייל דערפון, וואָס שטעלט היינט צוזאַמען די פאַראייניקטע ירושלים. מיר האָבן נישט איין מאָל נאָר עטלעכע מאָל באַזוכט די אַלטע שטאָט, אומ־געוואַנדערט איבער אירע שמאָלע געסלעך, געגאַנגען צום כותל מערבי און דאָרטן פאַרבראַכט אַ לענגערע צייט און ממש דערפילט אַ טיפע אינערלעכע עמאָציאָנעלע איבערלעבונג, וואָס בלויז אַ ייד קען דערפילן אין אַזאַ מאָמענט.

אין אַ שמאָל געסל אין דער אלט־שטאָט אין ירושלים. כדי דורכצו־לאָזן דעם אויטאָמאָביל מוזן די פאַרבייגייער זיך שטעלן האַרט ביי דער וואַנט. דער מחבר שטייט צו לינקס. נעבן אים שטופּט אַן אַראַבער זיין אייזעלע צום וואַנט.

מיר האָבן אויך באַזוכט ד״ר הערצלס קבר אויף דעם הר הרצל, אין צפון־מערב טייל פון שטאָט, אין דעם „יד ושם״־מוזיי אין אָנדענק פון די אומגעקומענע זעקס מיליאָן יידישע קדושים אין אייראָפּע, בעת דער היטלער־עפּאָכע, וואָס געפינט זיך דערנעבן. ביידע, סיי הערצלס קבר,

און סיי דער מוזיי נאָך די קדושים, צייכענען זיך אויס מיט זייער פשטות און לאָזן איבער אַ שטאַרקן רושם אויף דעם באַזוכער. מיר האָבן בייגע־וווינט אַ זיצונג פון דער כנסת און גענומען אַ שפּאַציר איבער דער פּראַכטפול־שיינער געביידע, וואָס איז געבויט כמעט דורכאויס פון מירמל־שטיין און גלאָז. מיר זענען געווען אין דעם ישראל־מוזיי, ווו מיר האָבן געזען די גרויסע זאַמלונג פון די קומראַן שריפטן, וואָס מען האָט מיט אַ קנאַפּן פערטל יאָרהונדערט צוריק געפונען אין די היילן ביים ים המלח.

געענוג אויך צו דערמאָנען דעם העברעישן אוניווערסיטעט פון ירושלים, דעם גאַנץ היפּשן קאָמפּלעקס פון נייע רעגירונגס־געביידעס, ווו עס גע־פינען זיך די וויכטיקסטע מיניסטעריומס און דעם „הדסה״־שפּיטאָל מיט זיין קליינער סינאַגאָגע, וואָס איז באַרימט צוליב די פענצטער מיט די מאָלערייען פון מאַרק שאַגאַל, וואָס שטעלן פאָר די צוועלף שבטים פון די בני ישראל. מיר האָבן אויך געזען די אימפּאָזאַנטע געביידע פון היכל שלמה, וואָס איז די קוואַרטיר פון דעם הויפּט־ראַבינאַט פון ישראל. די געביידע איז געבויט געוואָרן מיט אַ יאָר צוועלף צוריק און אַנטהאַלט אויך אַ מוזיי פון רעליגיעזע חפצים. מיר האָבן בייגעוווינט אַן אייגדרוקס־פולע פאָרשטעלונג אין דוד המלכס טורעם, ביי דער אַלטער שטאָט, וואָס האָט געהייסן „קלאַנג און ליכט״ און שטעלט מיט זיך פאָר די געשיכטע

ביים אַריינגאַנג צום קבר רחל. פּו׳וי פריידל פרענק (רעכטס) מיט אַ גרופּע טוריסטן.

פון ירושלים כאָר די לעצטע דריי־פיר טויזנט יאָר. און מיר האָבן אַפילו באַוויזן, אין דעם לעצטן פרימאָרגן פון אונדזער אָפּפאָר, אַרויפצופאָרן מיט דעם עלעוויטאָר (הייבמאַשין) צום שפּיץ טורעם פון דער ווײַ־עם־

סי־איי געביידע קעגנאיבער אונדזער האָטעל. דאָס איז די העכסטע געביידע אין ירושלים און, אויב מיר מאַכן קיין טעות נישט, איז דער טורעם פון דער געביידע אומגעפער 250 פוס הויך. אַלנפאַלס, פון דאָרטן האָבן מיר פּאַקטיש געזען גאַנץ ירושלים און זיך מיט איר געזעגנט אין לעצטן טאָג.

מיר האָבן אויך באַזוכט די באַפרייטע מזרח־ירושלים, ווו מיר האָבן געזען די אַראַבישע קוואַרטאַלן און אייניקע אינדוסטריעלע אונטערנע־מונגען. אין דעם טייל פון שטאָט, גייט איצט אָן אַ פיבערהאַפטע בוי־טעטיקייט, ווו נייע און היפשע קוואַרטאַלן ווערן אויפגעבויט פאַר אַלטע און נייע תושבים פון דער הייליקער שטאָט. גענוג בלויז צו דערמאָנען אַזעלכע גרויסע פּראָיעקטן, ווי רמת אשכול, רמת שמואל, נוה יעקב און אַנדערע, ווו עס וועלן אין דער נאָענטער צייט באַזעצט ווערן וואָסערע 40 — 30 טויזנט משפחות. אָבער וועגן דעם עגין, וועגן דעם בוי־פיבער אין ירושלים בכלל, וועלן מיר דערציילן אין אַ ווייטערדיקן קאַפּיטל.

ק אַ פּ י ט ל 11

חברון און באר־שבע

מען וואָרנט אונדז נישט צו פאָרן קיין חברון — אויפן וועג קיין באר־שבע — ווי באר־שבע זעט היינט אויס — דער נייער שפּיטאָל און די פאַר־ווונדעטע ישראל־העלדן פון סועץ — אַ בינטל מחשבות וועגן די ישראל־העלדן און די חברונער אַראַבער.

אין אַ זוניקן מאָנטיק אין דער פרי, קורץ נאָך אַכט אַ זייגער, האָבן מיר זיך אַריינגעזעצט אין דעם אויטאָבוס, נעבן דעם האָטעל „דוד המלך", ווו מיר זענען איינגעשטאַנען אין ירושלים, און מיר האָבן זיך אַרויסגעלאָזט פאָרן קיין באר־שבע. נאָך פון פריִער, האָבן מיר געוווסט, אַז מיר וועלן זיך צווערשט אָפּשטעלן ביים קבר רחל און דערנאָך אין

חברון, צו באַזוכן די מערת־המכפלה, ווו עס זענען באַערדיקט אונדזערע אבות אברהם, יצחק און יעקב און די אמהות שרה, רבקה און לאה.

מיר זענען, וואָס אַן אמת, געװען אַ ביסעלע אומרויִק. מיט אייניקע טעג פריער, בעת מיר זענען געוועז צו גאַסט ביי גוטע פריינד אין תל־אביב, און מיר האָבן צופעליק באַמערקט, אַז אונדזער מאַרשרוט איבער ישראל, שליסט אויך איין אַ באַזוך אין חברון, האָט איינער באַ־מערקט צו מיר, אַזוי מן הצד: „איך וואָלט אייך נישט געראָטן פאָרן קיין חברון, מ׳איז דאָרטן נישט צו זיכער. זוכט זיך נישט קיין צרות".

די עצה איז מיר נישט אַרויס פון געדאַנק. און כ׳האָב זיך געשיובט: „יאָ פאָרן קיין חברון, אָדער נישט פאָרן?". בפרט נאָך, אַז מיט אַ טאָג פריער, האָב איך געלייענט אין די צייטונגען, אַז ס׳איז געוואָרפן געוואָרן אַ האַנט־גראַנאַט ביים מאַרק־פּלאַץ נעבן דער מערת־המכפלה און עס זענען פאַרוואונדעט געוואָרן 16 אַראַבער און איין ישראלי. מיין פרוי האָב איך וועגן דעם האַנט־גראַנאַט נישט דערציילט, אָבער זי האָט יאָ געוווּסט וועגן דער וואָרענונג פון דעם גוטן פריינד אויסצולאָזן חברון.

„טאָ וואָס דענקסטו?", האָט זי מיך אַ פרעג געטאָן אין אָוונט איידער מיר האָבן געזאָלט אויף צו מאָרגנס פאָרן קיין חברון. „זאָלן מיר טאַקע פאָרן?". מיין ענטפער איז געווען, אַז צו זיין אין ישראל און נישט באַזוכן דעם קבר רחל און די מערת המכפלה, איז אַקוראַט ווי זיין אין ירושלים און נישט גיין זען דעם כותל מערבי. טויזנטער יאָרן האָבן יידן געחלומט פון די הייליקע ערטער, וואָס זענען פאַרבונדן מיט דעם אָנהויב פון יידישן פאָלק, און דאָ בין איך אַזוי נאָענט — ממש געציילטע מינוטן — וועל איך דורכלאָזן די געלעגנהייט? ס׳איז גע־בליבן, אַז מיר פאָרן.

און ס׳איז אַלץ אַדורך בשלום. ס׳האָט, חלילה, גאָרנישט פּאַסירט. אָבער אַ שלעכטן נאָך־טעם האָט דער באַזוך אין חברון דאָך איבער־געלאָזן. נאָך אונדזער אָפּשטעל ביים קבר רחל, זענען מיר אָנגעקומען קיין חברון, קורץ נאָך ניין אַ זייגער אין דער פרי. די גאַסן זענען געווען פול מיט אַראַבער, מענער, פרויען און קינדער. האָבן זיי שוין גאָרנישט וואָס צו טאָן, עפּעס אַן אַרבעט? אונדזער אויטאָבוס האָט זיך אָפּגעשטעלט נישט ווייט פון מאַרק־פּלאַץ, מיר זענען אַרויסגעשטיגן און זיך געלאָזט גיין צו דער מערת המכפלה. מיט אַ מאָל זענען אונדז

באַפאַלן אַראַבישע קינדער פון פאַרשידענעם עלטער, פינף־זעקס יאָריקע ביז זעכצן־זיבעצן יאָריקע יונגען, און מ׳האָט אונדז אָנגעבאָטן אַלערליי חפצים, שפּילצייג, קאַרטלעך, וכדומה. זיי זענען אונדז פאַרלאָפן דעם וועג, ממש נישט געלאָזט גיין. ס׳איז געווען אוממעגלעך זיך אָפּטשעפּען פון זיי. מיר האָבן געקויפט אייניקע זאַכן, אבי פּטור צו ווערן פון זיי. אַרויסקומענדיק פון דער מערת המכפלה, איז געווען דאָס זעלביקע. זיי האָבן נישט געלאָזט מאַכן אַ שפּאַן. אונדזער טענה, אַז מיר האָבן שוין געקויפט, האָט נישט געהאָלפן, ווייל זייער ענטפער איז געווען: „האָסט געקויפט ביי יענעם, נישט ביי מיר״.

קוים מיט צרות האָבן מיר זיך דערשלאָגן צוריק צום אויטאָבוס און ממש אָפּגעאָטעמט פרייער, ווען מיר האָבן פאַרלאָזן חברון. כ׳האָב זיך אַלץ נישט געקענט באַפרייען פון געדאַנק: „ס׳טייטש, אַ שטאָט מיט מענטשן זאָל זיך אַרומדרייען אין אַ געוויינלעכן פרימאַרגן און פּוסט־און־פּאַסטעווען? ווי לייגט זיך עס אויפן שכל?״.

אונדזער אויטאָבוס האָט זיך פאַרקירעוועט צו דרום, זיך געשלענגלט דורך די בערג אַלץ נידעריקער, און פּלוצים האָבן מיר באַמערקט, אַז די שיינע, גרינע לאַנדשאַפט האָט זיך אָנגעהויבן ענדערן. צו ערשט שטיינער און פעלזן אָן אַ צאָל, גרעסערע און קלענערע, דאָ און דאָרטן ווילדע געוויקסן, היילן. דערנאָך איז אויך דאָס פאַרשוווּנדן און ס׳האָט זיך באַוויזן פלאַך־לאַנד און זאַמד. מיר זענען אַריינגעפאָרן אין דעם נגב מדבר אויפן וועג קיין באר־שבע.

פון ווייטנס האָבן מיר אין אייניקע פלעצער באַמערקט געצעלטן פון בעדואינער. עטלעכע קילאָמעטער פאַר באר־שבע, האַרט ביים שאָסיי, האָט זיך געפונען אַ ברונים, וווּ בעדואינער פרויען האָבן געשעפּט וואַסער. אונדזער מדריך האָט געבעטן דעם שאָפער אָפּשטעלן דעם אויטאָבוס און אייניקע מיטרייזנדיקע, זענען אַרויס פון אויטאָבוס מיט קאַמעראַס צו נעמען בילדער. די בעדואינער פרויען, געקליידעט אין שוואַרצן, מיט די פּנימער פאַרדעקט מיט שוואַרצע שלייערן, האָבן זיך קענטיק דער־שראָקן. זיי האָבן זיך אויסגעדרייט מיט דער פּלייצע צו די טוריסטן און נישט געלאָזט זיך פאָטאָגראַפירן בפּנים.

אויך אין באר־שבע האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט נישט ווייט פון מאַרק־פּלאַץ און דערנאָך אַרומשפּאַצירט איבער די גאַסן. אָבער ס׳האָט זיך געפילט אַן אַנדער שטימונג, ווי אין חברון. דאָ האָבן מיר נישט

געפילט קיין אומהיימלעכקייט, הגם מיר האָבן געזען אַ סך אַראַבער אויף די גאַסן אָדער זיצנדיק אין שאָטן. ס'איז געווען לעבעדיק, די קראָמען זענען געווען אָפן, דער פּאַרקער איז געווען גאַנץ געדיכט, די אַרבעטזאַמקייט און דער פאָרשריט פון דער שטאָט זענען צו מערקן אויף שריט און טריט.

באר שבע איז היינט מער נישט דאָס פאַרשלאָפענע אַראַביש שטעטל פון דריי־פיר טויזנט איינוווינער, וואָס מיט 23 יאָר צוריק, איידער ישראל

אַ גרופּע בעדואינער פּרויען ביים ברונעם נעבן באר שבע. ווען דער מחבר האָט זיך דערנענטערט מיט זיין קאַמערא־אַפּאַראַטל צו נעמען דאָס בילד האָבן זיי זיך אויסגעדרייט מיט דער פּלייצע צו אים.

איז געגרינדעט געװאָרן. הײנט איז באַר שבע אַ שטאָט פון װאָסערע 80 טויזנט אײנװױנער, כמעט דורכאויס יידן; מיר האָבן געזען די צענדליקער און צענדליקער גרויסע אַפּאַרטאַמענט הײזער, מאָדערן און רחבותדיק געבויט, די פּראַכטפול־שײנע געגנטן באַצירט מיט בלומען און ביימער — און מיר האָבן פשוט נישט געגלויבט אונדזערע אייגענע אויגן, אַז דאָס אַלץ איז געבויט געװאָרן אין סאַמע מדבר. מיר האָבן געזען דאָרטן אַ צאָל גרעסערע און קלענערע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, געשעפטן און אַ לעבהאַפטע טעטיקייט. יעדן דאָנערשטיק קומט נאָך אַלץ פאָר דער װעכנטלעכער יאַריד, צו װעלכן עס פאָרן זיך אָן די בעדואינער פון די אַרומיקע מדבריות צו פאַרקויפן זײערע פּראָדוקטן און אײנקויפן זײערע באַדערפעניש, אָבער באַר שבע האָט איצט אָן אײגענע װירטשאַפט און איז נישט אָפּהענגיק אין דעם אַראַבישן יאַריד.

מיר האָבן דאָרטן געזען דעם נײעם אוניװערסיטעט, װאָס בויט זיך אין באר שבע, װו עס װעלן אין די נאָענטסטע יאָרן זיך לערנען עטלעכע טויזנט יידישע יוגנטלעכע, און מיר האָבן געזען די נײע קװאַרטאַלן פון דער שטאָט און דעם נײעם שפּיטאָל, װאָס די הסתדרות האָט לעצטנס אויסגעבויט מיט דער הילף פון דער אינטערנאַציאָנאַל ליידיס גאַרמענט װאָרקערס יוניאָן (פרויען קליידער אַרבעטער) פון אַמעריקע, װאָס האָט בײגעשטײערט אַ היפּשע סומע געלט אויפן נאָמען פון דעם יידישן אַרבעטער־פירער, דוד דובינסקי.

דער באר שבע שפּיטאָל איז באמת אַ צירונג און אַ שטאָלץ פאַר דער הסתדרות. נישט נאָר איז די געביידע אַליין פּראַכטפול־שײן, ליכטיק, געראַם, באַצירט מיט שײנע בלומען פון אַלע זײטן, נאָר דער שפּיטאָל איז אויסגעשטאַט מיט די סאַמע לעצטע און מאָדערנסטע אײנריכטונגען, װאָס איז צו געפינען אין די בעסטע שפּיטאָלן אין אַמעריקע. אונדזער ליבער פרײנד, דוד גאַזיט (גזית), אײנער פון די פירער פון קופת חולים, האָט אונדז אַרומגעפירט איבער די פאַרשידענע אָפּטײלונגען פון דעם שפּיטאָל און אַלץ דערקלערט מיט אַזאַ ליבשאַפט און שטאָלץ, גלײך װי ער אַלײן װאָלט עס געבויט, מיט זײנע אײגענע הענט.

מיר האָבן אין דעם שפּיטאָל געזען אַראַבישע פרויען, פּאַציענטן, װאָס זענען געקומען אַהין צוליב אַ קראַנקהײט, אָדער צו געבוירן אַ קינד, און מ׳האָט זיך צו זײ באַצויגן מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקײט און זײ געגעבן יעדע הילף. מיר האָבן דאָרט געזען ערשט־געבוירענע

אַראַבישע עופהלעך ליגן אין די קליינע בעטעלעך נעבן ביי־געבוירענע יידישע קינדערלעך. מיר האָבן אויך געזען עלטערע אַראַבישע קינדער פון זעקס, אַכט און מער יאָרן, וואָס זענען געקומען אַהין קורירן זייערע אויגן אָדער פאַרשידענע חולאתן און די יידישע דאָקטוירים און קראַנקן־שוועסטער האָבן נישט געשפּאָרט קיין מי און קיין צייט, זיי צו העלפן.

„איצט, מיין פריינד, וויל איך אייך ווייזן עפּעס אַנדערש", — זאָגט צו מיר גאָזיט. ער הייסט אונדזער גרופּע מיר זאָלן אים נאָכגיין און ער פירט אונדז אַרויף אויף איינעם פון די העכערע שטאָקן. איידער מיר גייען אַריין אין דער אָפּטיילונג, דערציילט ער אונדז, אַז דאָ ליגן ישראל־סאָלדאַטן, וואָס זענען פאַרוווּנדעט געוואָרן ביים סועץ. און אַזוי ווי דער באר שבע שפּיטאָל איז דער ערשטער גרויסער שפּיטאָל, וואָס ליגט אַמנאָענטסטן צום סועץ, ברענגט מען זיי אַהער. ער בעט אונדז זיין שטיל און נישט פאַרפירן קיין געשפּרעכן מיט די סאָלדאַטן, בלויז כאַפּן אַ שפּאַציר איבער דעם קאָרידאָר און אַריינקוקן אין די צימערן.

אַלץ איז ריין, שיין, באַגאָסן מיט ליכט און זונשיין. די צימערן גרויסע, באַקוועמע, טייל פאַרוווּנדעטע ליגן אויף די בעטן, אַנדערע שפּאַצירן אום איבערן צימער. זיי דערקענען אין אונדז אַ גרופּע טוריסטן און באַגריסן אונדז מיט „שלום", מיר ענטפערן מיט „שלום" אָבער מער נישט. ביי אייניקע צימערן האָבן איך זיך פאַרהאַלטן אַ ביסל לענגער, בלויז געענוג צו באַטראַכטן די יונגעלייט. ביי איינעם פעלט אַ פוס, ביי אַן אַנדערן אַ האַנט, ביי אַ דריטן אַן אויג. דאָ ליגט איינער מיט דעם פוס פאַרדרייט איבערן בעט, דאָרט ליגט אַן אַנדערער מיט כמעט דעם גאַנצן קאָפּ פאַרבאַנדאַזשירט, און אין אַ דערנעביקן בעט ליגט אַ יונגער בחור מיט דעם גאַנצן אויבערשטן טייל פון קערפּער אָפּגעדעקט און דער ברוסט־קאַסטן און אַקסלען זענען באַדעקט מיט שווערע בראַנד־וווּנדן.

דאָס זענען אונדזערע נישט־באַזיגטע און נישט־באַזונגענע העלדן פון סועץ, טייל פון זיי מיט פּיזישע וווּנדן, וואָס וועלן מיט זיי פאַרבלייבן אויף דעם גאַנצן לעבן, אַנדערע מיט גייסטיקע וווּנדן אין זייערע מוחות, וואָס וועלן האָבן זייער ווירקונג. מיר צאָלן אַ שווערן פּרייז. איך בין אַרויס פון דער אָפּטיילונג אַ צעוויייטיקטער און צעבראָכענער, אָבער געטרייסט, וואָס עס געפינט זיך אַזאַ שפּיטאָל מיט אַזעלכע ליבהאַרציקע מענטשן, וואָס העלפן ישראלס העלדן זיך ווידער שטעלן אויף די פיס און ווידער פירן אַ נאָרמאַל לעבן.

אויפן וועג צוריק פון באר שבע קיין ירושלים זענען מיר ווידער פאַרבייגעפאָרן חברון. קיין זאַך האָט זיך נישט געביטן. די זעלביקע אַראַבער אויף די גאַסן, די זעלביקע אומהיימלעכקייט, בעת מיר זענען דורכגעפאָרן די געגנט.



אַ גרופּע אַראַבער זיצן אויף דער ערד אין שאָטן פון אַ בוים נעבן מאַרק אין באר שבע און קוקן אַ־רויס אויף אַ פאַרדינסטל.

איך האָב זיך נישט געקענט באַפרייען פון דעם איינדרוק, וואָס עס האָבן אויף מיר געמאַכט די פאַרוווּנדעטע ישראל־סאָלדאַטן אין באר שבע שפּיטאָל, זייער העלדישקייט צו באַשיצן די מדינה און אירע איינוווינער, זייער ציל אין לעבן און זייער צוקונפט. און כ׳האָב געטראַכט וועגן די אַראַבער אין חברון, זייער פּוסט־און פּאַסעווען, זייער לעבן אָן אַ ציל און אָן אַ זין, און זייער ווילדע שנאה צו יידן און ישראל. יענע ליגן אין שפּיטאָל אין גרויסע ווייטיקן, און די דרייען זיך אַרום און געניסן פון ג—טס שיין וועלטל. מיט אַזעלכע שווערע מחשבות בין איך פאַר נאַכט אָנגעקומען צוריק קיין ירושלים און געזען, ווי די הייליקע שטאָט טונקט זיך אין אַ ים פון גאָלד — ירושלים של זהב — אַ וווּנדער־שיינער זון־אונטערגאַנג.

ק אַ פּ י ט ל 12

ירושלים וואַקסט

די פּיבערהאַפטע בוי־טעטיקייט אין אַלע טיילן פון דער שטאָט — דער פּלאַן וועגן „גרויס ירושלים" — די ריזיקע הייזער־פּראָיעקטן אין מזרח־ירושלים, ווו עס ווערן באַזעצט טויזנטער משפּחות — דער „באַרג פון וואָפן" אין 1967 און היינט.

ירושלים ווערט אָפט מאָל באַצייכנט ווי די שטאָט פון גאָלד, די שטאָט פון ליכט, און אַפילו די שטאָט פון קופּער — אַלץ צוליב דער הערלעכער דערשיינונג פון זון־אויפגאַנג אָדער זון־אונטערגאַנג און דער פאַקט, וואָס די שטאָט ליגט אויף די בערג און אַרומגערינגלט פון די בערג פון יהודה. דאָס אַלץ שאַפט אַ וווּנדערלעך שיינע פּאַנאָראַמע, וואָס איז ממש אָטעם־פאַרכאַפּנדיק פאַר דעם, וואָס זעט עס צום ערשטן מאָל.

אָבער נישט וועגן ירושלים פון גאָלד אָדער ליכט ווילן מיר איצט דערציילן, נאָר וועגן דער ירושלים פון שטיין און שטויב. די פּאָעטישע זייט וועלן מיר איבערלאָזן צו די דיכטער, מיר וועלן זיך דאָ אָפּשטעלן אויף דער פּראָזאַישער זייט — ירושלים השלימה, די פאַראייניקטע שטאָט, וואָס בויט זיך מיט אַ ראַשיקן אימפּעט און וואָס וואַקסט פון טאָג צו טאָג. בישטאָ היינט מער די שטעכל־דראָטן, די מינעס און די קינסטלעכע גרענעץ, וואָס האָבן צעטיילט די שטאָט אין צוויי)ען במשך פון קנאַפּע צוויי צענדליק יאָר. די פאַרוויסטונג און די אָפּזוּנדערונג, וואָס דאָס האָט געבראַכט, געהערן היינט צו דער פאַרגאַנגענהייט.

ירושלים השלימה איז היינט אָפן און פריי פאַר אַלעמען. יידן גייען פראַנק און פריי ביי טאָג און ביי נאַכט צום כותל מערבי, צו דער אַלטער שטאָט, צום הר הזיתים און צו אַנדערע טיילן, וואָס זענען פריִער געווען אָפּגעשלאָסן פאַר זיי. אַראַבער באַוועגן זיך פריי פון מזרח ירושלים און פון דער אַלטער שטאָט, און קיינער טשעפּעט זיי נישט. דאָ, ווו עס זענען פריִער געווען גרענעצן, שטעכל־דראָט און „קיינעמס לאַנד", זעט מען היינט גערטנער, הייזער און נייע, ברייטע וועגן. די שטאָט איז

לעבעדיק, די גאַסן זענען פול מיט מענטשן, די קראָמען זענען געפּאַקט, דער פאַרקער איז גאַנץ געדיכט, און די מאַסן טוריסטן בעת מיר זענען געווען דאָרטן, דעם פאַרגאַנגענעם זומער, האָבן זיך אָנגעזען אומעטום און האָבן צוגעגעבן אַ באַזונדערן קאָלאָריט צו דער שטאָט.

אויב מיר באַצייכענען ירושלים, ווי די שטאָט פון שטיין און שטויב איז עס צוליב דעם אומגעהויערן און כסדרדיקן אויפבוי, וואָס וואַרפט זיך אין די אויגן פּאַקטיש אומעטום. ריזיקע גראָב־מאַשינען, הויב־מאַשינען און רושטאָוואַניעס מערקן זיך אין פאַרשידענע טיילן פון שטאָט. דער געקלאַנג פון די מאַשינען און דער שטויב פילן אָן די אַרומיקע לופט, און אַ מילד וואַרעם ווינטעלע צעטראָגט דעם שטויב איבער די נאָענטע דעכער. ירושלים בויט זיך און וואַקסט כסדר אין אַלע ריכטונגען. מען בויט האָטעלן, רעגירונגס־געביידעס, פאַבריקן, לערן־אַנשטאַלטן, שולן, אינסטיטוציעס. מען בויט שיינע, ברייטע גאַסן, פּאַרקן און גערטנער. אָבער מער פון אַלץ בויט מען דירות, אַפּאַרטאַמענט־הייזער און פּריוואַטע הייזער. נייע געגנטן קומען אויף מיט דירות, קראָמען און פאַבריקן, וווּ עס איז פריער געווען אַ גרענעץ־פּונקט אָדער וואָס איז נישט געווען צוגענגלעך פאַר יידן.

אומעטום זעט מען די הויכע גרינע ציפּרוס ביימער, וואָס זענען אַן אינטעגראַלער טייל פון דער ירושלימער לאַנדשאַפט, און אויך די פיל שטיינערנע הייזער. אויב ישראל ווערט אָפט מאָל באַצייכנט ווי אַ שטייניק לאַנד, כאָטש היינט איז עס שוין נישט אויף אַזוי פיל מערקבאַר, ווי אַ מאָל, זעט זיך עס אָבער נאָך אַלץ אָן אין אַ היפּשער מאָס אין און אַרום ירושלים, ווו דער באָדן איז אַ שטייניקער, די אַרומיקע בערג, די אַלטערטימלעכקייטן פון שטיין, די מויערן, טייל פון די גאַסן און גאָר אַ סך הייזער.

אויף גאָר אַ גרויסן שטייגער האָט מען זיך פאַרנומען אויפצובויען די מזרח־טיילן פון ירושלים, וואָס זענען ביז דער זעקס־טאָגיקער מלחמה געשטאַנען אונטער אַראַבישן קאָנטראָל און זענען היינט איינגעשלאָסן אין ירושלים השלימה. דאָס אַלץ איז אַ טייל פון דעם חלום, וואָס מען חלומט פון דער „גרויסער ירושלים" אין דער צוקונפט, אַ שטאָט פון אַ האַלבן מיליאָן איינוווינער (בערך צוויי מאָל אַזוי פיל, ווי איר איצטיקע באַפעלקערונג). עס איז לעצטנס אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ נייער גראַנדיעזער פּלאַן, וואָס זעט פאָראויס אַ שטאָט, צעשפּרייט איבער אַ שטח פון

מער ווי 300 קוואַדראַט מייל, וואָס דאָס איז כמעט אַזוי גרויס אין טע־ריטאָריע, ווי די שטאָט ניו־יאָרק מיט אַלע אירע פינף באָראָס (שטאָט־טיילן). אין דעם חלום פון דער „גרויסער ירושלים" ווערט געפּלאַנט אויסצוברייטערן די שטאָט, אַז אירע גרענעצן וועלן גרייכן כמעט ביז ראַמאַללאַ אין צפון, ביז ענתות אין מזרח, ביז בית־לחם אין דרום און ביז נוה אילן אין מערב.

עס וועט, נאַטירלעך, דויערן אַ שיין ביסל יאָרן, ביז דער חלום וועט פאַרווירקלעכט ווערן, זיכער אַ יאָרצענדליק אויב נישט צוויי, אָבער דערווייל קאָנצענטרירט מען זיך דערהויפּט אויף מזרח־ירושלים, כאָטש אין די אַנדערע טיילן פון דער שטאָט גייט אויך אָן אַ לעבהאַפטע בוי־טעטיקייט. מיר האָבן אַרומגערייזט אין אונדזער אויטאָבוס איבער מזרח־ירושלים, באַזוכט די געגנט פון הר הצופים, ווו עס געפינט זיך דער העברעישער אוניווערסיטעט, די נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק און דער הדסה שפּיטאָל, צו וועלכע מען האָט ביז יוני 1967 נישט געהאַט קיין צוטריט, און די געגנט פון הר הזיתים, וואָס איז היפּשלעך פאַרקריסטלט צוליב די מאָנאַסטירן, קאָנווענטן און אַנדערע רעליגיעזע געביידעס. אויף דעם הר הצופים האָבן מיר געזען די נייע געביידעס פון דעם העברעישן אוני־ווערסיטעט און פון דעם הדסה שפּיטאָל, וואָס ווערן ביידע פיל אויס־געברייטערט.

אָבער די אמת־גרויסע בוי־טעטיקייט האָט זיך פאַר אונדז אַנטפּלעקט, ווען מיר האָבן זיך פאַרנומען אַ ביסל מער צו מזרח און אויך צו דרום־מזרח. דאָ האָבן מיר געזען צענדליקער אַפּאַרטאַמענט הייזער, ריזיקע פּראָיעקטן, וואָס ווערן געבויט פאַר יידישע פאַמיליעס. די רעגירונג האָט איבערגענומען אַ שטח פון איבער פיר טויזנט אַקער לאַנד, ווו עס ווערן געבויט די פאָלגנדע קוואַרטאַלן: רמת אשכול, 2,500 וווינונגען אויף 150 אַקער; נוה יעקב, 3,000 דירות אויף 175 אַקער; אַ געגנט, וואָס ווערט דערווייל באַצייכנט אַלס „דער פראַנצויזישער באַרג", 3,000 דירות אויף 175 אַקער; רמת שמואל, וואָס פאַרנעמט 750 אַקער לאַנד און ווו די צאָל דירות איז נאָך דעמאָלט (זומער 1970) נישט געווען באַשטימט, אָבער וועט זיכער זיין אַ גרויסע צאָל; און רמת רחל, ווו עס וועלן אויסגעבויט ווערן 12,500 דירות אויף אַ שטח פון 560 אַקער. ווען מען רעכנט צונויף די אָנגעצייכנטע דירות און שטחים, וואָס זיי וועלן פאַרנעמען, קומט אויס, אַז בלויז אויף אומגעפער אַ פערטל פון דעם שטח, וואָס

די רעגירונג האָט איבערגענומען, וועלן אויפגעבויט ווערן 21 טויזנט דירות!

די הייזער־פּראָיעקטן ווערן געבויט אין אַ מין האַלבן קרייז אַרום די פריערדיקע טיילן פון דער יידישער ירושלים, און הגם איך בין ווייט פון זיין אַ מיליטערישער עקספּערט, דוכט זיך מיר, אַז דער אופן ווי זיי זענען אויסגעלייגט, קען אין אַ נויט פאַל אויך דינען פאַר פאַרטיידיקונגס־צוועקן. צו דער זעלבער צייט, ווערן דורך די נייע יידישע שכונות אויך אַרומגערינגלט די אַראַבישע קוואַרטאַלן אין מזרח ירושלים, און וואַר־שיינלעך איז עס אויך געצילט מיט דעם צוועק צו געבן דער שטאָט מער שוץ.

צו וועמען האָט געהערט דאָס לאַנד, אויף וועלכן די הייזער־פּראָ־יעקטן ווערן געבויט איצט? מערסטן טייל צו אַראַבישע גוט־באַזיצער, וואָס האָבן געוווינט אין אויסלאַנד אָדער צו אַראַבישע אייגנטימער, וואָס זענען אַנטלאָפן בעת דער זעקס־טאָגיקער מלחמה. ערשט ביז מיט אַ קור־צער צייט צוריק, האָט די געגנט אויסגעזען האַלב וויסט, דער באָדן שטייניק און ברוין, זעלטן ווו אַ ביימל. הייגט שטייען שוין דאָרטן צענדליקער אַפּאַרטאַמענט הייזער, הונדערטער פאַמיליעס וווינען שוין דאָרטן און נאָך פיל הונדערטער וועלן זיך אַהין אַריינקלייבן אין די באַענטסטע וואָכן און חדשים. שיינע און ברייטע גאַסן ווערן דורכגעשניטן און ביימלעך ווערן פאַרזעצט.

מערסטן טייל ווערן אין די הייזער־פּראָיעקטן באַזעצט נייע עולים, צווישן זיי אויך אַ צאָל יידישע פאַמיליעס, וואָס זענען געקומען פון אַמעריקע. די ישראל רעגירונג, איבערהויפּט די מוניציפּאַליטעט מאַכט אין ירושלים, באַמיִען זיך צו שאַפן פריינדלעכע באַציִונגען צווישן די יידישע איינוווינער אין די נייע קוואַרטאַלן פון מזרח־ירושלים און די אָרטיקע אַראַבישע איינוווינער און צו פאַרמיידן וועלכע עס איז רייבונגען צווישן זיי. עס ווערן געבויט שולן, עס ווערט איינגעשטעלט קאָמוניקאַציע, עס ווערן געעפנט שפּייז־קראָמען און אַנדערע געשעפטן, וואָס באַדינען די לאָקאַלע באַפעלקערונג, יידן אַזוי גוט ווי אַראַבער. מען בויט פאַרקן און אַנדערע עפנטלעכע פּלעצער, פון וועלכע אַלע זאָלן קענען געניסן צו גלייך. ס'ווערט קיין זאַך נישט פאַרזען, אַז דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן זאָל זיין אַזוי באַקוועם ווי מעגלעך, און די פאַרשטענדעניש צווישן די צוויי גרופּעס, וואָס בעסער.

בעת מיר זענען אַדורכגעפאָרן אין רמת אשכול, האָט אונדזער וועג־ווייזער, וואָס איז מיטגעפאָרן מיט אונדז אין אויטאָבוס כדי אָנצווייזן אויף די פאַרשידענע פונקטן און היסטאָרישע פלעצער, געבעטן דעם שאָפער פון אויטאָבוס זיך אָפּשטעלן אויף אַ מאָמענט. ער האָט געצויגן אונדזער אויפמערקזאַמקייט צו אַ באַרג אויף רעכטס, וועלכן ער האָט אין ענגליש באַצייכנט „אַמיונישאָן היל" (דער באַרג פון וואָפן). צוליב דעם, וואָס אונדזער גרופּע אין אויטאָבוס איז באַשטאַנען פון אַרום 35 אַמעריקאַנער טוריסטן, צווישן אונדז אויך עטלעכע נישט־יידן, האָט דער וועגווייזער כסדר גערעדט אויף ענגליש. ער האָט אויך דערמאָנט, ווי דער „באַרג פון וואָפן" ווערט אָנגערופן אין עברית, אָבער לײַדער האָב איך עס פאַרפעלט צו פאַרצייכענען.

איך האָב שפּעטער אויסגעפונען, אַז אין עברית רופט מען דעם באַרג „גבעת התחמושת", און דאָס איז אַן אָרט, וואָס רופט היינט אַרויס אַ הייליקן ציטער, ווייל דער פּלאַץ איז פאַרהייליקט געוואָרן דורך דעם בלוט פון יונגע לעבנס אין דער ישראל־אַרמיי.

וואָס איז דער יחוס מיט דעם באַרג? בעת דער זעקס־טאָגיקער מלחמה, ווען די ישראל־אַרמיי האָט זיך אַריינגעריסן אין דער אַלטער שטאָט און אין מזרח־ירושלים, איז דאָ ביי דעם באַרג פאָרגעקומען איינע פון די בלוטיקסטע און דעצידירנדיקסטע שלאַכטן צווישן די ישראל־חיילות און כוסיינס אַראַבישן לעגיאָן. די אַראַבער זענען געווען שטאַרק באַפעסטיקט אויף דעם באַרג, פון וואַנען זיי האָבן נישט נאָר געקענט זען אויף ווייט אַרום, נאָר אויך קאָנטראָלירן דעם דורכגאַנג, און פאַר די יידן איז עס געווען גוואַלדיק וויכטיק צו פאַרכאַפּן דעם פּונקט, אַנדערש וואָלט ירושלים קיין מאָל נישט געווען באַשיצט. די ירדן־אַראַבער האָבן אויף דעם באַרג אויסגעגראָבן טיפע טראַנשייען און דאָרטן אויפגעשטעלט שווערע פאָרטיפיקאַציעס, ווען די ישראלים האָבן זיך דערנעגטערט, האָט מען זיי באַגעגנט מיט אַ האָגל פון פייער, אַזוי, אַז מען האָט די אַראַבער געמוזט אַרויסשטויסן אָדער פאַקטיש פאַרניכטן אין יעדער פּאָזיציע און פון יעדער טראַנשיי. עס זענען געפאַלן פיל קרבנות אויף ביידע זייטן, אָבער ענדלעך זענען די ישראלים אַרויס די זיגער.

היינט ווערט געבויט אַ פּאַרק אויף דעם אָרט אין אָנדענק פון די געפאַלענע ישראל־גיבורים, וואָס האָבן געקעמפט פאַר דער באַפרייאונג פון ירושלים. אָנשטאָט טראַנשייען און פאָרטיפיקאַציעס, ווערן דאָרטן

פאַרזייטביימער, קוסטעס און בלומען, ווו קינדער וועלן זיך שפּילן און מענטשן וועלן קומען שפּאַצירן אָדער זיך אָפּרוען. עס וועט נישט נעמען לאַנג. אָבער דערווייל גייט־אָן אַ פיבערהאַפטע בוי־טעטיקייט אין מזרח־ירושלים. אומעטום זעט מען שטיין און שטויב, אָבער ביסלעכווייז שיילט זיך אויס אַ נייע ירושלים, וואָס וועט בקרוב זיין אַ שיינער און אַ גרויסער צוגאָב צו ירושלים השלימה.

קאַפּיטל 13

הייליקטימער אין ירושלים

אַ שפּאַציר איבער דער אַלטער שטאָט אין ירו־שלים — דער באַזוך ביי הערצלס קבר — „יד ושם", די אינסטיטוציע אין אָנדענק פון די זעקס מיליאָן קדושים — וואָס מען זעט דאָרטן און ווי מען פאַראייביקט זייער אָנדענק

פאַר דעם טוריסט, וואָס באַזוכט ירושלים צום ערשטן מאָל, זענען די הייליקטימער, נאַטירלעך, די הויפּט אַטראַקציע. פאַר דעם יידן, איז נישטאָ קיין הייליקערס, ווי דער כותל המערבי, און אין אַ געוויינלעכן וואָכעדיקן טאָג, אָדער אָוונט, קען מען דאָרטן שטענדיק טרעפן הונדערטער מענטשן, וואָס קומען דאַוונען ביי דער וואַנט, אָדער איר אַפילו בלויז אָנקוקן. מיר זענען געווען ביים כותל אין אַ הייסן דינסטיק פרימאָרגן, אָבער מענטשן האָבן שוין געשטראָמט אַהין פון אַלע זייטן און ביי דער וואַנט גופא איז דער געדראַנג שוין געווען היפּשלעך גרויס.

אַ צווייטע וויכטיקע אַטראַקציע פאַר דעם טוריסט, איז די אַלטע שטאָט מיט אירע שמאָלע געסלעך, די קראָמען, די שטיינערנע הייזער, און דער שטראָם פון מענטשן, וואָס האַלט אָן כסדר. די ענגשאַפט אין די געסלעך איז געווען אַזוי גרויס, אַז מיר האָבן קוים באַוויזן זיך דורכ־צושטופּן אַ וועג. אַראַבישע קרעמער האָבן מיט געפילדער געזוכט אַריינ־צוציען קונים אין זייערע געשעפטן, און ווען דאָס האָט זיך אָפּט מאָל

נישט איינגעגעבן, זענען זיי אַוועק פון דער שוועל פון זייער קראָם ביז אין געסל אַריין אָנצובאָטן זייערע חפצים צו די פאַרבייגייער. די קראָמען זענען באַהאָנגען פון דרויסן און פאַרשטעלט מיט אַלערליי זאַכן און סחורות, און וואָגט איר נאָר אַ פרעג טאָן וויפל אַ געוויסער אַרטיקל קאָסט — וועט מען אייך שוין נישט אָפּלאָזן.

אונדזערער אַ קרוב, יוסף הוטר־ישי, אַ לייטענאַנט־קאָלאָנעל אין דער ישראל אַרמיי, פירט אונדז איבער דער אַלטער שטאָט און ווייזט אָן אויף געוויסע ערטער. מיר גייען אַריין אין אייניקע קראָמען קויפן מתנות פאַר קרובים און פריינד אין אַמעריקע. דער אַראַבישער באַלעבאָס באַגריסט דעם ישראל־אָפיציר מיט גרויס דרך־ארץ און טרעט אָפּ אַ ביסל אויף הינטער־ווײַלעכס. אונדזער קרוב רעדט מיט אים אויף אַראַביש, זאָגט אים וואָס מיר ווילן, און בעת יענער גייט אַוועק ברענגען די זאַכן, זאָגט דער קרוב צו מיין פרוי אויף יידיש: „דו קלייב זיך אויס, וואָס דו ווילסט, נאָר וועגן דעם פּרייז זאָלסטו נישט פרעגן — דאָס לאָז צו מיר". און אַזוי איז געווען. מ'האָט זיך געדונגען אויף אַראַביש, געקלאַפּט גוט־ברודעריש אין פּלייצע, און ענדלעך זיך געאייניקט. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז כמעט אין יעדן פאַל האָבן מיר געצאָלט אפשר אַ העלפט ווייניקער, ווי דער אָנגעגעבענער פּרייז פון דעם אַרטיקל.

דער קרוב פאַרזיכערט אונדז אויך, אַז די אַלטע שטאָט איז הייַנט נישט נאָר זיכערער, נאָר אויך ריינער און בכלל מיט מער טאָלק, הגם דער טומל און דער געפּילדער זענען גרויס און עס שמעקט נישט מיט די סאַמע בעסטע ריחות. די גאַסן־פאַרקויפער שרייען אויס זייערע סחורות אין עברית און טיילוויַיז אויך אין ענגליש. ביי די קראָמען איז אָפט מאָל צו זען אויפשריפטן אין עברית נעבן געוויסע זאַכן אָדער שפּייזן. מיר באַוועגן זיך פריי איבער די געסלעך, נישט געקוקט אויף דעם געדראַנג פון מענטשן, און עס פילט זיך נישט קיין מורא אָדער קיין געשפּאַנטע שטימונג. בלויז פון צייט צו צייט באַמערקן מיר אַ פּאָליציימאַן אָדער אַ סאָלדאַט, אָבער זייער צאָל איז אַ קליינע און זיי וואַרפן זיך נישט אין די אויגן.

פאַר מיר איז אָבער אויך געווען פון באַזונדערן אינטערעס אייניקע אַנ־דערע „הייליקטימער" פון אונדזער צייט, וואָס האָבן אַ גרויסע באַדייטונג פאַר יידן, איבערהויפּט פאַר דער אַנטוויקלונג פון מדינת ישראל. מיר מיינען נישט בלויז די היסטאָרישע פלעצער, וואָס זייער ווערט און באַדייטונג איז

נישט אָפּצושאַצן, נאָר אויך די פיל אינסטיטוציעס, שולן און רעליגיעזע אַנשטאַלטן, מוזייען, רעגירונגס־געביידעס, וכדומה. בלויז אַ קליינע צאָל פון זיי האָבן מיר באַוויזן צו באַזוכן אין די געציילטע עטלעכע טעג,

דער מחבר (רעכטס) און זיין פרוי אויף אַ שפּאַציר אין דער אַלטשטאָט אין ירושלים מיט צוויי קרובים: יוסף פרענק פון בני־ברק (לינקס) און לייטענאַנט־קאָלאָנעל פון דער ישראל־אַרמיי יוסף חוטר־ישי פון פּתח־תקוה (צווייטער פון רעכטס).

וואָס מיר האָבן פאַרבראַכט אין ירושלים, אָבער אַ סך פון זיי האָבן מיר געזען פון דרויסן, פאַרבייגייענדיק אָדער פאַרבייפאָרנדיק.

אין זכרון האָט זיך שאַרף איינגעקריצט אונדזער באַזוך ביים קבר פון ד״ר טעאָדאָר הערצל, דעם פאָטער פון מאָדערנעם ציוניזם און פון דער יידישער מדינה. מיר זענען צוגעפאָרן מיטן אויטאָבוס צום הר הרצל אין מערב טייל פון שטאָט. דער גאַנג אַרויף צום באַרג, וווּ עס געפינט זיך דער קבר איז אַ ברייטער, שיינער וועג דורך אַלייען אוןביימער. דער טאָג איז אַ הייסער, מיר גייען פּאַמעלעך מיט דעם וועג אַרויף, און ווען מיר דערזעען דעם קבר פון ווייטן, ווערט דער טראָט נאָך לאַנגזאַמער. דער קבר געפינט זיך אויף דעם סאַמע שפּיץ פון הר הרצל: אַ ריזיקער שוואַרצער מאַרמאָרנער שטיין, אייַנפאַך אויסגעשניצט, און בלויז איין וואָרט אויסגעקריצט דערויף — הרצל. ווייטער גאָרנישט, נישט קיין ערשטער נאָמען און נישט קיין שום דאַטע. עס איז נישט נויטיק. בלויז דער נאָמען „הרצל״ אַליין איז גענוג. איך טראַכט וועגן דעם מענטשן און דער אידעע, וואָס ער האָט פאַרטראַכט, און ווי דער גרויסער חלום זיינער איז אין אונדזערע טעג פאַרווירקלעכט געוואָרן.

אַ מילד ווינטעלע בלאָזט איצט און עס פילט זיך אַן אָנגענעמע

פרישקייט. אַלץ אַרום איז שיין, גרין, ריין און ציכטיק. פון דאַנען זעט מען היפשע שטרעקעס פון דער שטאָט ירושלים און די בערג אַרום. די לאַנדשאַפט איז אַ פּראַכטפול־שיינע. דאָ איז שטיל, מען קומט צו צום קבר מיט באַזאַכטע טריט, מען שושקעט איינער צום אַנדערן כדי נישט צו שטערן די רו פון דעם גרויסן מענטשן, וואָס ליגט דאָ — עס פילט זיך ממש אַ הייליקייט.

נישט ווייט פון הערצלס קבר, בלויז עטלעכע הונדערט מעטער ווייטער, געפינט זיך נאָך אַ הייליק אָרט — „יד ושם". דאָס איז שוין נישט קיין קבר, נאָר אַן אינסטיטוציע פון אַ היפשן פאַרנעם, וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן אין אָנדענק פון אומדזערע זעקס מיליאָן קדושים, וואָס זענען אומגעבראַכט געוואָרן דורך די היטלער־רוצחים בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה. בלויז אין ישראל האָט מען געקענט אויפשטעלן אַזאַ מאָנומענט, און ירושלים, די עיר הקודש, איז געווען דאָס לאָגישע אָרט. אין 1953 האָט די כנסת אָנגענומען דאָס געזעץ וועגן אויפבויען די אָנדענק־אינסטי־טוציע „יד ושם" צו באַערן אונדזערע קדושים און העלדן און אַ ספּעציעלע קערפּערשאַפט אין געגרינדעט געוואָרן צו נעמען אַלע נויטיקע שריט צו פאַרווירקלעכן די פּלענער. נעמלעך, אָפּהיטן כ"ז ניסן, אַלס יאָרצייט יעדעס יאָר, פאָרשן און אויפזאַמלען אַלץ, וואָס איז פאַרבונדן מיט דער געשיכטע פון דעם גרויסן יידישן אומגליק און דעם יידישן ווידערשטאַנד, און פאַראייביקן די קדושים, זייערע שטעט און שטעטלעך, זייערע אינ־סטיטוציעס, זייער לעבן און זייער לעצטן קאַמף.

אויף דעם הר הזכרון, נישט ווייט פון הר הרצל, איז אויפגעבויט געוואָרן אַ שיינע און פּאַסנדיקע אינסטיטוציע, וואָס אַנטהאַלט אַן אָנדענק־זאַל, אַ מוזיי, אַ שול, אַ ביבליאָטעק, אַרכיוון, אַ זייל פון גבורה אין אָנדענק פון די רעזיסטאַנץ־קעמפער. אין דעם גרויסן אָנדענק־זאַל (אוהל יזכור), וואָס איז געבויט פיר־עקיק פון ריזיקע באַזאַלט שטיינער (זיילנ־שטיין), ברענט אַ נר תמיד. אויף דעם דיל זענען אויסגעקריצט די נעמען פון 21 פון די גרעסטע קאָנצענטראַציע־ און טויט־לאַגערן. נעבן דעם נר תמיד, שטייט אַ האַלב־צעבראָכענער בעכער, אין וועלכן עס געפינט זיך אַש פון די קדושים.

יעדעס יאָר, אין כ"ז ניסן, ווערט דאָ אָפּגעהאַלטן די יערלעכע צע־רעמאָניע אָדער יאָרצייט, אין וועלכער עס באַטייליקן זיך אָנגעזעענע פירער פון דער מדינה. אַ קליינע צערעמאָניע קומט פאָר כמעט יעדן

פרימאָרגן, אַרום 11 אַ זייגער, פאַר די באַזוכער. אונדזער גרופּע פון הסתדרות־טוער פון אַמעריקע האָט זיך באַטייליקט אין אַזאַ צערעמאָניע און מיר איז צוגעטיילט געוואָרן דער כבוד צו פאַרטרעטן אונדזער גרופּע און אָנטייל נעמען אין דער צערעמאָניע. אַ רב האָט געזאָגט אַ קאַפּיטל תהילים, עמיצער האָט פאַרגעלייענט עטלעכע קורצע זאַצן וועגן דער באַדייטונג פון דער צערעמאָניע, מ׳האָט פאַרגרעסערט דאָס פייער אין דעם נר תמיד. עס איז געווען אַ מינוט פון שטילשווייגן און איבער דעם זאַל, וווּ עס האָבן זיך געפונען עטלעכע הונדערט מענטשן, האָט זיך דערהערט אַ שטילער און פאַרשטיקטער שלוכצן. די צערעמאָניע האָט זיך פאַרענדיקט מיט „אל מלא רחמים״, געזונגען פון אַ חזן.

די צערעמאָניע האָט געדויערט וואָסערע 20—15 מינוט, אָבער איז געווען זייער איינדרוקספול. איך בין געשטאַנען אין סאַמע צענטער פון זאַל, אַ שפּאַן ווייטער פון דעם נר תמיד, אָבער מיינע אויגן זענען אין דעם האַלב־פינצטערן זאַל געווען די גאַנצע צייט צוגעשמידט צו דעם בראַנזענעם בעכער, אין וועלכן עס האָט זיך געפונען דאָס אַש פון אַ קדוש אָדער עטלעכע קדושים. אפשר גאָר דאָס אַש פון מיינעם אַ קרוב, וואָס איז אומגעקומען על קידוש השם דורך די היטלער־בעסטיעס? — איז מיר דורכגעלאָפן אַ געדאַנק. כ׳האָב די בייזע מחשבה פּרובירט פאַר־טרייבן, אָבער אין האַלדז האָט געשטיקט און פון די אויגן זענען גע־רונען די טרערן אויף אונדזער גרויסן פאַלקס־בראָך. ווען די צערעמאָניע איז געווען פאַרענדיקט און אין זאַל איז ווידער ליכטיק געוואָרן, זענען אַלעמענס פּנימער געווען פאַרטרויערט און די אויגן רויט פון וויינען.

מיר האָבן דאַן אומגעוואַנדערט איבער דער געביידע צו זען די פאַרשידענע זאַלן, דעם מוזיי, די שול, די אויסשטעלונגען, א. א. וו. די שול איז געבויט אַלס אָנדענק צו די שולן און בתי מדרשים, וואָס זענען פאַרניכטעט געוואָרן אין הונדערטער יידישע שטעט און שטעטלעך אין אייראָפּע. עס איז אַ פאַרהעלטנישמעסיק קליינע געביידע, אָן שום באַ־פּוצונגען. עס איז אייגנטלעך אַ לאַנגער זאַל, וווּ איין וואַנט, די מערב־וואַנט, איז געבויט פון שטיין און דערמאָנט אַ ביסל אין כותל המערבי. די מזרח־וואַנט ווידער, איז פּשוט געבויט. אין מיטן געפינט זיך אַן ארון קודש באַדעקט מיט אַ מענטעלע, וואָס איז אָפּגעראַטעוועט געוואָרן פון אַ חרובער שול ערגעץ אין אייראָפּע. נישט ווייט שטייט אַ טישל מיט אַ באַנק, ווי אין די בתי מדרשים אַ מאָל אין די קליינע שטעטלעך.

די אויסשטעלונגען אַנטהאַלטן בילדער, פּלאַקאַטן, דאָקומענטן, אַפּישן, וואָס האָבן אַלע אַ שייכות מיט דעם אומקום, אָדער מיט דעם קאַמף, וואָס יידן האָבן געפירט אין די פאַרשידענע געטאָס. איר זעט דאָרטן די נאַצי־פּלאַקאַטן און זייער אַנטיסעמיטישע ליטעראַטור, בילדער וועגן די מע־טאָדן, וואָס די נאַציס האָבן באַנוצט צו „לייזן די יידן־פראַגע", בילדער פון יידישע פירער, שרייבער, כלל־טוער, רבנים, לערער, און סתם יידן, יידישע קינדער, יידישע טאַטעס און מאַמעס אין וועמענס אויגן איר זעט די שרעק פון טויט און אומקום.

אין דעם „זאַל פון נעמען", זאָגט מען מיר, זענען פאַרצייכנט די נעמען פון איבער אַנדערהאַלבן מיליאָן קדושים, וואָס זענען צוגעשטעלט געוואָרן פון קרובים און פריינד, מיט קורצע ביאָגראַפישע שטריכן וועגן יעדן. נעבן דעם „זייל פון גבורה", וואָס איז זיבעציק פוס הויך, זענען אויסגעקריצט פאַרשידענע העלדנטאַטן פון יענער צייט. אין די אַרכיוון געפינען זיך וויכטיקע היסטאָרישע דאָקומענטן פון דער גאַנצער עפּאָכע, און אין דער ביבליאָטעק זענען פאַראַן נאָענט צו 40 טויזנט בענדער און פיל צייטשריפטן פון דער חורבן־ליטעראַטור און אַלץ, וואָס איז פאַרבונדן מיט דעם חורבן. די וויסנשאַפטלעכע פאָרשער ביים „יד ושם"



משה פרענק ביים כותל המערבי

אַרבעטן איצט אויף אַן ענציקלאָפּעדיע, וואָס וועט אַנטהאַלטן באַשריי־בונגען וועגן 6,500 יידישע שטעט און שטעטלעך אין אייראָפּע, וואָס זענען פאַרניכטעט געוואָרן.

זיין אין ירושלים און נישט באַזוכן „יד ושם" איז ווי נישט באַזוכן

אַן אַנדער הייליקטום — דעם כותל המערבי. עס כאַפּט אייך אַרום אַן ענלעכער ציטער, ווען איר באַזוכט די צוויי הייליקע פּלעצער, נישט מער, וואָס פון כותל גייט מען אַוועק אַ שטאָלצער אויף דעם יידישן אויסדויער, און פון „יד ושם" גייט מען אַרויס אַ צעבראָכענער און דער־שיטערטער. אָבער יידן דאַרפן עס זען, דורכלעבן דעם שווערן מאָמענט און זיך פילן געשטאַרקט.

קאַפּיטל 14

די באַפעלקערונג־עקספּלאָזיע אין מדינת ישראל

ישראל שרעקט זיך נישט פאַר דעם פּראָבלעם פון „באַפעלקערונג־עקספּלאָזיע" — די שטייגנ־דיקע „אינערלעכע עליה" אַ דאַנק דער פאַרמערונג פון געבורטן — דער „שערי צדק" שפּיטאָל אין ירושלים, זיין וווקס און ענגשאַפט — ווי קען מען זאָגן „ניין" צו אַ קימפּעטאָרין?

„אוי, ווען רוסלאַנד וואָלט אַרויסגעלאָזן די דריי מיליאָן יידן, וואָס געפינען זיך דאָרטן, וואָלטן מיר זיי דאָך אויפגענומען אין ישראל בכבוד גדול, דאָס שענסטע און דאָס בעסטע, וואָלטן מיר זיי געגעבן", זאָגט צו מיר מייַנער אַ קרוב, יוסף פּרעגק, וואָס וווינט אין בני־ברק. ער איז זיכער, אַז אַלע דריי מיליאָן רוסישע יידן וואָלטן געקומען קיין ישראל. צערעדט איר זיך מיט אַנדערע פריינד און באַקאַנטע אין דער יידישער מדינה, וועלן זיי אייך זאָגן דאָס זעלבע: „מיר זענען גרייט אויפצונעמען אַלע דריי מיליאָן — הלוואי לאָזט מען זיי אַרויס".

אַן אַנדערש מאָל זאָגט צו מיר אַ באַקאַנטער, וועמען מיר זענען געקומען אָפּגעבן אַ גרוס פון זיינע קרובים אין וואַשינגטאָן: „ווען מיר וואָלטן היינט געהאַט די דריי מיליאָן יידן פון רוסלאַנד און מיר וואָלטן געווען אַן עדה פון פינף־זעקס מיליאָן, וואָלט איצט נישט געווען קיין רייד פון אומקערן טעריטאָריעס צו די אַראַבער. עס וואָלט פאַרבליבן

ווי מיר ווילן". ער האָט זיך אויף אַ מאָמענט פאַרטראַכט און דאַן צו־געגעבן:

„איר ווייסט, וואָס נאָך איך וועל אייך זאָגן? וויפל יידן זאָגט איר זענען פאַראַן אויף דער וועלט מחוץ ישראל — עלף מיליאָן? גוט, מיר זענען גרייט אויפצונעמען אַלע עלף מיליאָן! עס וואָלט טאַקע געווען אַ ביסל ענגלעך, מ'וואָלט זיך אַ ביסל צוגעפּלאָגט, אָבער סוף כל סוף וואָלטן מיר אַלעמען איינגעאָרדנט. מיר וואָלטן דאַן געווען אַ פאָלק פון אַרום 14 מיליאָן און קיינער אין נאָענטן מזרח וואָלט נישט געוואַגט זיך פאַרטשעפּען מיט אונדז".

יידן אין ישראל זענען שטאַרק געלן אויף אַ גרויסן וווּקס אין דער באַפעלקערונג. מען פרייט זיך מיט יעדער שיף און מיט יעדן עראָפּלאַן, וואָס ברענגט יידן אויף עליה, מיט יעדן טוריסט, וואָס באַשליסט זיך צו באַזעצן אין דער מדינה, און מיט יעדן יידיש קינד, וואָס ווערט גע־בוירן אין ישראל. אימיגראַציע איז זייער וויכטיק, אָבער נישט ווייניקער וויכטיק איז די „אינערלעכע אימיגראַציע", ווי יידן באַצייכענען די אָרטיקע געבורטן.

אגב, אַז מיר רעדן שוין וועגן אימיגראַציע, איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז די צאָל עולים אין יאָר 1970, האָט דערגרייכט אַרום 40 טויזנט, אָבער דאָס וויכטיקסטע דערביי איז, וואָס גאָר אַ גרויסער טייל דערפון קומט איצט פון די מערב־לענדער. די פיר לענדער, וואָס האָבן צוגעשטעלט דעם גרעסטן טייל פון די פערציק טויזנט עולים זענען: אַמעריקע, פראַנקרייך, ענגלאַנד און רומעניע. פון אַמעריקע אַליין זענען געקומען היינטיקס יאָר 8.000 עולים, אין פאַרגלייך מיט 6.000 אין יאָר 1969, און 3.500 אין 1968. אַמעריקע איז געוואָרן אַ באַדייטנדיקער אימי־גראַציע־קוואַל פאַר ישראל.

אָבער אייגנטלעך וויל איך דאָ דערציילן וועגן אַן ענין, וואָס האָט צו טאָן מיט דער אַזוי גערופענער „אינערלעכער אימיגראַציע", נעמלעך, מיין באַזוך אין דעם „שערי צדק" שפּיטאָל אין ירושלים און די גרויסע צאָל געבורטן, וואָס ווערט דאָרטן לעצטנס פאַרצייכנט. מיין פאַרבינדונג מיט דעם שפּיטאָל איז אַזאַ: מיט אַ פיר־פינף יאָר צוריק, האָבן אַ גרופּע פריינד אין וואַשינגטאָן אָרגאַניזירט אַ לאָקאַלן קאָמיטעט צו שאַפן פאָנדן פאַר דעם שפּיטאָל, און מיר האָבן דורך דער קורצער צייט שוין איבער־געשיקט מער ווי הונדערט טויזנט דאָלאַר. איך בין דער וויצע־פּרעזידענט

פון קאָמיטעט און האָב דעריבער געפילט די פאַרפּליכטונג צו באַזוכן די אינסטיטוציע, פאַר וועלכער מיר לייגן צו אַ האַנט. דערצו נאָך קענען מיר זיך פערזענלעך זייער גוט מיט דעם דירעקטאָר פון דעם שפּיטאָל, ד״ר דוד מאיר, וואָס איז פריער געווען אַ פּראָפעסאָר אין דעם אַלבערט איינשטיין מעדיצינישן קאָלעדזש און אין דעם איינשטיין־שפּיטאָל אין ניו־יאָרק.

אין אַ באַשטימטן פרימאָרגן איז צו אונדז אין האָטעל המלך דוד, געקו־מען מרס פּנינה סאַהן, פון דער שפּיטאָל־פאַרוואַלטונג און מיך און מיין פרוי אָוועקגעפירט אויף אַ באַזוך אין בית חולים „שערי צדק״. מיר האָבן דאָרטן פאַרבראַכט איבער צוויי שעה צייט, געזען פּאַקטיש יעדעס ווינ־קעלע פון דעם שפּיטאָל, גערעדט מיט אייניקע פון די דאָקטוירים און שוועסטער, באַזוכט פּאַציענטן, געזען די פאַרשידענע און מאָדערנסטע מכשירים, וואָס ווערן באַנוצט, און זיך אויך געטראָפן מיטן דאָקטאָר מאיר. דער איינדרוק איז געווען אַ ביסל אַ געמישטער: פון איין זייט, צופרידנ־קייט מיט אַזאַ פיינער אינסטיטוציע, וואָס איז אַ שטאָלץ פאַר ירושלים; און פון דער צווייטער זייט, אַ ביסל פאַרדרוס, למאי עס איז דאָרטן אַזוי ענג און מען קען נישט נאָכקומען די גרויסע נאָכפראַגע אויף מע־דיצינישער באַהאַנדלונג, צוליב מאַנגל אין פּלאַץ.

די געביידע, אין וועלכער דער „שערי צדק״ שפּיטאָל געפינט זיך, איז איינע פון די עלטסטע אין ירושלים. דער שפּיטאָל איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1902 און די געביידע איז אויפגעבויט געוואָרן מיט דריי יאָר שפּעטער, ווען יידן האָבן באַשלאָסן אָנהייבן בויען „ניי ירושלים״, אויסער די גרענעצן פון דער אַלטער שטאָט. דער שפּיטאָל בנין איז געווען איינער פון די ערשטע פון ניי־ירושלים. ער איז געבויט דורכאויס פון שטיין, וואָס איז שטאַרק בנמצא אין ישראל, און דער אויסערלעכער אויסקוק האָט זיך פּאַקטיש נישט פיל געביטן אין די לעצטע 65 יאָר. ווען נישט די אַמבולאַנסן ביים אַריינפאָר אין פאָדערשטן הויף, וואָלט מען געמיינט, אַז מען געפינט זיך דאָ ביי אַן אַלטער שול־געביידע.

באַלד ביים אַריינקומען אין דעם איינטריט־זאַל, האָט זיך דערפילט אַ לעבהאַפטע טעטיקייט: שוועסטער, דאָקטוירים, פּאַציענטן, קינדער, באַזוכער. גלייך דערנעבן געפינט זיך די שול וווּ דאָקטוירים, פּאַציענטן און באַזוכער דאַווענען יעדן טאָג... עס איז שוין געווען ווייט נאָך שחרית,

אָבער עטלעכע עלטערע יידן האָבן נאָך געדאַווענט. דאָס שולעכל איז נישט צו גרויס, אָבער גענוג פאַר עטלעכע מנינים מענטשן.

מיר האָבן זיך דאַן אַרויסגעלאָזט אויף אַ שפּאַציר איבער דער געביידע, איבער די שמאָלע קאָרידאָרן, וואָס זענען כמעט אומעטום געווען פאַרשטעלט מיט בעטן און טאָקע פּאַציענטן, אַזוי, אַז עס איז ממש שווער געווען אַדורכצוגיין. די צימערן זענען אַלע פאַרפולט און מען האָט קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט ווי אַוועקשטעלן בעטן אין די קאָרי־דאָרן — אָדער אין גאַנצן צוריקווייזן די חולאים. און אָט טאָקע אין די קאָרידאָרן האָבן מיר געזען מיט וואָס פאַר אַן איבערגעגעבנקייט די דאָקטוירים און די שוועסטער זוכן צו העלפן די קראַנקע און ווי מען באַדינט זיי מיט אַלע זייערע באַדערפעניישן. עס איז ממש צו באַוואונדערן דאָס געדולד, צו קענען אַרבעטן אונטער אַזעלכע אומשטענדן.

אָט איז די נויט־פאַל אָפּטיילונג, וואָס איז לעצטנס פאַרגרעסערט געוואָרן צוליב דעם ווּוקס פון דער באַפעלקערונג אין ירושלים, און די דריי נייע אָפּטיילונגען, וואָס זענען געעפנט געוואָרן היינטיקס יאָר: פּלאַס־טישע כירורגיע, נירן־קראַנקהייטן, און עלטער־קראַנקהייטן. מיר באַזוכן דעם מאָדערנעם אויגן־קליניק, וואָס איז געגעבן געוואָרן אַ מתנה דעם שפּיטאָל דורך דער יידישער קהילה פון קאַראַקאַס, ווענעצועלאַ. מיר שפּאַנען פאַר ביי דער שול פאַר שוועסטער און זעען אַ צאָל פון די יונגע פרויען, וואָס גרייטן זיך צו ווערן קראַנקן־שוועסטער. מיר זעען אויך אַנדערע אָפּטיילונגען, ווי אַלגעמיינע כירורגיע, אינערלעכע קראַנקהייטן, די געבורט־אָפּטיילונג, דעם קינדער צימער א. אַ. וו.

עס איז קלאָר, אַז דאָס וויכטיקסטע פּראָבלעם פאַר דעם שפּיטאָל, חוץ פאַנדן, איז פּלאַץ צו באַהאַנדלען די גרויסע צאָל חולאים. אמת, מען האָט שוין געקראָגן אַ פיינעם פּלאַץ, וווּ אויפצובויען אַ נייעם שפּי־טאָל, אין די נייע געגנטן פון ירושלים, נעבן וויכטיקע רעגירונגס־געביי־דעס, אָבער עס וועט נאָך דויערן וואָסערע פינף יאָר, ביז די נייע געביידע וועט אויפגעבויט ווערן. דערווייל שטיקט מען זיך אין ענגשאַפט אין דער אַלטער געביידע און קיינער באַקלאָגט זיך נישט.

מער ווי אַלץ, האָט מיך געפרייט צו זען דעם קינדער־צימער, מיט די קליינינקע בעטלעך פון ערשט געבוירענע עופעלעך, איינע לעבן די אַנדערע. נישט נאָר איז יעדעס ווינקעלע געווען פאַרנומען, נאָר אויך דאָ האָט מען געמוזט אַריינשטעלן עטלעכע בעטלעך אין דער דער־

געבנדיקער פרויען־אָפּטיילונג. טאַקע דאָ אין „שערי צדק״ שפּיטאָל האָבן מיר אויסגעפונען, אַז ישראל מאַכט דורך איצט איר אייגענע „באַפעל־קערונג עקספּלאָזיע״ אַ דאַנק דער שטייגנדיקער צאָל קינדער־געבורטן. בעת אונדזער באַזוך, האָט מען מיר געזאָגט, אַז צו די 20 געווייגלעכע בעטן אין דער קימפּעט־אָפּטיילונג, האָט מען געמוזט צושטעלן נאָך זיבן בעטן — עטלעכע פון זיי, אַפילו אין עס־צימער — און אַלע 27 בעטן זענען געווען פאַרנומען.

אין אַ שמועס מיט ד״ר מאיר אייזיקסאָן, הויפּט פון דער קינדער־אָפּטיילונג, האָט ער אונדז דערציילט, אַז אין די לעצטע צען יאָר, האָט די צאָל קינדער, וואָס זענען געבוירן געוואָרן אין „שערי צדק״ שפּיטאָל, זיך פאַרגרעסערט ביז 60 פּראָצענט. אַנשטאָט פינף ביז זיבן געבורטן אַ טאָג, האָט די צאָל געבורטן לעצטנס דערגרייכט צו פופצן אַ טאָג; אַפילו אין די לעצטע זעקס חדשים, איז די צאָל געבורטן שטאַרק גע־שטיגן, אַזוי אַז פון יאַנואַר ביז יוני, האָט די דורכשניט צאָל געבורטן זיך פאַרמערט אויף וואָסערע פופציק געבורטן מער אַ חודש.

דער שפּיטאָל קען זיך ממש קיין עצה נישט געבן מיט דער גרויסער צאָל געבורטן, עס זענען נישטאָ גענוג דאָקטוירים, נישט גענוג שוועס־טער און נישט גענוג באַקוועמלעכקייטן. דערוויל האָט מען זיך געגעבן אַן עצה: אַנשטאָט האַלטן די קימפּעטאָרין אין שפּיטאָל אַ וואָך צייט, אָדער מער, נאָך דעם געבורט, שיקט מען איר אַהיים אויף דעם פערטן אָדער פינפטן טאָג. מיין פרוי האָט באַמערקט, אַז אין די וואַשינגטאָנער שפּיטאָלן פירט זיך שוין פון לאַנג, אַז מען שיקט אַהיים די קימפּעטאָרינס אויפן דריטן טאָג.

אין דעם נייעם שפּיטאָל וועט זיין פּלאַץ פאַר 70 קימפּעטאָרינס, אָבער, ווי געזאָגט, וועט נאָך דויערן פינף יאָר, ביז די נייע געביידע וועט זיין פאַרטיק. ווי מען וועט זיך אַן עצה געבן ביז דעמאָלט, ווייס איך נישט. אָבער די קימפּעטאָרינס באַקלאָגן זיך נישט אויף דער ענג־שאַפט, זיי זענען צופרידן, וואָס מען נעמט זיי אַריין אין „שערי צדק״ ווייל זיי האָבן גרויס צוטרוי צו די דאָקטוירים.

אַ מאַראָקאַנער פרוי, אַ מוטער פון צוועלף קינדער, האָט מיר גע־זאָגט: „אָט דאָ האָב איך געוואָלט האָבן מיין קינד. די דאָקטוירים זענען גוטע. די מענטשן דאָ זענען גוטהאַרציקע. מיינע לעצטע דריי קינדער

האָב איך געבוירן דאָ, אין „שערי צדק״. איך וואָלט נישט געגאַנגען אין קיין אַנדער פּלאַץ״.

און אַ יונגע אַמעריקאַנער יידישע פרוי, וואָס איז ערשט געלעגן געוואָרן מיט איר ערשטן קינד, האָט באַמערקט: „אין פאַרגלייך מיט מאָדערנע אַמעריקאַנער שפּיטאָלן, האָב איך זיך אַ ביסל געזאָרגט וועגן די באַקוועמלעכקייטן אין „שערי צדק״, אָבער איך בין געווען גאָר איי־בערראַשט. דער דאָקטאָר און די שוועסטער האָבן מיך באַהאַנדלט אויף דעם בעסטן אופן, איך האָב דאָ געפונען וואַרעמקייט און פריינדשאַפט״.

די איינציקע לייזונג, שיינט צו זיין, איז באַגרענעצן די צאָל שוואַנ־גערע פרויען, וואָס ווערן אָנגענומען אַלס קימפּעטאָרינס. „אָבער ווי קענען מיר עס טאָן?״, האָט מיר געזאָגט אונדזער וועגווייזערין מרס. סאָהן. „ווי קענען מיר זאָגן „ניין״ צו אַזאַ פרוי, ווען זי וויל דווקא האָבן איר קינד אין „שערי צדק״? די אַדמיניסטראַציע פון דעם שפּיטאָל ראַנגלט זיך מיט דעם פּראָבלעם און קען זיך קיין עצה נישט געבן. מען וויל טאַקע האָבן די באַפעלקערונג עקספּלאָזיע, ישראל נויטיקט זיך זייער דערין, אָבער עס שאַפט אויך פּראָבלעמען, וואָס בלויז די צייט וועט זיי לייזן.

קאַפּיטל 15

העכערע בילדונג אין מדינת ישראל

די זיבן וויכטיקסטע אוניווערסיטעטן אין דער יידישער מדינה — 50.000 יוגנטלעכע לערנען זיך אין די אוניווערסיטעטן — דערציונג איז דער שליסל צום יידישן קיום.

אין דער קורצער צייט, וואָס אונדז איז אויסגעקומען צו זיין אין ישראל, דעם פאַרגאַנגענעם זומער, האָבן מיר (מיין פרוי און איך) געהאָפט, אַז מיר וועלן אויך האָבן די געלעגנהייט צו כאַפּן אַ בליק אויף דעם דערציונגס־סיסטעם אין דער יידישער מדינה. מיין פרוי איז

נאָך הייגט אַ לערערין און דער שרייבער פון די שורות, איז אַ מאָל געווען אַ לערער און גיט אָפט קורסן אין דערציִונג פאַר דערוואַקסענע, אַזוי, אַז דער ענין דערציִונג איז אונדז זייער נאָענט.

אָבער צוליב דעם מאַרשרוט פון אונדזער הסתדרות־טור און דעם מאַנגל אין צייט, האָבן מיר באַוויזן אַריינצוקוקן בלויז אין איין ווינקעלע פון דער דערציִונג אין מדינת ישראל, און אַפילו דער בליק איז געווען אין אַ באַגרענעצטער מאָס. דאָס איינע ווינקעלע, מיט וועלכן מיר האָבן זיך באַקענט, איז געווען העכערע בילדונג, די אינסטיטוציעס פון העכערער דערציִונג, וואָס שפּילן אַ גאָר באַדייטנדיקע ראָל אין דער פאַרפולקומונג און פּראָפעסיאָנאַלער אויסשולונג פון דעם יונגן דור. אמת, מיר האָבן אויך באַזוכט עטלעכע קינדער־אַנשטאַלטן, וואָס ווערן אויסגעהאַלטן פון די פּיאָנערן פרויען אין אַמעריקע, ווו מיין פרוי איז אַ טעטיקע פירערין, מיר האָבן געזען די „עמל” פאַכשול אין קרית חיים נעבן חיפה און אייניקע אַנדערע, אָבער פאַר מיר איז עס נישט געווען גענוג צו קענען ציִען שלוסן אָדער געבן אַ מיינונג.

דאַקעגן, אויף דעם געביט פון העכערער בילדונג, האָבן מיר שוין געהאַט די געלעגנהייט אַריינצוקוקן אַ ביסל טיפער און זיך באַקענען נעענטער. קודם כל, האָבן מיר טאַקע באַזוכט דעם העברעיִשן אוניווערסיטעט אין ירושלים און דעם אוניווערסיטעט פון נגב אין באר־שבע, ווי אויך דעם אַפראָ־אַזיאַטישן אינסטיטוט אין תל־אביב (וועגן דעם אינסטיטוט האָבן מיר שוין געשריבן אין אַ פריִערדיקן קאַפּיטל). חוץ דעם האָבן מיר אויך געזען, אָבער נאָר פון דרויסן, ווייל ס׳איז געווען זומער און די סטודענטן זענען געווען אויף וואַקאַציע, דעם טעכניאָן אין חיפה, דעם בר־אילן אוניווערסיטעט אין רמת־גן, און דעם תל־אביבער אוניווערסיטעט. ליידער האָבן מיר נישט באַוויזן צו זיין אין רחובות און זען דעם ווייצמאַן־אינסטיטוט פון וויסנשאַפט. מיר האָבן אָבער באַקומען אַ היפּש ביסל אינפאָרמאַציע וועגן די אַלע העכערע בילדונג־אינסטיטוציעס פון רעגירונגס־קוואַלן.

די פריִער דערמאָנטע אַכט לערן־אַנשטאַלטן, שטעלן מיט זיך צוזאַמען דעם סכום פון פאָרמעלער און וועלטלעכער בילדונג אין דער יידישער מדינה אויף דער מדרגה פון אוניווערסיטעט דערציִונג. איך באַטאָן דעם פאַקט, מחמת איך וויל, חס וחלילה, נישט פוגע בכבוד זיין, אָדער מינימיזירן די דערציִערישע ראָל פון די ישיבות און אַנדערע רעליגיעזע

לערן־אַנשטאַלטן. אייגנטלעך דאַרפן מיר דאָ רעדן בלויז וועגן זיבן לערן־אינסטיטוציעס, ווייל דער אַפראָ־אַזיאַטישער אינסטיטוט איז בלויז פאַר אויסלענדישע סטודענטן און נישט פאַר ישראל יוגנטלעכע.

אין ישראל איז מיר עטלעכע מאָל אויסגעקומען צו הערן די באַ־מערקונג: „דערציִונג איז דער שליסל צו אונדזער קיום". ביי יידן האָט דערציִונג אַלע מאָל געשפּילט אַ גוואַלדיקע ראָל אין דעם טאָג־טעגלעכן לעבן און אין דעם קאַמף פאַר יידישן קיום, אָבער מיר דוכט, אַז דער הונגער און דורשט נאָך בילדונג אין ישראל, איז מערקבאַר אומעטום און פאַרנעמט אַ וויכטיק אָרט אין דעם היינטיקן געראַנגל פאַר יידישן קיום. איך מיין, אַז עס איז נישט איבערגעטריבן צו זאָגן, אַז דערציִונג פאַרנעמט דאָס צווייטע וויכטיקסטע אָרט אין דעם לעבן פון דער מדינה — דאָס ערשטע אָרט געהערט, נאַטירלעך, צו דער פאַרטיידיקונג און דער עקזיסטענץ פון דער מדינה.

דערציִונג אין ישראל מיינט נישט נאָר געבן בילדונג, אויסלערנען פּראָפעסיעס און פאַכן, צוגרייטן מענטשן, וואָס זאָלן אָנפירן מיט דעם לאַנד אויף אַלע געביטן און זיין די וועגווייזער און באַשיצער פון דעם פאָלק. דערציִונג אין ישראל איז דער הויפּט מעכאַניזם פון אויסשמעלצן אַ פאַראייניקט פאָלק. דער הויפּט־פאַקטאָר פון שאַפן אַ געמיינשאַפטלעכע געזעלשאַפט פון פאַרשידענע אימיגראַנטן־גרופּעס, וואָס זענען געקומען אין דעם לאַנד מיט אַנדערע שפּראַכן און אַנדערע קולטור־הינטערגרונטן. פון אָט־דעם ערב־רב ווערט אויסגעשמידט איין פאָלק — און דאָס ווערט דערגרייכט דורך דערציִונג.

אין די זיבן דערמאָנטע העכערע לערן־אינסטיטוציעס לערנען זיך אַרום 50 טויזנט סטודענטן. די ציפערן זענען בערך אַזוי: אין העברעִישן אוניווערסיטעט אין ירושלים זענען איצט פאַרשריבן 16 טויזנט סטודענטן, אומגעפער 2.500 מער, ווי אין פאַרגאַנגענעם יאָר; אין דעם נייעם אוני־ווערסיטעט אין באר־שבע זענען רעגיסטרירט 3.500 סטודענטן, אָבער בעת מיר זענען געווען דאָרטן לעצטן זומער, האָט מען אונדז געזאָגט, אַז פאַרלויפיק האָבן זיי דאָרטן פּלאַץ פאַר אַרום 1.500; דער אוניווער־סיטעט אין חיפה האָט אַרום 4.500, איינשליסנדיק אַ צאָל ישראל אַראַבער און דרוזן; דער טעכניאָן אין היפה האָט אַן ערך 6.500 סטודענטן, צווישן זיי אויך אַ צאָל אַראַבער און דרוזן; דער בר־אילן אוניווערסיטעט האָט אַרום 5.000 סטודענטן; דער תל־אביבער אוניווערסיטעט ציילט אַן ערך

9.000 און דער ״וייצמאַן־אינסטיטוט״, וואָס באַשטייט צומערסטנס פון העכערע פאָרש־סטודענטן, האָט אַרום 400. חוץ דעם זענען פאַראַן נאָך אַרום פינף־זעקס טויזנט סטודענטן, וואָס נעמען קורסן אין אַנדערע קלענערע אינסטיטוציעס פון העכערער בילדונג.

אין די העכערע לערן־אַנשטאַלטן זענען פאַראַן וואָסערע זעקס טויזנט פּראָפעסאָרן, לעקטאָרן און לערער. אין דעם פאַרגאַנגענעם לערן־יאָר האָבן פינף טויזנט סטודענטן גראַדואירט פון די זיבן אוניווערסיטעטן. אַ גרויסע צאָל פון זיי זעצט פאָר צו לערנען, אַנדערע זענען אַריינגע־טראָטן אין די פאַרשידענע פּראָפעסיעס.

עס איז אינטערעסאַנט צו באַטאָנען, אַז העכערע בילדונג אין ישראל ווערט אין אַ גרויסער מאָס פינאַנסירט דורך דעם מיניסטעריום פאַר דערציִונג, אָבער ווערט אָנגעפירט פון אַ ספּעציעלן „ראָט פון העכערער דערציִונג״, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין 1958. יעדער אוניווערסיטעט אין ישראל באַזיצט זעלבסט־אויטאָנאָמיע, סיי בנוגע אַקאַדעמישע ענינים און סיי אַדמיניסטראַטיווע. בערך 70 פּראָצענט פון דעם בודזשעט פון יעדן אוניווערסיטעט ווערט צוגעשטעלט דורך דעם מיניסטעריום פאַר דערציִונג, אַרום 20 פּראָצענט קומט פון ביישטייערונגען, און בלויז צען פּראָצענט פון שכר־לימוד פון די סטודענטן.

וועלכע ערטער דער טוריסט זאָל נישט באַזוכן אין ישראל, וואַרפט זיך שטאַרק אין די אויגן דער פאַקט, וואָס פּריוואַטע מנדבים, אָרגאַני־זאַציעס און צדקה־קערפּערשאַפטן, ס׳רוב פון אַמעריקע, האָבן געגעבן באַדייטנדיקע ביישטייערונגען פאַר אינסטיטוציעס, אַנשטאַלטן און פּראָ־יעקטן מכל המינים. איבערהויפּט געניסן דערפון די לערן־אינסטיטוציעס. די מערסטע געביידעס, למשל, פון דעם תל־אביבער אוניווערסיטעט זענען אויפגעבויט געוואָרן אַ דאַנק די ביישטייערונגען פון פּריוואַטע מנדבים און דורך אָרגאַניזאַציעס און קהילות אין פאַרשידענע לענדער, אָבער מערסטנס טאַקע פון אַמעריקע.

וואָס מער די אוניווערסיטעטן וואַקסן, אַלץ שאַרפער ווערט דאָס פּראָבלעם פון געפינען דירות פאַר דער שטייגנדיקער צאָל סטודענטן. צום שאַרפסטן איז דאָס פּראָבלעם אין ירושלים, ווו פון די בערך 16 טויזנט סטודענטן זענען בסך הכל אַרום דריי־פיר טויזנט אָרטיקע איינ־וווינער און די איבעריקע זענען פון אַנדערע טיילן פון לאַנד, אָדער גאָר פון אויסלאַנד. די צאָל אויסלענדישע סטודענטן אין ירושלימער

אוניווערסיטעט איז אַרום 3,000, צוויי־דריטל פון זיי פון אַמעריקע. בסך הכל האָט מען אויף די פיר קעמפּוסן פון דעם העברעאישן אוניווערסיטעט אויפגעבויט וואָסערע 2,400 דירות פאַר סטודענטן, אַזוי אַז בערך אַ העלפט פון די 16 טויזנט סטודענטן מוזן געפינען דירות ביי פּריוואַטע פאַמיליעס, אָדער זיך איינאָרדענען אויף אַנדערע אופנים.

בכלל, קומט איצט פאַר אַ „בום" (אויפשטייג) אויף דעם געביט פון העכערער דערציונג אין ישראל. קורץ נאָך דעם, ווי די מדינה איז געגרינדעט געוואָרן אין 1948, האָט די צאָל אוניווערסיטעט־סטודענטן אין לאַנד באַטראָפן ווייניקער ווי צוויי טויזנט אין די צוויי העכערע לערן־אַנשטאַלטן, וואָס האָבן דעמאָלט פונקציאָנירט, אין העברעאישן אוני־ווערסיטעט און אין חיפהער טעכניאָן. אין 1960 האָט די צאָל סטודענטן שוין געהאַלטן ביי עלף טויזנט. אין 1963 איז די צאָל געשטיגן צו 32 טויזנט, און איצט ציילט מען שוין אַרום 50 טויזנט. די מערסטע אוני־ווערסיטעטן האָבן אָפּטיילונגען אין פאַרשידענע פּונקטן, דער קאָלעדזש אין חיפה, למשל, איז געגרינדעט געוואָרן אַלס צווייג פון דעם ירושלימער אוניווערסיטעט. דער תל־אביבער אוניווערסיטעט האָט אַן אָפּטיילונג אין גן שמואל, און דער בר־אילן אוניווערסיטעט האָט אַן אָפּטיילונג אין אשקלון.

דער אוניווערסיטעט פון באר־שבע, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן מיט אַ פינף יאָר צוריק, איז דערמעגלעכט געוואָרן אַ דאַנק דער קאָאָ־פּעראַציע פון דריי לערן־אינסטיטוציעס: דער העברעאישער אוניווער־סיטעט, דער טעכניאָן און דער וויצמאַן־אינסטיטוט. די שטאָט האָט צוגעשטעלט דאָס פּלאַץ פאַר דעם אוניווערסיטעט אין באר־שבע. מיר האָבן עס געזען און עס איז נישט נאָר אַ היפשער שטח, נאָר עס איז דאָרטן אַנגעצאַנגען אַ פיבערהאַפטע בוי־טעטיקייט בעת מיר זענען דאָרט געווען. דערווייל פונקציאָנירן שוין ביים אוניווערסיטעט די פאַקולטעטן אָדער אָפּטיילונגען פאַר אינזשיניערן, מאַטעמאַטיק, נאַטור־וויסנשאַפט און אַטאָם־וויסנשאַפט. די געביידע פאַר דער אינזשיניערן־שול ווערט שוין געבויט, אָבער די סטודענטן וווינען דערווייל אין געדונגענע קראָמען און שנעל־צעגויפגעקלאַפּטע כאַטקעס פון אַזבעסט.

דער גרעסטער טייל פון די סטודענטן אין נגב־אוניווערסיטעט אין באר־שבע זענען גראָד נישט פון נגב־געביט, נאָר קומען פון פאַרשידענע

טיילן פון לאַנד. אָבער מען האָפט, אַז מיט דעם וווּקס פון דער באַפעל־קערונג אין באר־שבע גופא און אין נגב בכלל, וועלן קומען מער סטודענטן פון דעם דרום־ראַיאָן אין ישראל. אַזוי ווי דער אוניווערסיטעט קאָנצענטרירט זיך אַלץ מער אויף נאַטור־וויסנשאַפט, אינזשינעריע און אַטאָם־פאָרשונג, איז צו דערוואַרטן, אַז פון דאָרטן זאָלן מיט דער צייט אַרויסקומען וויסנשאַפטסלייט און אינזשיניערן, וואָס וועלן קענען זיין כּוח באַדייטנדיקער הילף פאַר דער אַנטוויקלונג פון אינדוסטריעלע אונ־טערנעמונגען אין נגב, כעמישע ווערק אין ערד (אַראַד) און ביים ים המלח.

דער חיפהער אוניווערסיטעט, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן מיט אַ פינף־זעקס יאָר צוריק דורך דעם העברעאישן אוניווערסיטעט בשותפות מיט דער מוניציפּאַליטעט פון חיפה און ווערט אויסגעהאַלטן פון דער מוניציפּאַליטעט, וועט אין 1972 דערגרייכן איר פולשטענדיקע אומאָפּ־הענגיקייט אַלס לערן־אַנשטאַלט. דערווייל קאָנצענטרירט מען זיך אויף אַלגעמיינעם וויסן און סאָציאַלע קענטשאַפטן, אָבער הייגטיקן יאָר ווערט אויך איינגעשטעלט אַ פאַקולטעט פון ביאָלאָגישער וויסנשאַפט. צווישן די פיר טויזנט אָדער מער סטודענטן, וואָס לערנען זיך דאָרטן געפינען זיך אַרום 300 אַראַבער און דרוזן. עס ווערט דערוואַרט, אַז ווען אַלע געביידעס וועלן זיין פאַרענדיקט און דער אוניווערסיטעט אין חיפה וועט זיין אין פולן גאַנג, אומגעפער אין אַ צוויי־דריי יאָר אַרום, וועט דער אוניווערסיטעט קענען אַריינגעמען וואָסערע צען טויזנט סטודענטן. די מערסטע סטודענטן אין דעם חיפהער אוניווערסיטעט קומען פון חיפה גופא און אויך פון גליל און פון עמק, אַפילו אַזוי ווייט, ווי פון בית־שאָן.

דער בר־אילן אוניווערסיטעט אין רמת־גן האָט זיך געשטעלט דעם ציל צו אַנטוויקלען אַ רעליגיעזע אינטעליגענץ. ווי שוין געזאָגט, האָט דער אוניווערסיטעט אַן ערך פינף־זעקס טויזנט סטודענטן, מיט אָפּטיי־לונגען אין אשקלון, צמח און צפת. מער ווי אַ העלפט פון די סטודענטן זענען פרויען. דער קעמפּוס אין רמת־גן באַשטייט פון 21 געביידעס. דאָס אָרט איז אַ מאָל געווען אַ כאַד און בעת דער מלחמה פאַר ישראלס באַ־פרייונג אין 1948 איז דאָרטן פאָרגעקומען אַ ביטערע שלאַכט. אין דער אוניווערסיטעט ווערן געלערנט אַרום 1.400 קענטשאַפטן, פון וועלכע איבער 200 זענען אויף יידישע געביטן. די איבעריקע באַשטייען פון שפּראַכן, נאַטור־וויסנשאַפט, סאָציאַלע וויסנשאַפטן און קרימינאָלאָגיע.

בערך אַ צען פּראָצענט פון די סטודענטן זענען פון אויסלאַנד, ס'רוב פון אַמעריקע.

און צום שלוס איז אינטערעסאַנט אָנצודייטן אויף אַ וויכטיקער דערשיינונג. ווי באַוווּסט, מוז יעדער יוגנטלעכער אין ישראל, איינגע־שלאָסן אויך פרויען, זיך שטעלן צום מיליטער ווען זיי דערגרייכן דעם עלטער פון 18 יאָר. די יונגעלייט דינען 30 חדשים, די מיידלעך — 20 חדשים. דאָס מיינט, אַז זיי מוזן פריער אויסדינען זייער צייט אין מיליטער און ערשט דאַן אַריינטרעטן אין אַן אוניווערסיטעט, אויב זיי ווילן פאַר־זעצן צו לערנען. אין אַמעריקע האָט מען די געלעגנהייט צו לערנען פריער און ערשט דערנאָך גיין דינען.

פיל אַמעריקאַנער באַזוכער אין ישראל וווּנדערן זיך אָפט: וועלכער וועג איז מער געווונטשן? לערנען פריער, ווי אין אַמעריקע, און גאָר אָפט דאַרפן איבערשלאָגן דאָס לערנען און שפּעטער נישט קענען דער־כאַפּן? אָדער איבערקומען דאָס דינען פריער, ווי אין ישראל, און דערנאָך זיך אָפּגעבן מיט דעם לערנען? מיר שיינט, אַז דער ישראל־צוגאַנג איז דער בעסערער און מער לאָגישער, מחמת דער יונגערמאַן אָדער יונגע פרוי קען זיך דאַן בעסער קאָנצענטרירן, איז מער דערוואַקסן גייסטיק, און האָט שוין מער ווייניקער אַ באַשטימטן ציל אָדער אַמביציע אין לעבן. די ישראלדיקע יוגנט ווייסט ס'רוב וווּהין זי צילט, בעת די אַמע־ריקאַנער יוגנטלעכע לערנען אָפּ פיר יאָר אין אַן אוניווערסיטעט און הייבן נישט אָן צו וויסן, צו וואָס זיי צילן.

ק אַ פּ י ט ל 16

די אַראַבער אין ישראל

באַגעגענישן מיט אַראַבער אין מדינת ישראל — די פּרוי אינאַם זואבי פון נצרת און סאַלים דזשובראַן פון חיפה — עטלעכע ציפערן און פאַקטן — נישט געקוקט אויף זייער פאַרשריט, זענען ס׳רוב אַראַבער נאָך אַלץ פיינטלעך צו ישראל

אונדזער באַזוך אין ישראל, אין זומער 1970, איז אויסגעפאַלן אין אַ שווערער און געדריקטער צייט. די לופט האָט געשמעקט מיט מלחמה. ביים סועץ־קאַנאַל זענען פאָרגעקומען טאָג־טעגלעכע שיסערייען און קאַמפן אין דער לופט. ביי די גרענעצן מיט ירדן, סיריע און לבנון זענען כמעט יעדע נאַכט געווען אָנפאַלן פון אַראַבישע טעראָריסטן אויף יידישע ישובים. עס איז זעלטן דורך אַ טאָג עס זאָלן נישט זיין קרבנות.

אין אַזאַ געשפּאַנטער שטימונג איז עס געווען נאַטירלעך, אַז מיר זאָלן אויף יעדן אַראַבער קוקן מיט פאַרדאַכט. דעם אמת געזאָגט, האָבן מיר נישט געהאַט קיין גאָר גרויס חשק זיך צו טרעפן מיט אַראַבער אָדער אַפילו זיך געפינען צו נאָענט צו זיי. אונדזערע באַגעגענישן מיט אַראַבער זענען טאַקע געווען אין אַ באַגרענעצטער מאָס, אָבער די עטלעכע, מיט וועלכע מיר האָבן זיך געטראָפן פערזענלעך, האָבן גראָד איבערגעלאָזן אויף אונדז אַ סימפּאַטישן איינדרוק. מיר באַטאָנען, אַז דאָס באַציט זיך בלויז צו די, מיט וועלכע מיר האָבן געהאַט אַ פערזענ־לעכע און נאָענטע פאַרבינדונג.

ליידער האָבן מיר נישט געהאַט דעם זעלבן געפיל בנוגע די אַראַבער, וואָס מיר האָבן געזען אין פאַרשידענע ערטער איבערן לאַנד, ווי אין בית־לחם נעבן רחלס קבר, אין חברון אין דער געגנט פון דער מערת המכפלה, ווו עס זענען באַערדיקט אונדזערע אבות, אין אברהם אבינוס שטאָט באר שבע, אין דער אַלטער שטאָט אין ירושלים, אין עכו ביי דער אַלטער פעסטונג, און אין אַנדערע ערטער, וואָס מיר האָבן באַזוכט. אין די אַלע פּלעצער האָבן מיר געזען אַראַבער, מענער, פרויען און

קינדער, פּוסט־און־פּאַסאַזשוען, אַרומדרייען זיך איבער די גאַסן, זיצן אויף דער ערד און רויכערן זייערע נאַרגילעס, אָדער נאָכלויפן די טוריסטן, כּדי צו פאַרקויפן עפּעס אַ צאַצקע. עס האָט זיך נישט געמערקט ביי זיי קיין שום געפיל פון מענטשלעכער ווירדע, קיין דראַנג און קיין אַמביציע.

דאַקעגן האָב איך געהאַט דעם געפיל, אַז זיי קוקן אויף אונדז, יידן און טוריסטן, מיט שנאה און פאַראַכטונג. ממילא האָב איך זיך געפילט אומהיימלעך אין די אַראַבישע געגנטן. איך האָב זיך אַפילו נישט געקענט באַפרייען פון דער אומהיימלעכקייט אין דער אַלטער טייל פון ירושלים, די עיר העתיקה, ווו עס איז אַ געמיש פון פעלקער און ווו יידן גייען אַרום פראַנק און פריי אָן שום מורא.

מיין ערשטע נאָענטע באַגעגעניש מיט אַראַבער איז אויסגעפאַלן טאַקע באַלד אין די ערשטע טעג נאָך אונדזער אָנקום קיין ישראל. מיר זענען געווען אין דער גרופּע דעלעגאַטן פון אַמעריקע צו דער 50־יאָריקער יובל־פייערונג פון הסתדרות און אין פאַרלויף פון דריי טעג האָבן מיר געהאַט אַ ריי זיצונגען און קאָנפערענצן מיט הסתדרות־ און ישראל־פירער. די „אַסעמבלי פון אַמעריקאַנער פריינד פון הסתדרות", ווי אונדזער צוזאַמענפאָר האָט אָפיציעל געהייסן, האָט זיך פאַרטיילט אין פיר הויפּט שטודיר־גרופּעס, יעדע פון זיי געווידמעט צו אַן אַנדער פּראָבלעם. מיר איז צוגעטיילט געוואָרן דער כבוד צו זיין פאָרזיצער ביי אַ זיצונג, וואָס איז געווען געווידמעט צום ענין: „דער אַראַבישער ישוב אין ישראל".

צווישן די מיר רעדנער אויפן פּראָגראַם, האָבן איך געהאַט צוויי ישראלים,ביידע עקספּערטן אין אַראַבישע ענינים, און צוויי אַראַבער: איינער, פאַיז דזשאַבער, אַ מיטגליד פון דעם אַרבעטער ראַט אין מזרח־טייל פון ירושלים; די צווייטע, מרס. אינאַם זואַבי, וועמענס מאַן איז אַ מאָל געווען דער מעיאָר פון נצרת און איז היינט איינער פון די אַראַ־בישע מיטגלידער פון דער כנסת און איז אַפילו געהילף „ספּיקער" (פאָר־זיצער) פון דער כנסת. עס איז אויסגעקומען אַזוי, אַז ביים פּרעזידיום־טיש איז פאַיז דזשאַבער געזעסן נעבן מיר צו רעכטס און מרס. אינאַם זואַבי איז געזעסן באַלד נעבן אים. מען האָט אונדז פאָרגעשטעלט פאַר דעם אָנהייב פון דער זיצונג און מיר האָבן געהאַט די געלעגנהייט צו כאַפּן אַ קורצן שמועס.

דזשאַבער איז געקומען מיט זײַנעם אַ יידישן חבר, שלמה שושני, און ביידע האָבן געשילדערט די אַרבעט פון דעם אַרבעטער־ראַט אין מזרח־ירושלים, די שנאה און פאַרדאַכט, וואָס האָט געהערשט אין די ערשטע טעג נאָך דער זעקס־טאָגיקער מלחמה צווישן די יידן און אַראַ־



משה פרענק פירט אָן דעם פאָרזיץ ביי אַ סעסיע פון דעם הסתדרות־צוזאַמענפאָר אין הרצליה. די סעסיע איז געווען געווידמעט צו דער טעמע: „דער אַראַבישער ישוב אין ישראל”. לינקס זיצן צוויי אַראַבישע רעדנער: פרוי אינאַם זואבי פון נצרת און פאיז דזשאַבער פון מזרח ירושלים. צו רעכטס זיצט טאָמאַס פלאַוועל, אַ קריסטלעכער אַרבעטער־פירער פון אַמעריקע, וויצע־פאָרזיצער פון דער סעסיע.

בער, די שווערקייטן איינצושטעלן דעם ראַט, און דעם פּאַרשריט ביז היינט און די פריינדשאַפטלעכע באַציונגען, וואָס הערשן איצט. דזשאַבער האָט בסך הכל גערעדט אַ צען מינוט, אָבער ער האָט גערעדט אויפ־ריכטיק און מיט אַ געפיל פון שטאָלץ אויף די דערגרייכונגען און מיט גרויס האָפענונג וועגן דער צוקונפטיקער צוזאַמענאַרבעט צווישן די צוויי גרופּעס.

אַ גאַר שטאַרקן רושם האָט געמאַכט מרס. זואבי מיט איר רעדע, וואָס האָט אָנגעהאַלטן בערך אַ שעה צייט. זי האָט גערעדט אַ גוטן ענגליש, הגם מיט אַן אַקצענט. זי איז די מוטער פון זעקס קינדער און האָט מיט זיך מיטגעבראַכט דריי טעכטער, אין עלטער פון אַ יאָר 14 ביז 18. איך האָב די דריי מיידלעך אָוועקגעזעצט אין דער סאַמע ערשטער ריי, אַלס אַ מין ערן־אָרט, זיי זאָלן קענען זען און הערן די מוטער, און דאָס איז דער מוטער זייער געפעלן. נישט געקוקט, וואָס איר מאַן פאַרנעמט אַ וויכ־טיקע פּאָזיציע און שפּילט אַ גרויסע ראָל, איז מרס. זואַבי אַליין אַ פּער־זענלעכקייט. זי איז אַ זייער סימפּאַטישע פרוי, אַ העכסט איגטעליגענטע און אַ גוטע רעדנערין.

דורך דער גאַנצע שעה, וואָס זי האָט גערעדט, האָט זי געהאַלטן דעם עולם געשפּאַנט, און שפּעטער, בעת דער דיסקוסיע, זענען די מערסטע פראַגן געשטעלט געוואָרן צו איר. לאָמיר אויך צוגעבן, אַז זי איז אַ גע־שולטע לערערין. זי איז אויך די פאָרזיצערין פון דעם אַראַבישן פרויען קלוב אין נצרת, ווו זי שפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין מאָדערניזירן די אַראַבישע פרוי. זי האָט מיר דערציילט, אַז זי איז שוין עטלעכע מאָל געשיקט געוואָרן פון דער הסתדרות אַלס שליחה קיין אַמעריקע, ענגלאַנד און אין די סקאַנדינאַווישע לענדער, ווו זי איז אויפגעטראָטן מיט פאָר־טראַגן וועגן דעם אַראַבישן לעבן אין ישראל, און די פרייהייט און מעג־לעכקייטן, וואָס אַראַבער באַזיצן אין דער יידישער מדינה. אין אייניקע פאַלן, האָט זי געזאָגט, האָבן אַראַבישע פרויען און סטודענטן פון אַנדערע לענדער פרובירט איר באַקעמפן און פאַרשרייען אַלס אַ פאַררעטערין, אָבער איר ענטפער איז געווען, אַז זי און איר משפחה לעבן אין ישראל און געניסן פון אַלע פרייהייטן, בעת די, וואָס ווילן איר פאַרשרייען הייבן נישט אָן צו וויסן דעם אמת וועגן ישראל און די באַציונג צו דער אַראַ־בישער באַפעלקערונג.

איר רעדע איז געווען אין גאַנצן געווידמעט צו דער טעמע: „די אַראַ־

בישע פרוי אין ישראל", און זי האָט אויף אַ זייער טרעפלעכן אופן געשילדערט דאָס לעבן פון דער אַראַבישער פרוי, די צוריקגעשטאַנענקייט, די סיבות דערפון, און די שוועריקייטן זיי אַרויסצוברענגען פון דער צוריקגעשטאַנענקייט. אָבער פאַרשריט ווערט דאָך געמאַכט און זי איז געווען האָפענונגפול בנוגע דער צוקונפט. די הויפּט־זאַך, האָט זי געהאַלטן אין איין ווידערהאָלן, איז עס זאָל הערשן שלום צווישן ישראל און די אַראַבער און אונטער שלום־באַדינגונגען וועט מעגלעך זיין צו ברענגען צו אַ צוזאַמענאַרבעט אויף אַלע געביטן און דערגרייכונגען לטובת ביידע צדדים.

עפּעס ענלעכס איז מיר אויך אויסגעקומען צו הערן פון אַן אַראַבער אין חיפה, וואָס איז, אגב, געווען דאָס איינציקע אָרט, ווו איך האָב געהאָט דעם איינדרוק, אַז די אַראַבער זענען מער פריינדלעך. צווישן דעם פערטל מיליאָן איינוווינער פון חיפה, זענען פאַראַן בערך צען טויזנט אַראַבער. דער פאַרשטאַרבענער מעיאָר, אבא חושי, האָט זיך אַלע יאָרן, וואָס ער האָט אָנגעפירט מיט דער מוניציפּאַליטעט פון חיפה, באַמיט צו דערנענ־טערן די אַראַבער און איינשטעלן די בעסטע באַציאונגען מיט זיי — און דאָס רופט זיך אָפּ ביז הייַנטיקן טאָג אין חיפה. איינער פון אבא חושיס נאָענטסטע פריינד איז געווען דער קריסטלעכער אַראַבער, סאַלים דזשובראַן, וואָס שפּילט נאָך הייַנט אַן אָנגעזעענע ראָל אין חיפה.

איך האָב זיך געטראָפן מיט סאַלים דזשובראַן ביי אַן אָוונט, וואָס איז אַראַנזשירט געוואָרן פאַר אונדזער דעלעגאַציע פון דער הסתדרות בעת אונדזער באַזוך אין חיפה. אין דעם פּראַכטפול־שיינעם הויז פון חיפהער אַרבעטער־ראַט „בית עשת", איז פאַר אונדז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ פיינער מאָלצייט, אַ פּראָגראַם פון פאָלקס־טענץ פון אַ גרופּע יוגנטלעכע, און עטלעכע קורצע באַגריסונגען. צווישן די באַגריסער איז אויך געווען סאַלים דזשובראַן, וואָס האָט גערעדט וועגן שלום און ישראל־אַראַבישער צוזאַמענאַרבעט.

שפּעטער האָב איך אויך געהאַט מיט אים אַ קורצן שמועס. דזשובראַן איז אַ הויך־אינטעליגענטער מענטש אין די זעכציקער יאָרן. הייַנט־וועלטיק געקליידט. ער איז אַ געוועזענער לערער, איז פיל יאָרן אַקטיוו אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, און איז דירעקטאָר פון דעם אַראַבישן דעפּאַרטאַמענט ביים חיפהער אַרבעטער־ראַט. ער קעמפט צו דערגרייכן גלייכבאַרעכטיקונג און פולע מיטגלידערשאַפט פאַר ישראל־אַראַבער אין דער אַרבעטער־

פּאַרטיי, אַזוי גוט, ווי עס איז דערגרייכט געוואָרן פאַר אַראַבישער מיטגלידערשאַפט אין דער הסתדרות. ער פּריידיקט כסדר פאַרשטענדעניש און קאָאָפּעראַציע צווישן יידן און אַראַבער און איז דער פאַרזיצער פון דער אַראַביש־יידישער געזעלשאַפט וועגן ברידערלעכקייט און שלום, וואָס האָט געשפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָל אין באַוועגן פיל אַראַבער צו פאַר־בלייבן לאָיאַל צו מדינת ישראל בעת דער זעקס־טאָגיקער מלחמה.

דזשובראַן רעדט מיט גרויס שטאָלץ וועגן די דערגרייכונגען אין חיפה און אומגעגנט אויף דעם געביט פון אַראַביש־יידישער פריינדשאַפט. ער ווייזט אָן אויף די סקולס, קלובן און קולטורעלע צענטערן, וווּ יידישע און אַראַבישע יוגנט פאַרברענגען צוזאַמען און לערנען צוזאַמען. איבער־הויפּט איז ער שטאָלץ מיט דעם „בית הגפן", וואָס איז אַ פּראַקטפולער קולטור־ און יוגנט־צענטער, ווו אַרום 2.400 יידישע און אַראַבישע מיט־גלידער, ס'רוב טאָקע יוגנט, באַזוכן פאַרשידענע קלאַסן צוזאַמען, הערן לעקציעס, שטודירן מוזיק, טאַנצן, פירן אויף פאַרשטעלונגען אין העברעאיש און אַראַביש, באַטייליקן זיך אין ספּאָרט־אַקטיוויטעטן, פאַרווילונגען, וכדומה. דער צענטער באַשטייט אייגנטלעך פון דריי געביידעס, וואָס זענען כסדר פול מיט אַקטיוויטעט. אגב, איז אין איינער פון די דריי געביידעס אין 1920 פאָרגעקומען די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג פון דער הסתדרות.

נישט געקוקט אויף די אַלע האָפענונגען און שיינע רייד, האָב איך אָבער דעם איינדרוק, אַז מעגטשן, ווי סאַלים דזשובראַן און מרס. איגאַם זואַבי, זענען אין אַ גאָר קליינער מינדערהייט אין ישראל. דער רוב מנין ובנין פון דער אַראַבישער באַפעלקערונג אין דער יידישער מדינה איז ווייט פון זיין הריינדלעך צו ישראל, כאָטש מען האַלט איצט אין איין פאַרזיכערן, אַז די ישראל־אַראַבער זענען אין אַ פיל בעסערער לאַגע, עקאָנאָמיש און אַפילו פּאָליטיש, ווי זייערע ברידער אין די שכנותדיקע אַראַבישע לענדער. די מערסטע אַראַבער ווילן נישט האָבן איבער זיך די ישראל־אויבערהערשאַפט און זיי קוקן אויף די ישראלים, ווי אויף פאַרכאַפּער פון זייער טעריטאָריע. אָט די באַציונג איז איבערהויפּט זייער שטאַרק אין אַזעלכע ערטער, ווי מזרח־ירושלים, וואָס איז היינט אַ טייל פון ירושלים השלימה, אין בית־לחם — הברון געביט, אין עזה ראַיאָן און אין אַנדערע ערטער, וואָס ישראל האָט צו האַלטן נאָך דעם, ווי עס וועט דערגרייכט ווערן שלום.

בײַם סוף פֿון יאָר 1970, האָט די אַלגעמײנע באַפֿעלקערונג פֿון ישׂראל באַטראָפֿן פּונקט דרײַ מיליאָן, פֿון זײ: 2.600.000 ייִדן און איבער 400.000 נישט־ייִדן. די נישט־ייִדן זענען פֿאַרטײלט אַזױ: 73 און אַ האַלב פּראָצענט מוסולמענישע אַראַבער (אַרום 300.000), 18 פּראָצענט קריסטלעכע אַראַבער (אַרום 75 טױזנט), און אַכט און האַלב פּראָצענט דרוזן (אומגעפֿער 40 טױזנט). פֿאַרשטײט זיך, אַז מיר נעמען דאָ נישט אַרײַן אין חשבון דעם קנאַפּן מיליאָן אײַנװױנער אין די באַפֿרײַטע שטחים (מערב־ברעג, עזה גולן, א.אַ.װ.), מחמת זײער סטאַטוס איז נאָך נישט באַשטימט געװאָרן.

װען ס'איז געגרינדעט געװאָרן מדינת ישׂראל, אין 1948, האָט די נישט־ייִדישע באַפֿעלקערונג דעמאָלט באַטראָפֿן אַרום 160 טױזנט. זינט דעמאָלט, האָט די נישט־ייִדישע באַפֿעלקערונג זיך פֿאַרגרעסערט אױף מער װי צװײ און אַ האַלב מאָל אַזױ פֿיל, צוליב עטלעכע פֿאַקטאָרן. די ישׂראל־רעגירונג האָט אַרײַנגעלאָזט אַרום 40 טױזנט אַראַבער, געװעזענע פּליטים, כּדי צוריק צו פֿאַראײניקן משפּחות. מיט דער באַפֿרײַאונג פֿון דער אַלטשטאָט אין ירושלים און זײער אײַנגלידערונג אין דער ישׂראל־באַפֿעלקערונג, זענען צוגעקומען נאָך 66 טױזנט אַראַבער. די איבעריקע, אַן ערך 150 טױזנט, איז צו פֿאַרדאַנקען דער גרױסער צאָל געבורטן און די שטאַרק פֿאַרקלענערטע שטערבלעכקײט צװישן אַראַבער, װאָס אין דעם האָט שױן ישׂראל אַ חלק צוליב איר געזונט־פֿאַרזאָרגונג און הילף, װאָס די רעגירונג גיט די אַראַבער. אגב, איז אױך אינטערעסאַנט, אַז ס'איז כּמעט נישטאָ קײן אַראַבישע אױסװאַנדערונג פֿון ישׂראל. נישט געקוקט אױף זײער אומצופֿרידנקײט מיט דעם רעזשים, רירן זײ זיך נישט פֿון זײערע ערטער.

דער פֿאַקט איז, אַז פֿאַר די ישׂראל־אַראַבער זענען הײַנט כּמעט נישטאָ קײן באַגרענעצונגען. זײ מעגן אַרבעטן, װױנען אַדער פֿאָרן װוּהין זײ װילן, פּונקט װי אַלע אַנדערע בירגער פֿון לאַנד. אַראַבישע יונגעלײַט װערן נישט גענומען אין מיליטער צוליב פֿאַרשטענדלעכע סיבות, אָבער די דרוזן, װאָס זענען לאָיאַל צו ישׂראל, דינען יאָ אין מיליטער. בעת דער זעקס־טאָגיקער מלחמה זענען די אַראַבער אין ישׂראל פֿאַרבליבן שטיל און אײניקע האָבן אַפֿילו געגעבן בלוט און געאַרבעט אין די קיבוצים אױפֿן אָרט פֿון ייִדישע יונגעלײַט, װאָס זענען אַװעק אין דער מלחמה.

די הסתּדרות האָט זינט דער מלחמה פֿאַרגרעסערט אירע באַמיאונגען צו אָרגאַניזירן די אַראַבער און זײ פֿאַרװאַנדלען אין אַ פּאָזיציע טײל פֿון

דער ישראל־געזעלשאַפט. היינט צו טאָג פירט אָן די הסתדרות מיט אירע טעטיקייטן אין 95 פון די 155 אַראַבישע און דרוזישע דערפער און שטעט. די הסתדרות ציילט איצט 50 טויזנט מענער און פרויען, אַראַבער און דרוזן, אַלס מיטגלידער און 6.500 אַראַבישע יינגלעך און מיידלעך געהערן צו דער אַרבעטער־ און שטודירנדיקער יוגנט (נוער עובד ולומד). נאָך מער, 130 טויזנט אַראַבער און דרוזן געהערן צום קופת חולים, כמעט אַ דריטל פון דער נישט־יידישער באַפעלקערונג. פיליכט אין דער ריכ־טונג ליגט די האָפענונג אויף פאַרשטענדעניש און אַ פרידלעך צוזאַמענ־לעבן, אָבער דער פראָצעס שיינט מיר צו זיין אַ לאַנגער און דויערנדיקער.

קאַפּיטל 17

די הסתדרות און אירע פראָבלעמען

דער הסתדרות-צוזאַמענפאָר אין ישראל — דער וווקס און פאַרנעם פון הסתדרות, וואָס גרייכט 62 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג — די פּראָב־לעמען, מיט וועלכע די פירערשאַפט ראַנגלט זיך. — דער כוח און איינפלוס פון דער הסתדרות.

מיר זענען געפאָרן קיין ישראל אַלס מיטגלידער פון אַ היפשער דעלעגאַציע פון אַמעריקע צו אַ צוזאַמענפאָר, וואָס איז פאַררופן געוואָרן צו פייערן דעם 50־יאָריקן יובל פון דער הסתדרות. באַך דעם, ווי מיר זענען אַ ריי יאָרן טעטיק אין אַמעריקע לטובת דער הסתדרות, האָבן מיר געוואָלט פערזענלעך זען די ריזיקע אַרבעטער־קערפערשאַפט, לערנען אירע איצטיקע פראָבלעמען, און טאַקע אויסגעפינען, ווי אַזוי מיר קענען ווייטער באַהילפיק זיין דער הסתדרות און דער מדינה בכלל, דורך אונדזער טעטיקייט אין אַמעריקע.

דער צוזאַמענפאָר האָט געדויערט דריי טעג, און דורך דער צייט האָבן מיר טאַקע געהאַט די געלעגנהייט זיך צו באַקענען, נישט נאָר מיט די פירער פון דער מדינה און פון דער הסתדרות, נאָר אויך מיט די

משה פרענק און זיין פרוי בעת אַ באַזוך אין ועד הפועל. אין צענטער — דער קאַסיר פון הסתדרות יהושע לוי.

פאַרשידענע אינערלעכע פּראָבלעמען, מיט וועלכע די הסתדרות ראַנגלט זיך איצט און וועמענס לייזונג זענען אין אַ היפּשער מאָס אָפּהענגיק אויף דער ווייטערדיקער עקאָנאָמישער און סאָציאַלער אַנטוויקלונג פון דער מדינה גופא. חוץ די פירער פון דער ישראל־רעגירונג, זענען ביי אונדזער צוזאַמענפאַר אַרויסגעטראָטן מיט רעדעס די הויפּט־פירער פון דער הסתד־רות, איינשליסנדיק דעם גענעראַל־סעקרעטאַר, יצחק בן־אהרן, דער קאָ־טירער יהושע לוי, דער אַרבעטס־מיניסטער יוסף אלמוגי, ד״ר חיים דורון, דירעקטאָר פון קופּת חולים, ישעיה אברך, הויפּט פון דער אָפּטיילונג פון העכערער דערציונג ביי דער הסתדרות, זאב הארינג, מיטגליד פון ועד הפועל און אַ וויכטיקער פירער, און אַ צאָל אַנדערע.

יעדער פון זיי האָט געהאַט וואָס צו זאָגן בנוגע דעם געביט, אויף וועלכן ער ספּעציאַליזירט זיך, און פון אַלעמענס רייד האָט זיך געשאַפן דאָס גאַנצע בילד וועגן דער הסתדרות אין ישראל, אירע טעטיקייטן, אירע פּראָבלעמען, און איר אַלגעמיינע ראָל אין דער מדינה. מיר האָבן אויסגעהערט רעפעראַטן און געהאַט דיסקוסיעס וועגן די סאָציאַלע באַדי־נונגען, וואָס די הסתדרות שטעלט צו פאַר אירע מיטגלידער, ווי מעדי־ציניש באַדינונג, סאָציאַלן ווילזיין, סאָציאַלע פאַרזיכערונג (אָדער ווי מיר רופן עס אין אַמעריקע, „סאָשעל סעקיוריטי״), אָדער וועגן דערציונג פאַר יוגנט און דערוואַקסענע, פאַך־אויסשולונג, עקאָנאָמישע פּראָבלעמען, די הסתדרות־טעטיקייט אין בויען שיכונים, טעטיקייטן אויף דעם איב־טערנאַציאָנאַלן געביט, און נאָך, און נאָך.

חוץ די פּלענאַרע זיצונגען און די שטודיר־גרופּעס, זענען אויך פאָרגעקומען אַ צאָל פּריוואַטע זיצונגען צווישן די הויפּט־פירער פון דער הסתדרות אין אַמעריקע (וועמענס אָפיציעלער נאָמען איז „נאַציאָ־נאַלער קאָמיטעט פאַרן אַרבעטנדיקן ישראל״) מיט די הסתדרות־פירער אין ישראל, כדי צו פּלאַנירן די ווייטערדיקע טעטיקייטן אין אַמעריקע. ביי די זיצונגען זענען פאָרמולירט געוואָרן אַ ריי פּלענער פון אַרבעט, וואָס וועלן נאָך מער דערנענטערן די הסתדרות־אַקטיוויטעטן אין אַמע־ריקע און ישראל. אַ היפּשן דאַנק פאַר דעם דערפאָלג פון דעם צוזאַמענפאָר אַלס אַ גאַנצן קומט די אַמעריקאַנער הסתדרות־פירער, ד״ר לעאָן קייזער־לינג, פּרעזידענט פון נאַציאָנאַלן קאָמיטעט; ד״ר שלמה שטיין, עקזעקוטיוו־דירעקטאָר; ישראל סטאָלאַרסקי, קאָ־דירעקטאָר; וויליאַם סילק, פּרעזידענט

פון הסתדרות פונדאַציע; סאָל טשייקין, פּאַרזיצער פון אַמעריקאַנער טרייד יוניאָן קאָונסיל פאַר דער הסתדרות, און אַנדערע וויכטיקע טוער.

דורך די דריי טעג פון דעם צוזאַמענפאָר, איז כסדר אונטערגעשטראָכן געוואָרן מצד די פירער פון ישראל און פון דער הסתדרות די פּיאָנערן־ראָל, וואָס די פריינד פון דער הסתדרות האָבן געשפּילט אין אַמעריקע במשך פון כמעט אַ האַלבן יאָרהונדערט אין דעם אויפבוי פון ישראל. עס איז אָנגעוויזן געוואָרן אויף זייער הילף צום ישוב, ווען ער איז נאָך געווען זייער קליין, און צו דער הסתדרות אין ישראל, וואָס איז אויסגעוואָקסן צו איר איצטיקן פאַרנעם. היינט זענען די אַמעריקאַנער פריינד נאָך אַלץ געטריי און אַרבעטן אויס נייע פּלענער פון הילף, סיי עקאָנאָמיש און סיי פּאָליטיש, אַ דאַנק זייערע גוטע פאַרבינדונגען מיט דער אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג.

איידער מיר באַטראַכטן אייניקע פון די פּראָבלעמען, מיט וועלכע די הסתדרות ראַנגלט זיך איצט, לאָמיר פריער אָנווייזן אויף דעם אַלגעמיינעם וווּקס און פאַרנעם פון דער אַרבעטער־קערפּערשאַפט אין ישראל. די הסתדרות איז געגרינדעט געוואָרן אין חנוכה פון יאָר 1920, ביי אַ פאַר־זאַמלונג אין חיפה פון 87 דעלעגאַטן פון פאַרשידענע טיילן פון לאַנד. די 87 דעלעגאַטן האָבן דעמאָלט פאַרטראָטן אַרום 4,300 יידישע אַרבעטער, וואָס האָבן זיך יענעם ערשטן יאָר אָנגעשלאָסן אין דער הסתדרות. עס איז נישט מיין אויפגאַבע דאָ צו שרייבן די געשיכטע פון דער הסתדרות. איך וויל נאָר אָנווייזן, ווי גרויס די קערפּערשאַפט איז אויסגעוואָקסן זינט דעמאָלט — היינט פאַרמאָגט זי שוין ווייט אַריבער אַ מיליאָן מיטגלידער.

נאַטירלעך, איז קלאָר, אַז דער וווּקס פון דער הסתדרות איז אין אַ גרויסער מאָס אַן אָפּשפּיגלונג פון דעם וווּקס פון מדינת ישראל אין די לעצטע 22 יאָר. צו דער זעלבער צייט דאַרף אָבער אויך נישט פאַרזען ווערן דער פאַקט, אַז די הסתדרות האָט אַ גאָר גרויסן חלק אין דער אַנטוויקלונג פון דער מדינה אויף כמעט אַלע געביטן, איבערהויפּט עקאָ־נאָמיש, געזעלשאַפטלעך, און קולטורעל. איינס האָט געהאָלפן דאָס אַנדערע און איינער איז אַ וויכטיקער טייל פון דעם אַנדערן. איך קען זיך נישט פאָרשטעלן די עטאַבלירונג און די אַנטוויקלונג פון דער מדינה אָן דער הסתדרות, פּונקט ווי עס וואָלט נישט מעגלעך געווען דער וווּקס פון דער הסתדרות אָן דער מדינה.

זאָל אויך באַטאָנט ווערן, אַז די הסתדרות איז נישט בלויז אַ יוניאָן אָדער אַן אָרגאַניזאַציע פון יידישע אַרבעטער, זי איז פיל מער ווי דאָס. זי פאַרמאָגט אַ גאַנצע רייווירטשאַפטלעכע אונטערנעמונגען און אינדוסטריעלע קערפּערשאַפטן, וואָס צונויפֿשטעלן זיי מיט זיך פאַר אַ גאַנץ גרויסן טייל פון דער ווירטשאַפט פון לאַנד. חוץ איר ראָל אין העלפן אין דעם אויפבוי און אַנטוויקלונג פון דער מדינה, האָט די הסתדרות היפּשע פאַרדינסטן אין באַשיצן די אינטערעסן פון די אַרבעטער און העלפן הייבן דעם לעבנס־סטאַנדאַרט. זי פאַרנעמט אויך אַ גאָר וויכטיקע פּאָזיציע אין באַקעמפן די אָרעמקייט, וואָס עקזיסטירט אין דער מדינה און אין אָפּשאַפן דעם עקאָנאָמישן און סאָציאַלן תהום, וואָס ליגט צווישן די פאַרשידענע שיכטן פון דער באַפעלקערונג.

ווען מען רעכנט אַריין די פאַמיליעס פון די איבער אַ מיליאָן מיטגלידער, דאַן שליסט איין די הסתדרות בערך 62 פּראָצענט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג פון דער מדינה. מיטגלידערשאַפט איז אָפן פאַר אַלע אַרבעטער, אָפּגעזען פון זייער ראַסע, גלויבן, אָדער געשלעכט. זעען מיר טאַקע, אַז אין דער הסתדרות געפינען זיך אַרום 60 טויזנט אַראַבער און דרוזן און זיי באַזיצן די זעלבע רעכט און פּריווילעגיעס, ווי אַלע אַנדערע מיטגלידער. אַ ספּעציעלער אַראַבישער דעפּאַרטאַמענט ביי דער הסתדרות פאַרנעמט זיך מיט די ספּעציפישע פּראָבלעמען פון די אַראַבישע מיטגלידער.

די הסתדרות מיטגלידערשאַפט ווערט פאַרטיילט לויט די פאַרשידענע געביטן אזוי: אין דער לאַנד־ווירטשאַפט (אַגריקולטור) — 15,6 פּראָצענט; אינדוסטריע און מלאכות — 20,7 פּראָצענט; הייזער־בוי און עפנטלעכע אַרבעטן — 15 פּראָצענט; טראַנספּאָרטאַציע און קאָמוניקאַציע — 5,9 פּראָצענט; פּראָפעסיאָנעלע, טעכנישע און ביוראָ־אָנגעשטעלטע — 25,2 פּראָצענט; פאַרשידענע באַדינונגען, פּענסיאָנירטע און אַזעלכע וואָס לערנען זיך נאָכן — 17,6 פּראָצענט.

פּאָליטיש איז די הסתדרות נישט פאַרבונדן מיט קיין פּאַרטיי, נאָר פאַרשידענע פּאָליטישע מיינונגען קומען צום אויסדרוק דורך דער מיטגלידערשאַפט. יעדע פיר יאָר קומען פאָר וואַלן, לויט דער פּראָפּאָרציאָנעלער פּאַרטיי־סיסטעם און די צאָל פּלעצער ווערן דאַן באַשטימט לויט דער פּראָפּאָרציע פון שטימען. ביי די לעצטע וואַלן, אין 1969, זענען די רעזולטאַטן געווען פּאָלגנדיקע: דער מערך (פאַראייניקטע אַרבעטער־

פאַרטיי) — 62.11 פּראָצענט; גח״ל — 16.85 פּראָצענט; ליבעראַלן — 5.69; שטאַטס־פּאַרטיי (געוועזענע רפ״י) — 3.85; רעליגיעזע אַרבעטער — 3.06; צוויי קאָמוניסטישע פּאַרטייען (צוזאַמען) — 4.04; און פיר קליינע פּאַרטייען (צוזאַמען) — 4.40 פּראָצענט.

עס איז בכלל נישט מעגלעך אין אַ קורצער אָפּשאַצונג צו קענען געבן אַ פולשטענדיק בילד פון דער הסתדרות אין אַלע הינזיכטן. איך וויל זיך דאָ אָפּשטעלן אַ ביסל וועגן די פּראָבלעמען, מיט וועלכע די הסתדרות שטייט איצט פּנים אל פּנים. אונדזער באַזוך אין ישראל איז אויסגעפאַלן אין אַ שווערער צייט, שווער נישט בלויז פאַר דער מדינה אַליין צוליב דער פּאָליטיש־מיליטערישער לאַגע, נאָר שווער אויך פאַר דער הסתדרות.

די עטאַבלירונג פון מדינת ישראל האָט אָפּגערוקט די הסתדרות פון דעם פאָדערגרונט צו אַ ווייניקער דאָמינירנדיקער פּאָזיציע, ווי זי האָט פאַרנומען פאַר דער אַנטשטייאונג פון דער מדינה. די רעגירונג איז איצט דער דאָמינירנדיקער פאַקטאָר אין דעם ישראל־לעבן — און אַזוי דאַרף עס זיין. קיינער פרעגט עס נישט אָפּ. אָבער ביז היינטיקן טאָג זענען געבליבן אומפאַרענטפערט אַ צאָל וויכטיקע פראַגן, ווי די באַציאונגען צווישן דער רעגירונג און דער הסתדרות, די ראָל פון דער הסתדרות אין דער ישראל־אינדוסטריע, דאָס אָרט פון הסתדרות אין דער ישראל־עקאָנאָמיע.

חוץ דעם, זענען פאָרגעקומען אַ ריי באַדייטנדיקע אינערלעכע ענדערונגען אין דער הסתדרות במשך פון די לעצטע צוויי צענדליק יאָרן. אַזוי, למשל, זענען שטאַרק אויסגעוואַקסן אייגיקע יוניאָנס, וואָס ווייזן אַרויס אַ היפּשע מאָס זעלבסטשטענדיקייט און ווילן זיך נישט אין גאַנצן אונטערוואַרפן דער דיסציפּלין פון דער הסתדרות. געגנוג אָנצווייזן אויף די פּאַרט־אַרבעטער און די נוירסעס (קראַנקן־שוועסטער). בעת מיר זענען געווען דאָרטן, איז אָנגעגאַנגען אַ שטרייק פון די נוירסעס, וועלכן די הסתדרות האָט נישט געקענט שליכטן און די רעגירונג האָט זיך געמוזט אַריינמישן און לייזן דעם סכסוך.

די הסתדרות האָט טאַקע גוואַלדיקע דערגרייכונגען אין פאַרלויף פון לעצטן האַלבן יאָרהונדערט, און נאָך ביז היינט דינט זי אַלס ביישפּיל פאַר אַ סך לענדער, איבערהויפּט די נישט־אַנטוויקלטע, וואָס זוכן צו לערנען פון אירע דערפאַרונגען אויף די געביטן פון אַגריקולטורעלן פאַר־

שריט, טרייד־יוניאָניזם, קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג, קיבוצים, א.אַ.וו. דאָך ראַנגלט זיך די הסתדרות פּירערשאַפט מיט שווערע פּראָבלעמען, הגם עס איז קלאָר, אַז איר צוקונפט איז נאָענט פאַרבונדן מיט דער מדינה און אַז די באַשלוסן פון דער הסתדרות און די וועגן, אויף וועלכע זי וועט זיך פאַרנעמען אין דער צוקונפט, וועלן בלי־ספק אויך אָנרירן די מדינה.

דער איינפלוס און דער כוח פון דער הסתדרות איז נאָך אַלץ געוואַלדיק גרויס אין ישראל און זי וועט נאָך פיל יאָרן אויסדריקן איר חותם אויפן לאַנד און אויף דער באַפעלקערונג. זי איז נאָך אַלץ דער הויפּט־פאַקטאָר פון דער ישראל־ווירטשאַפט און איר מיטגלידערשאַפט האַלט נאָך אין וואַקסן. זייער ריכטיק האָט באַמערקט אין זיין רעדע יצחק בן־אהרן, דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער הסתדרות, ווען ער האָט באַטאָנט ביי אונדזער צוזאַמענפאָר, אַז די הסתדרות איז נישט בלויז אַן אַרבעטער־קערפּערשאַפט, נאָר אַ שטייגער פון לעבן, דער רוקנביין פון דער ישראל־געזעלשאַפט און ווירטשאַפט, דער כוח, וואָס בויט דאָס לאַנד און פאָלק, און וואָס קעמפט נישט בלויז פאַר אַ העכערונג אין שכירות, נאָר פאַר אַ בעסער לעבן פאַר אַלעמען.

אין זיין פירנדיקער ראָל, באַמיט זיך בן־אהרן צוריק אויפבויען און אויסברייטערן דעם איינפלוס פון דער הסתדרות און איר אַוועקשטעלן אין דעם פאָדערגרונט פון דעם ישראל־לעבן. ער זוכט צו געפינען אַן ענטפער צו די פריער־דערמאָנטע פראַגן, איבערהויפּט פעסטשטעלן די ראָל פון דער הסתדרות לגבי דער רעגירונג און פאַרקערט. ער האָט דערמאָנט, אַז געוויסע כוחות זוכן צו צעברעכן די הסתדרות אָדער צו פאַרמינערן איר ראָל און איר איינפלוס, אָבער ער האָט פאַרזיכערט, אַז דאָס וועט זיך נישט איינגעבן. ער האָט אויך גערעדט וועגן אַריינברענגען נייע מעטאָדן און צופּאַסן די הסתדרות צו נייע אומשטענדן און נייע אַנטוויקלונגען פון דער צייט, און אויך וועגן נייע פּלענער צו פאַרטיילן די פּראָפיטן פון דער אַרבעטער־קערפּערשאַפט צווישן אירע מיטגלידער, און וועגן דעם יונגן דור, וואָס קומט אויף און גרייט זיך איבערנעמען די פירערשאַפט.

בקיצור, אין דעם קומענדיקן יאָרצענדליק איז נישט שווער פאַראויסצוזען אַ צאָל נייע און גרויסע ענדערונגען אין דער הסתדרות, אין איר סטרוקטור, אין איר פירערשאַפט, און מעגלעך אויך אין איר אידעאָלאָגיע. די איצטיקע פירערשאַפט איז רעאַליסטיש בנוגע די פּראָבלעמען

און זוכט וועגן ווי זיי צו לייזן. מיר זענען אַוועקגעפאָרן פון ישראל מיט דער איבערצייגונג, אַז די גרויסע ישראלדיקע אַרבעטער־קערפּערשאַפט ליגט אין גוטע הענט, און אַז נישט געקוקט אויף אַלע שווערע פּראָבלעמען, איז די הסתדרות אַ גוואַלדיקער כוח אין לאַנד און וועט נאָך לאַנג פאַרבלייבן אַ כוח אין דער צוקונפט. איר שטייט פאַר אַ גלאָררייכע צו־קונפט אין די קומענדיקע 50 יאָר, נישט ווייניקער, ווי אין די פאַר־גאַנגענע 50 יאָר.

קאַפּיטל 18

גאָלדע מאיר און זלמן שזר

דער אָנהייב און דער סוף פון הסתדרות יובל־צוזאַמענפאָר — וואָס די צוויי ישראל־פירער האָבן געזאָגט צו אַמעריקאַנער יידן וועגן ברודער־שאַפט מיט ישראל — ווי גאָלדע מאיר דערקלערט ישראלס קאַמף פאַר עקזיסטענץ — „כל ישראל ערבים זה לזה", באַטאָנט שזר.

אונדזער באַזוך אין מדינת ישראל האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ יום־טובדיקן באַנקעט אין „אכדיה"־האָטעל אין הרצליה, שבת אָוונט, דעם 27טן יוני, און האָט זיך אָפיציעל געשלאָסן מיט אַ יום־טובדיקן באַנקעט אין „בניני האומה" אין ירושלים, מיט צען טעג שפּעטער. מיר זענען נאָך פאַרבליבן עטלעכע טעג אין ישראל און צוריק אָפּגעפלויגן קיין אַמעריקע מיט „אל־על", דאָנערשטיק, דעם 9טן יולי.

יענע צוויי אָוונטן, די דערעפענונג און דער שלוס פון דער קאָנפע־רענץ פון אַמעריקאַנער פריינד פון דער הסתדרות, זענעןביידע פאַר־געקומען אין אַ פייערלעכער און דערהויבענער שטימונג און זענען בלי ספק געווען די הויכפּונקטן פון דעם צוזאַמענפאָר. ביי דער דערעפענונג האָבן מיר געהאַט צו גאַסט די ישראלדיקע פּרעמיער־מיניסטאָרשע, גאָלדע מאיר, און ביים שלוס דעם נשיא פון מדינת ישראל, זלמן שזר. קיין צוויי

מער ליכטיקע, הערלעכע און גייסטרייכע געשטאַלטן פון מאָדערנעם ישראל האָבן מיר נישט געקענט דערוואַרטן.

מיר זענען געקומען פון אַמעריקע, אַן עדה פון אַרום 350 מענער און פרויען, איינשליסנדיק וואָסערע 40—50 קריסטלעכע פריינד, צו פייערן דעם 50־יאָריקן יובל פון דער הסתדרות. מ׳האָט אונדז אויפגענומען בסבר פנים יפות, מ׳האָט אונדז אַרומגעפירט כמעט איבער אַלע ווינקעלעך פון לאַנד, מיר האָבן זיך געטראָפן מיט די העכסטע פירער פון דער רעגירונג און פון דער הסתדרות, מ׳האָט פאַר אונדז געשילדערט אין קלאָרע פאַרבן די פאַרשידענע אַנגעווייטיקטע פּראָבלעמען און די געפאַרן וואָס לויערן איבער דער מדינה, מ׳האָט זיך געטיילט מיט מיינונגען ווי ברידער מיט ברידער, און מ׳האָט זיך נישט געשעמט צו בעטן יעדע מעגלעכע הילף, וואָס מיר קענען באַר געבן — עקאָנאָמיש, פּאָליטיש, געזעלשאַפטלעך, די יידישע יוגנט, די אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג, און די אַמעריקאַנער עפנטלעכקייט בכלל.

דער צוזאַמענפאָר איז אין אַ גרויסער מאָס געווען אַ הערלעכע מאַניפעסטאַציע פון דער נאָענטקייט און קרובהשאַפט צווישן דעם יידישן ישוב אין אַמעריקע און דעם ישוב אין ישראל. ד״ר לעאָן קייזערלינג, דער פּאָרזיצער פון דעם נאַציאָנאַלן קאָמיטעט פאַרן אַרבעטנדיקן ישראל (דער אָפיציעלער נאָמען פון דער הסתדרות אין אַמעריקע), איז געגאַנגען אַ שריט ווייטער. „עס איז פאַראַן אַ סך געמיינשאַפטלעכס צווישן די פאַראייניקטע שטאַטן און ישראל, נישט געקוקט אויף דעם אונטערשייד אין זייער גרויס״ (מיינענדיק שטח, באַפעלקערונג), האָט ער דערקלערט ביי דער ערשטער פלענאַרער זיצונג.

אָט די שטימונג פון נאָענטקייט און ברודערשאַפט איז פיל מאָל אַרויסגעבראַכט געוואָרן ביי די סעסיעס פון צוזאַמענפאָר, אין דעם טיפן אינטערעס, וואָס די דעלעגאַטן פון אַמעריקע האָבן אַרויסגעוויזן צו די ישראל־פּראָבלעמען, אין די רייד פון די ישראל־פירער, ווי אויך אין די באַגעגענישן מיט ישראל־בירגער, בעת מיר זענען אַרומגעפאָרן איבערן לאַנד. עס האָט זיך קיין מאָל נישט געפילט קיין פרעמדקייט. מיר זענען אַלע איין גרויסע משפחה, מיר האָבן אַלע אַ חלק אין די גרויסע דערגרייכונגען פון אונדזער דור, מיר טיילן אַלע דעם זעלבן גורל איצט און אין דער צוקונפט.

און אַפילו די ציניקער און די פּראַקטיקער צווישן אונדז האָבן

געמוזט צוגעבן, אַז אונדזער פּראַקטישער און רעאַליסטישער צוגאַנג, וואָס איז גילטיק פֿאַר דער פֿאַרביזנעסטער און פֿאַרהאַרטעוועטער אַמעריקע, טויג נישט פֿאַר ישׂראל. אָן דעם אידעאַליזם און אָן דעם פּיאָנערישן גייסט פֿון די לעצטע 80—70 יאָר, וואָלט קיין מאָל קיין ישׂראל נישט געווען. דער זעלביקער גייסט האָט אויך בייגעטראָגן צו די גרויסע דערגרייכונגען פֿון דער מדינה, זינט איר עטאַבלירונג אין 1948, אַרייַנגערעכנט אויך אירע נצחונות קעגן אירע שונאים.

צום בולטסטן איז דער דאָזיקער גייסט אַרויסגעבראַכט געוואָרן ביים צוזאַמענפֿאָר דורך די צוויי הויפּט־פֿאָרשטייער פֿון דער ישׂראל־רעגירונג — צו ערשט פֿון גאָלדע מאיר ביי דער דערעפֿענונג און דערנאָך פֿון פּרעזידענט זלמן שז״ר ביים שלוס. איך וועל קיין מאָל נישט פֿאַרגעסן די אומשטענדן פֿון יענעם ערשטן אָוונט, ווען מיר זענען אָנגעקומען אין ישׂראל. אונדזער עראָפּלאַן פֿון ניו־יאָרק האָט זיך פֿאַרשפּעטיקט און מיר זענען אָנגעקומען מיט וואָסערע דרייסיק שעה שפּעטער, ווי געפּלאַנט. ווען מ׳האָט אונדז אַרייַנגעפֿירט אין דעם עלעגאַנטן זאַל אין „אכדיה״־האָטעל, וווּ עס איז פֿאָרגעקומען די דערעפֿענונג פֿון צוזאַמענפֿאָר, איז שוין געווען נאָך צען אַ זייגער אין אָוונט. דעם מאָלצייט האָט מען שוין געהאַט לאַנג אָפּגעגעסן און כמעט אַלע רעדנער האָבן שוין געהאַט אָפּגערעדט, חוץ איין רעדנער — גאָלדע מאיר. ווי הונגעריק מיר זענען נישט געווען, אויסגעמאַטערט פֿון דער לאַנגער רייזע און דער פֿאַרשפּעטיקונג, נישט אויסגעשלאָפֿן און פּשוט דערשעפּט פֿון די כוחות, האָבן מיר זיך ממש מאָמענטאַל דערפֿילט דערהויבן, ווען מיר האָבן זיך דערוווּסט, אַז גאָלדע האָט נאָך נישט גערעדט און אַז זי וואַרט אויף דעם אָנקום פֿון אונדזער גרופּע (אַן ערך 75 אין צאָל), וואָס איז געבליבן געשטראַנדעט אויף דעם פֿאַרשפּעטיקטן עראָפּלאַן פֿון ניו־יאָרק.

מיר האָבן זיך אַפֿילו נישט באַוויזן אַרומצווואַשן. אָט אַזוי, פֿאַרשטויבטע פֿון דער רייזע, האָט מען אונדז אויסגעזעצט ביי די טישן — מ׳קען דאָך נישט לאָזן די פּרעמיערשע וואַרטן לענגער — און מ׳האָט טאַקע באַלד פֿאָרגעשטעלט גאָלדען. עס איז מיר געוואָרן וואַרעם אין אַלע גלידער, ווען איך האָב זי דערזען, מיט איר ערנסט־פֿאַרטרויערטן פּנים. זי האָט אָבער נישט געטראָגן די געוויינלעכע שוואַרצע קליידער, אָדער קליידער, אין וועלכע איך האָב זי געזען ביי פֿריערדיקע באַגעגענישן. דאָס מאָל איז זי געווען אָנגעטאָן אין אַ ווייס באַבלימלט קליידל,

די האָר נעט פאַרקאַמט, און אַ ברייטער שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף איר פּנים, ווען דער גרויסער עולם האָט זיך אויפגעשטעלט און איר געמאַכט אַן אָוואַציע. אין דעם מאָמענט, ווען זי האָט אָנגעהויבן איר רעדע, איז איר פּנים ווידער געוואָרן ערנסט.

זי האָט גערעדט צו ערשט שטיל, באַזאַכט, ממש געציילט די ווערטער. אַט נאָך אַ יאָר, האָט זי געזאָגט, ווערט פונקט 50 יאָר, אַז זי געפינט זיך אין לאַנד. זי איז געקומען קיין ארץ־ישראל אין יולי 1921, בלויז זעקס־זיבן חדשים נאָך דעם, ווי די הסתדרות איז געגרינדעט געוואָרן. און גאָלדע לאָזט זיך אַוועק אויף די פליגל פון אירע זכרונות וועגן יענע ערשטע יאָרן, אירע חברים, איר לעבן אין מרחביה, די שווערע פּראָבלעמען פון יענער חלוציש־ראָמאַנטישער עפּאָכע, און ווי אַלץ, וואָס זיי האָבן זיך דעמאָלט באַמיט צו דערגרייכן האָט זיך נישט געלייגט אויפן שכל פון דעם פּראַקטישן מענטשן — אָבער עס האָט פאָרט געהאַט אַ זין, ווייל עס האָט געהאָלפן לייגן דעם גרונטשטיין פון דער מדינה.

גאָלדע כאַפּט זיך פּלוצים, אַז זי האָט זיך אפשר אַ ביסל פאַררעדט אין אירע זכרונות, אַז אייגנטלעך, ווייל מען פון איר הערן עפּעס אַנדערש, עפּעס נייעס. זי בלייבט שטיין, קוקט פאַר אַ מאָמענט אויף דעם עולם, און רופט זיך אָן: „הלואי וואָלט איך אייך געקענט זאָגן דאָס, וואָס איר ווילט הערן. אָבער וואָס איך וויל אייך זאָגן, קען איך נישט זאָגן, און איך בין זיכער, אַז איר וועט פאַרשטיין”. און מיר האָבן פאַרשטאַנען דעם מיין פון אירע נישט־דערזאָגטע ווערטער אין אַ שווערער צייט.

זי ענדערט דאַן איר טאָן און דעם גאַנצן כאַראַקטער פון איר שמועס מיט אונדז. און דאָ טאַקע ברענגט זי אַרויס אויף אַ זייער טרעפלעכן אופן די שטימונג פון נאָענטקייט און ברודערשאַפט, וואָס מיר האָבן פריער באַטאָנט. לאָמיר דאָ ציטירן גענוי אירע ווערטער, כדי דער לייענער זאָל נישט פאַרלירן דעם פולן באַדייט פון דעם געדאַנק, וועלכן זי האָט אַרויסגעבראַכט. רעדנדיק וועגן דעם קאַמף, וואָס ישראל פירט פאַר איר עקזיסטענץ, האָט גאָלדע געזאָגט אַזוי:

„מיר פירן אָן דעם קאַמף פאַר אתדזער עקזיסטענץ, נישט בלויז ווייל מיר האָבן קיין אַנדער ברירה נישט. גלויבט מיר, מיר זענען אויפריכטיק איבערצייגט, אַז מיר קעמפן אין אַ מלחמה פאַר דעם קיום פון גאַנצן יידישן פאָלק. איך האָב פיינט סתם פּראָזעאָלאָגיע און דאָס איז נישט געמיינט בלויז אַלס אַ פּאַטריאָטישע

פראַזע. עס איז נישט געמיינט אַזוי, דאָס איז אונדזער איבערצייגונג. ווען איר לייענט „שיח הלוחמים״, וואָס ווערט איצט אַרויסגעגעבן אין ענגליש, וועט איר אויסגעפינען, ווי אַזוי אונדזערע סאָלדאַטן האָבן געפילט, ווען זיי האָבן געקעמפט אין סיני קעגן די עגיפּטישע סאָלדאַטן און רוסישע טאַנקען און האַרמאַטן. זיי האָבן געפילט, אַז זיי פאַרטרעטן און דאַרפן באַשיצן דאָס לעבן פון גאַנצן יידישן פאָלק. אַנדערש וואָלטן זיי נישט געקענט קעמפן — און דאָס איז אַ פאַקט.

„מיר גלויבן, אַז דאָס איז אַ מלחמה, נישט בלויז פאַר דער עקזיסטענץ פון מדינת ישראל. מיר וועלן די מלחמה געווינען, אין דעם צווייפל איך נישט, אָבער נאָך דעם, ווי די מלחמה וועט זיין געוווּנען, וועט די עקזיסטענץ פון יידישן פאָלק איבער דער גאַנצער וועלט זיין עטאַבלירט און געזיכערט. און אויב, גאָט זאָל אָפּהיטן, מיר גייען אונטער, וועט עס זיין אַ טאָג פון טרויער פאַר דעם יידישן פאָלק און אויף דורות־לאַנג, מעגלעך אויף אייביק, וועט דאָס יידישע פאָלק מער נישט זיין געזיכערט. נאָך אַ דור, נאָך צוויי דורות, און אַלץ, וועט זיין פאַריבער.

„אויב איר גלויבט אויך אַזוי (וועגן דעם באַדייט פון ישראלס קאַמף), דאַן זענען מיר נישט קיין צוויי לאַגערן, נאָר איין לאַגער, וואָס קעמפט און אַ צווייטער, וואָס העלפט אַרויס. דאַן זענען מיר אַלע פאַרוויקלט אין דעם קאַמף. דעמאָלט קען מער קיין פראַגע נישט זיין: ווי לאַנג וועט עס דויערן? ווי לאַנג קענען מיר אויס־האַלטן? אויב מיר קענען נישט אויסהאַלטן, דאַן שטאַרבן מיר. כל־זמן מיר האַלטן אויס, לעבן מיר. און כל־זמן מיר האַלטן אויס, לייגן מיר דעם פונדאַמענט פון שלום אין ישראל און פון דער עקזיסטענץ פון גאַנצן יידישן פאָלק אומעטום״.

דער שלום־באַנקעט אין בניני האומה אין ירושלים, איז געווען אין גאַנצן געווידמעט צום ישראל נשיא, זלמן שזר, לכבוד זיין 80־יאָריקן געבוירן־טאָג. גאָלדע מאיר האָט גערעדט צו אונדז אויף ענגליש, אָבער שזר האָט אָנגעהויבן אין עברית און איז באַלד אַריבער אויף יידיש. פאָרגעשטעלט האָט אים יעקב קאַצמאַן, דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון יידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד, וואָס האָט אין אַ מייסטערהאַפטער רעדע געגעבן אַ וווּנדערלעכע אָפּשאַצונג פון שזרן אַלס מענטש, אַלס

שרייבער און פּאָעט, אַלס פירער אין די רייען פון אַרבעטער־ציוניזם, אַלס איינער פון די ערשטע שליחים קיין אַמעריקע לטובת דער צוקונפטי־קער ישראל, און איצט אַלס פּרעזידענט פון ישראל. ער האָט זייער פיין אַרויסגעבראַכט די אינטעלעקטועלע און גייסטיקע מעלות פון שזרן, זיין ראָל אַלס שטאַטסמאַן און אָראַטאָר, זיין וואַרעמע פּערזענלעכקייט, און דערהויפּט זיין ליבע צום יידישן פאָלק.

שזר האָט גערעדט זיצנדיק, עס איז שווער געווען פאַר אים צו שטיין אויף די פיס, אָבער ער האָט גערעדט קלאָר און דייטלעך און מ׳האָט געהערט יעדעס וואָרט. דער מוח איז נאָך שאַרף און דער זכרון דינט נאָך גוט. ער האָט דערציילט זכרונות פון זיין ערשטן באַזוך אין אַמעריקע, אין 1927, אַלס שליח פון דער הסתדרות און די שוועריקייטן, אין וועלכע ער האָט זיך דאַן אָנגעשטויסן. צום שלוס האָט ער באַטאָנט, ווי ישראל גאַרט נאָך שלום און אַז קיין קרבן איז נישט צו גרויס פאַר דעם פאָלק, אַבי צו פאַרזיכערן שלום, פרייהייט און די צוקונפט פון מדינת ישראל. ער האָט אויך אָנגעוויזן, אַז די באַציאונג צו ישראל מצד יידן איבער דער וועלט דאַרף דינען אַלס אַ שטענדיקער און דויערנדיקער כוח און נישט בלויז, ווי אַ צייטווייליקער אָדער ספּאָראַדישער אויסברוך פון שטיצע. „כל ישראל ערבים זה לזה" (אַלע יידן זענען פאַראַנטוואָרטלעך איינס פאַר דאָס אַנדערע), האָט ער געזאָגט, און דאָס גאַנצע פאָלק דאַרף זיין אַ שותף צו דער מדינה.

צום שלוס איז שזר פּרעזענטירט געוואָרן מיט אַ שריפט, וואָס איז אים איבערגעגעבן געוואָרן פון ד״ר שלמה שטיין, אין נאָמען פון דער אַמעריקאַנער דעלעגאַציע צום צוזאַמענפאָר. די שריפט לייענט זיך אַזוי:

„צו זלמן שזר, היסטאָריקער און פּאָעט, רעדאַקטאָר און אָראַ־טאָר, לערער און וואַרעם־האַרציקער פריינד, דריקן מיר אויס די בעסטע ווונטשן פאַר נאָך פיל יאָרן פון געזונט און פּראָדוקטיווער פירערשאַפט פון אונדזער פאָלק אין ישראל און איבער דער וועלט".

איך האָב אויך באַוויזן צו כאַפּן מיט שזרן אַ קורצן שמועס פּריוואַט און מיר האָבן זיך דערמאָנט וועגן אונדזער ערשטער באַגעגעניש אין 1947. איך בין אין יענער צייט געווען דער וואַשינגטאָנער קאָרעספּאָנ־דענט פון „דבר", און שזר (דעמאָלט האָט ער נאָך געהייסן שניאור זלמן רובאַשאָוו) איז געווען איינער פון די רעדאַקטאָרן פון דער צייטונג. אין 1947־48 איז ער געווען אַ מיטגליד פון דעם פּאָליטישן קאָמיטעט פון

ישראל־ישוב צו דער יר־ען ז־צונג אין לייק סוקסעס, ווו עס איז אָנגענומען געוואָרן דער באַשלוס צו עטאַבלירן אַ יידישע מדינה. דער י. ל. פּרץ שרייבער־פאַראיין אין ניו־יאָרק, האָט דעמאָלט אַראַנזשירט אַן אָוונט

משה פּרענק און זיין פרוי פריידל אין אַ שמועס מיט דעם נשיא פון מדינת ישראל, זלמן שזר, ביים שלום־באַנקעט פון הסתדרות יובל קאָנ־פערענץ אין בנייני־האומה אין ירושלים.

מיט שזרן און איך בין ספּעציעל געקומען פון וואַשינגטאָן צום אָוונט, כדי זיך צו באַקענען מיט אים און אים הערן רעדן. שפּעטער זענען מיר צוזאַמען צוועקגעפאָרן אין אַ טעקסי צום קאַפע ראָיאַל, אויף סעקאָנד עוועניו, וואָס איז נאָך דאַן געווען אָפן, און מיר האָבן דאָרטן פאַר־בראַכט עטלעכע שעה צייט, ווו שזר האָט „געפראַוועט טיש" און געזונגען ישראל־לידער.

יענער אָוונט מיט דעם צוקונפטיקן פּרעזידענט פון מדינת ישראל האָט זיך אויף אייביק איינגעקריצט אין מיין זכרון.

קאַפּיטל 19

אייניקע שלום־געדאַנקען

אויפן וועג צוריק קיין אַמעריקע — דראַמאַטישע פאַקטאָרן אַרום דעם נאָענטן מזרח — די שווערע מלחמה־וואָלקנס איבער ישראל און די שטימונג ביים פאָלק — די ישראל־אַרמיי, דער ליבלינג פון פאָלק — דער ישראל־בירגער, אַ מענטש מיט ווירדע.

מיר האָבן פאַרלאָזט ישראל דאָנערשטיק, דעם 9טן יולי, און אויף מאָרגן, פרייטיק, זענען מיר שוין געווען ביי זיך אין דער היים, אין וואַשינגטאָן. די רייזע צוריק קיין אַמעריקע, איז צוגעגאַנגען גלאַטיק, אָן די מינדעסטע מניעות. אונדזער עראָפּלאַן איז אָפּגעפלויגן פון לוד לופט־פּאָרט צו דער מינוט, מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ שעה צייט אין רוים, און פון דאָרטן גלייך קיין ניו־יאָרק.

ביים „אל על" עראָפּלאַן פאָרן אָפּפלי צוריק קיין אַמעריקע

כמעט די גאַנצע צייט אויפן וועג צוריק, בין איך געזעסן אין עראָפּלאַן אַ פאַרטראַכטער, אַ פאַרבענקטער. עפּעס האָט געגאָגט ביים האַרצן אַ טיפער אומעט. איך האָב געפילט, אַז איך האָב איבערגעלאָזן אַ טייל

פון זיך אין ישראל. איך האָב פּלוצים דערפילט די מידקייט, וואָס האָט זיך אָנגעקליבן אין קערפּער אין די פאַרגאַנגענע צוויי אָנגעשטרענגטע וואָכן, אָבער איינדרימלען האָב איך נישט געקענט. פאַר די אויגן זענען אויפגעשוואומען בילדלעך פון ערטער, וואָס מיר האָבן באַזוכט, מענטשן, מיט וועלכע מיר האָבן זיך געטראָפן, געשפּרעכן, פּאַסירונגען, מאָמענטן. אָט זע איך ירושלים אין איר פולער פּראַכט און גלאַנץ, און אָט גאָר זע איך, ווי די זון טונקט זיך אין ים פייער־רויט נעבן הרצליה. אָט דוכט זיך מיר, אַז מיר שפּאַצירן שבת אין דער פרי איבער דעם קיבוץ אין גליל, אָבער פּלוצים זיץ איך גאָר אויפן שיפל, וואָס גליטשט זיך פּאַמעלעך איבער די בלויע וואַסערן פון ים כנרת אין דער ריכטונג צו טבריה.

עס פּלאָנטערט זיך איין בילד אין צווייטן, איין געדאַנק אין אַן אַנדערן. איך וויל פאַר זיך מאַכן אַ שטיקל סך הכל פון דעם באַזוך אין מדינת ישראל, אָבער דער קערפּער איז צו מיד און אין מוח איז איצט שווער זיך צו קאָנצענטרירן. ערשט מיט עטלעכע טעג שפּעטער, אַז איך האָב זיך אַ ביסל אויסגערוט פון דער רייזע און זיך באַפרייט פון דער געשפּאַנטקייט, האָב איך אָנגעהויבן זען דעם סך־הכל אין בולטערע שטריכן. צו ערשט איז אונדזער פּלאַן געווען אָנצושרייבן עטלעכע אַר־טיקלען און אַרויסברענגען די הויפּטפּונקטן פון דעם באַזוך, אָבער מיט דער צייט, האָט זיך אָנגעהויבן אויסקריסטאַליזירן דער געדאַנק: פאַר וואָס טאַקע נישט שילדערן אַלץ, וואָס מיר האָבן געזען און איבערגעלעבט אין די צוויי שפּאַנענדיקע וואָכן?

און אָט אַזוי האָט זיך ביסלעכווייז אַנטוויקלט אַ געדאַנק צו שרײַבן אַנדערהאַלבן טוצן קאַפּיטלען, וואָס דאָס איז פּאַקטיש גענוג פאַר אַ בוך. פון צייט צו צייט קומען אויפן זינען פאַרשידענע אַנדערע עפּיזאָדן, ערטער, פּנימער, פּאַסירונגען, וואָס האָבן פיליכט געדאַרפט דערמאָנט ווערן, אָבער מיר מוזן זיך פאַרט באַגרענעצן און קומען צו אַ שלוס. די שילדערונג פון אונדזער באַזוך אין ישראל איז געענדיקט, און איצט ווילן מיר בלויז אָנצייכענען עטלעכע שלוס־געדאַנקען און אויספירן.

אין דער צייט, ווען מיר זענען געווען אין ישראל, האָט די לופט געשמעקט מיט מלחמה. עס האָט אויסגעזען, אַז אַ ליאַדע טאָג קען דאָס פייער זיך צעפלאַקערן אויף אַ גאָר גרויסן שטייגער און אַרומכאַפּן דעם גאַנצן נאָענטן מזרח און מעגלעך אויך אַריינציען די צוויי גרויסמאַכטן פון מזרח און פון מערב. פיר הויפּט פאַקטאָרן האָבן זיך צו איין און דער

זעלבער צייט אָפּגעשפּיגלט אויף דער אַלגעמיינער אַרענע: דריי פון זיי אויף אַ טראַגישן אָבער העכסט־דראַמאַטישן אופן אין נאָענטן מזרח גופא, וואָס האָבן צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון דער גאַנצער וועלט; און איינע אַ שטילע, אַ קוים מערקבאַרע, אין וואַשינגטאָן און ביי דער יו־ען אין ניו־יאָרק.

די דריי דראַמאַטישע פאַקטאָרן אין נאָענטן מזרח זענען געווען: ערשטנס, די כסדרדיקע שיסערייען און קאַמפן ביים סועץ־קאַנאַל צווישן ישראל און עגיפּטן, ווו רוסישע וואָפן, עראָפּלאַנען און אַפילו סאָוויעטישע טעכניקער און פּילאָטן האָבן געגומען אַלץ אַ מער טיכטיקן אָנטייל. צווייטנס, די וואַקסנדיקע צאָל אָנפאַלן פון אַראַבישע טעראָר־באַנדעס פון ירדן, סיריע און לבנון אויף ישראל־ישובים, אויף פרידלעכע איינוווינער, און אַפילו אויף אומשולדיקע יידישע קינדער, וואָס זענען געפאָרן אין אַן אויטאָבוס אין סקול. דריטנס, דאָס פאַרכאַפּן פון עראָפּלאַנען דורך אַראַבישע פאַנאַטיקער און דאָס פאַרהאַלטן פון יידישע פּאַסאַזשירן אַלס משכנות, כדי צו דעמאָנסטרירן אַראַבישע העלדישקייט.

דער פערטער און קוים מערקבאַרער פאַקטאָר האָט זיך קאָנצענטרירט אויף ניו־יאָרק און וואַשינגטאָן, ווו עס זענען אָנגעגאַנגען באַמיונגען איינצושטילן די געמיטער און כּרובירן באַוועגן די הויפּט־צדדים גוט־צוהייסן אַ פייער־אָפּשטעל, און מעגלעך, אויך אָנהייבן טראַכטן און רעדן וועגן אַ שלום. אין דעם טאָג, וואָס מיר האָבן פאַרלאָזט וואַשינגטאָן, האָט דער אַמעריקאַנער אויסערן־מיניסטער, וויליאַם ראָדזשערס, אָפּגעהאַלטן אַ פּרעסע־קאָנפערענץ, ווו ער האָט גערעדט וועגן אַ נייער שלום־איניציאַטיוו מצד אַמעריקע לטובת דעם נאָענטן מזרח. און מיט עטלעכע טעג שפּעטער, האָט פּרעזידענט ניקסאָן, אין אַ טעלעוויזיע־געשפּרעך מיט דריי פּרעסע־פאָרשטייער, אָפן באַשולדיקט די אַראַבער, אַז זיי זענען די אַגרעסאָרן, אַז זיי ווילן פאַרניכטן ישראל, און אַז דער קאָנפליקט איז נישט בלויז צווישן ישראל און די אַראַבער, נאָר רירט אויך אָן דירעקט די אינטערעסן פון אַמעריקע. דערביי האָט ער אויך קלאָר אָנגעדייט, אַז ישראל וועט נישט פאַרבלייבן אַליין אין איר שווערן קאַמף און די געפאַר, וואָס לויערט איבער איר, נאָר אַז אַמעריקע וועט איר געבן די נויטיקע הילף, הגם ער האָט נאָך דעמאָלט נישט אָנגעוויזן גענוי אין וואָס די הילף וועט באַשטיין.

למען האמת, דאַרף געזאָגט ווערן, אַז אין ישראל האָט מען פּרעזידענט

ניקסאָנס רייד אויפגענומען מיט צופרידנקייט, אָבער אויך מיט אַ היפשער מאָס איינגעהאַלטנקייט. „אַז מיר וועלן וויסן גענוי, וואָס אַמעריקע וועט טאָן פֿאַר אונדז און מיר וועלן שוין זען דאָ די אַמעריקאַנער פֿאַנטאָם־עראָפּלאַנען און אַנדערע מאָדערנע וואָפן, וועלן מיר ערשט דאַן האָבן פֿון וואָס צו זיין צופרידן", האָט אַ ישראלי באַמערקט צו אונדז יענעם טאָג. דאָס פֿאַרמינערט אָבער לחלוטין נישט, די אַלגעמיינע שטימונג ביי די ישראל־בירגער, פֿון די העכסטע רעגירונגס־אינסטאַנצן, ביז די גע־וויינלעכע בירגער אין גאַס, אַז אַמעריקע איז פּאַקטיש דער איינציקער פֿריינד אויף וועמען ישראל קען זיך פֿאַרלאָזן אין אַן עת צרה. די באַציי־אונג צו אַמעריקע איז אַ פּאָזיטיווע און אַ פֿריינדלעכע, הגם מ׳איז אַ ביסל אַנגעשראָקן וועגן וואַשינגטאָנס וואַקלענישן אין דער פֿאַרגאַנ־גענהייט.

נישט געקוקט, וואָס אָפּט מאָל האָט מדינת ישראל דאָס געפֿיל, אַז זי שטייט איינזאַם אַליין אין דער וועלט קעגן אַזוי פֿיל שונאים, וואָס ווילן זי פֿאַרניכטן, פֿילט מען אָבער נישט אין די באַגעגענישן און שמועסן מיט יחידים, אַז מען שטייט אויף דעם ראַנד פֿון אונטערגאַנג. שוואַרצע מלחמה־וואָלקנס האָבן געהאָנגען איבער ישראל אין דער צייט ווען מיר זענען געווען דאָרטן און די אַטמאָספֿער האָט געשמעקט מיט פּולווער און מיט פּאָליטיש־מיליטערישן קריזיס, אָבער יעדער איינער איז זיך אַנגעגאַנגען מיט זיין באַשטענדיקער אַרבעט און אויבן־אויפֿיק האָט אַלץ אויסגעזען רואיק. קיינער איז נישט געוואָרן היסטעריש, קיינער האָט נישט געזוכט צו אַנטלויפֿן פֿון זיין פּאָזיציע, פֿאַרקערט, אַלע זענען פֿאַר־בליבן אַנטשלאָסן אויף זייערע פּאָסטנס און געטאָן דאָס, וואָס מען האָט דערוואַרט פֿון זיי. דאָס לעבן איז זיך אַנגעגאַנגען נאָרמאַל אין יעדער הינזיכט — און אפשר איז דאָס די גרויסע העלדישקייט, דער אמתער כוח פֿון פֿאָלק.

אין די גרויסע שטעט האָבן מיר געזען די קאָפּען אָנגעפֿילט מיט מענטשן. אין די שוי־פֿענצטער פֿון די קראָמען זענען געווען אויסגעשטעלט די נייעסטע מאָדעס אין קליידער, און יינגערע און עלטערע פֿרויען האָבן זיך אָפּגעשטעלט צו באַטראַכטן די נייע מאָדעס. אין די מואווי־טעאַטערס האָט מען געוויזן די סאַמע לעצטע פֿילמען פֿון אַמעריקע און פֿון אַנדערע לענדער. אויף די גאַסן האָט זיך געצויגן אַן ענדלאָזער שטראָם פֿון אויטאָמאָבילן אין אַלע ריכטונגען. מיליטערישע אוניפֿאָרמען האָבן זיך

אַפּט געוואָרפן אין די אויגן, איבערהויפּט אויף די וועגן — אַ דערמאָנונג, אַז ישראל שטייט אין אַ קאַמף. איך האָב אין ישראל געפונען אַ געוויסע מאָס פּאַטריאָטיזם און נאַציאָנאַלן שטאָלץ, דערהויפּט ביי דער יוגנט, וואָס איך האָב שוין אַ סך יאָרן נישט געזען אין אַמעריקע.

די ישראל־יוגנט איז גערן עס זאָל דערגרייכט ווערן שלום, נישט ווייניקער ווי דער עלטערער דור, אָבער דערוויייל פירט מען אויס די מיליטערישע פליכטן בשלימות און מיט זעלטענער איבערגעגעבנקייט. אַפילו מיטל־יעריקע מענער, וואָס צוליב עלטער זענען זיי באַרעכטיקט זיך צוריקצוציען פון מיליטער, ציען פאָר צו פאַרבלייבן אין די רעזערוון, כדי צו זיין באַהילפיק אויף יעדן מעגלעכן אופן. יעדער מיליטערישער קרבן, צי ביים סועץ, אָדער ביי דער ירדן־גרענעץ, איז ממש ווי אַ פּער־זענלעכער פאַרלוסט און אַלע טרויערן מיט.

די ישראל־אַרמיי איז באמת דער שטאָלץ פון לאַנד און דער ליבלינג פון פאָלק. די אַרמיי באַשטייט פון אַ זעלטענעם מענטשן־עלעמענט, אַ יוגנט, וואָס איז זיך גרייט מקריב צו זיין פאַר פאָלק און לאַנד, וואָס שטייט הערואָיש אויף דער וואַך און שרעקט זיך נישט אָפּ פאַר אַלע סטראַשונקעס פון דעם שונא. זי האָט עס באַוויזן אין אַלע דריי ביז־איצטיקע מלחמות, וואָס ישראל האָט דורכגעמאַכט זינט איר אַנטשטייאונג, און זי איז עס גרייט צו באַווייזן נאָך אַ מאָל, אויב עס וועט נויטיק זיין. און דאָך איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז אין ישראל הערשט נישט דער גייסט פון מיליטאַריזם און עס איז נישט פאַראַן די מינדעסטע געפאַר, אַז עס זאָל דאָרטן אַ מאָל קענען עטאַבלירט ווערן אַ מיליטאַריסטישע דיקטאַטור. די אַרמיי איז אַ פאָלקס־אַרמיי און איר איינציקער אינטערעס איז צו פאַרזיכערן דעם קיום פון פאָלק.

אַפּט מאָל קומט אויס צו הערן, אַז די ישראלים זענען אומגעדולדיק, און מעגלעך, אויך אַ ביסל צו גאווהדיק. איך האָב עס נישט אויפגעכאַפּט אין די צוויי קורצע וואָכן פון אונדזער באַזוך. די ישראלים רעדן מיט אייך פראַנק און פריי, זיי זענען אָפנהאַרציק און אויפריכטיק, און ווען אַפילו אַ מאָל אַ ביסעלע אומגעדולדיק — איז וואָס? קיין גוואַלדיקער חסרון איז עס נישט. נאָך אַלעמען, ווען מען נעמט אין באַטראַכט, אַז דריי מאָל איז ישראל געווען געצוווּנגען צו פירן אַ קאַמף פאַר איר עק־זיסטענץ, דריי מאָל האָט מען באַזיגט דעם שונא, און די גאַנצע וועלט שטייט און קוקט זיך צו ווי דער זעלבער שונא גרייט זיך נאָך אַ מאָל

און סטראַשעט ווידער אָפּצווישן די יידישע מדינה (און עס געפינען זיך נאָך אַזעלכע, וואָס לייגן צו אַ האַנט און העלפן דעם שונא).

אין אַ רעדע, וואָס איינער פון די ישראל־פירער האָט געהאַלטן פאַר אונדזער הסתדרות־צוזאַמענפאַר, האָט ער באַמערקט אַזוי: „פאַראַן געוויסע מענטשן אין אויסלאַנד, וואָס האַלטן, אַז ישראל מעג אַ מאָל פאַרלירן אַ מלחמה. ווו שטייט עס געשריבן, אַז זי מוז כסדר געווינען? אַזעלכע מענטשן פאַרגעסן אָבער איין זאַך: אויב ישראל זאָל פאַרלירן אַ מלחמה, וועט עס נישט נאָר זיין דאָס ערשטע מאָל, נאָר אויך דאָס לעצטע מאָל — ווייל זי וואָלט אין גאַנצן אָפּגעווישט געוואָרן". מיר דאַרפן דעריבער נישט פאַרוואַרפן די ישראלים, למאי זיי זענען אָפּט מאָל אַ ביסל אומ־געדולדיק אָדער אַפילו גאווהדיק.

מיר האָבן באַזוכט שטעט און דערפער, קיבוצים, פאַרם־ווירטשאַפטן, פאַבריקן, הייזער־פּראָיעקטן, שפּיטאָלן, אוניווערסיטעטן, קינדער־אינסטיטוציעס, יוגנט־צענטערן, און פיל אַנדערע פלעצער פון היסטאָרישן און רעליגיעזן באַדייט, און אומעטום האָבן מיר געהאַט די מעגלעכקייט צו זען זיך מיט מענטשן און צו רעדן מיט זיי. און פילייכט דאָס ערשטע, וואָס וואַרפט זיך אין די אויגן, איז די מענטשלעכע ווירדע, מיט וועלכער זיי האַלטן זיך, די חשיבות אין די אייגענע אויגן. עס מאַכט נישט אויס, וואָס פאַר אַן אַרבעט דער מענטש זאָל נישט טאָן — צי ער קערט און רייניקט די גאַסן, צי ער טרייבט אַן אויטאָבוס, אָדער וואַשט דילן אין אַ ביוראָ־געביידע, אָדער אַרבעט גאָר אין אַ קיך, צי אין פעלד — ווייסט ער אָבער, אַז זיין אַרבעט איז וויכטיק, עס ווערט אָפּגעשאַצט, און יעדער איינער האָט דרך־ארץ פאַר דעם צווייטן, מחמת יעדער טראָגט צו זיין חלק פאַר קיום העם און קיום הארץ.

דער ישראל־בירגער שטייט היינט מיט אַן אויסגעגלייכטן רוקן און מיט אַ געהויבענעם קאָפּ נאָך צוויי טויזנט יאָר פון זיין פאַרוואָגלט פון זיין היים. ער קוקט מיט שטאָלץ דער וועלט גלייך אין די אויגן און זאָגט צו אַלע פעלקער: „אָט דאָ בלייבן מיר! פון דאַנען רירן מיר זיך נישט! מיר זענען ענדלעך צוריקגעקומען צו אונדזער לאַנג־געגאַרטער און אויסגעבענקטער היים, וואָס מיט איר איז פאַרבונדן, נישט נאָר די פאַר־גאַנגענהייט פון אונדזער פאָלק, נאָר אויך אונדזער צוקונפט. פון דאַנען רירן מיר זיך מער נישט!".

פיל חדשים נאָך מיין צוריקקער פון ישראל, האָב איך זיך נאָך אַלץ

נישט געקענט באַפרייען פון דעם איינדרוק, און נישט געקענט פאַרגעסן די ווערטער פון גאָלדע מאיר ביי דער דערעפענונג פון אונדזער צוזאַמענ־פאַר אין הרצליה. יענעם ערשטן אָוונט, צו אונדזער אָנקום אין ישראל האָט זי צו אונדז געזאָגט אַזוי:

„זאָרגט זיך נישט וועגן אונדזער מוט, אונדזערע נערוון און אונדזער אַנטשלאָסנקייט צו טאָן דאָס, וואָס מיר דאַרפן טאָן. מיין איינציקע פראַגע צו אייך איז: וואָס איז וועגן אייערע נערוון, אייער מוט און אייער אַנטשלאָסנקייט?".

איך טראַכט אָפט וועגן אירע ווערטער, וואָס זענען געווען געצילט נישט בלויז צו אונדז אַליין, די עטלעכע הונדערט פאַרזאַמלטע אין יענעם זאַל, נאָר אייגנטלעך, צו אַלע יידן אין אַמעריקע און צו אַלע יידן איבער דער גאַנצער וועלט.

צווייטער טייל

אַמעריקע און ישראל

אַ וואָרט פון מחבר צום 2טן טייל

עס זענען פאַרלאָפן עטלעכע חדשים זינט מיין צוריקקער פון ישראל. דורך דער צייט, האָב איך אָנגעשריבן די 19 קאַפּיטלען פונעם ערשטן טייל **„אַ באַזוך אין מדינת ישראל"**, און ביים שרייבן יעדעס קאַפּיטל, האָב איך אויף דאָס ניי איבערגעלעבט דעם גאַנצן באַזוך, די דראַמאַטישע און עמאָציאָנעלע מאָמענטן, די הייליקע און היסטאָרישע פלעצער, און די טייערע און ליב־האַרציקע מענטשן, וואָס איך האָב באַגעגנט.

דורך דער צייט האָט אַ סך פּאַסירט אויף דעם פּאָליטישן געביט, וואָס האָט שטאַרק אָנגעריִרט ישראל. עס איז געקומען דער פייער־אָפּשטעל און די פאַרלעצונגען מצד די עגיפּטער און די רוסן, עס איז געקומען אַ טיפע ענדערונג אין דער אַמעריקאַנער פּאָליטיק בנוגע דעם נאָענטן מזרח, עס איז געקומען צו אַ גאָר פריינדלעכער דערנעענטערונג צווישן אַמעריקע און ישראל, און עס זענען פאָרגעקומען די אַזוי־גערופענע יאָרינגגעשפּרעכן, וואָס האָבן נישט געבראַכט קיין ממשותדיקער רעזולטאַטן.

פאַר אונדזער באַזוך אין ישראל, אין שפּעטן פרילינג פון 1970, האָט נאָך געהערשט אַ היפּשע מאָס אַפּאַטיע אין וואַשינגטאָן בנוגע מדינת ישראל און דער ערנסטקייט פון דער לאַגע אין נאָענטן מזרח. מ'האָט זיך געקווענקלט צו געבן ישראל צופיל הילף, כדי נישט אויפצורייצן די אַראַבער. מ'האָט אין וואַשינגטאָן נישט פאַרשטאַנען די כסדרדיקע אַריינדרינגונג פון סאָוויעט־רוסלאַנד אין נאָענטן מזרח און די אויסשפּרייטונג פון איר איינפלוס און דאָמינאַציע איבער דעם גאַנצן געביט.

פּלוצים, ווי איבער נאַכט, האָט וואַשינגטאָן דערוואַכט, מ'האָט דערזען די סאָוויעטישע געפאַר און מ'איז געוואָרן אַליאַרמירט. פּרעזידענט ניקסאָן האָט געמאַכט אַ ספּעציעלן באַזוך ביים אַמעריקאַנער 6טן פלאָט אין מיטללענדישן ים. מ'האָט אָנגעבאָטן ישראל ריזיקע פינאַנציעלע און מיליטערישע הילף. מ'האָט אָנגעהויבן פאַרגרעסערן דעם 6טן פלאָט, און מ'האָט אויך אָנגענומען אַנדערע מיטלען צו באַשיצן די אַמעריקאַנער אינטערעסן אין נאָענטן מזרח.

עס איז מיר דאַן איינגעפאַלן דער געדאַנק: פאַר וואָס נישט אָפּקלייבן די מער וויכטיקע קאָרעספּאָנדענצן, וואָס איך האָב אין די פאַרגאַנגענע 10 אָדער 12 חדשים איבערגעשיקט צו דער יידישער פרעסע, וועגן דער שטימונג אין וואַשינגטאָן און די ענדערונגען, וואָס זענען דאָ פאָרגעקומען דורך דער צייט? דער רעזולטאַט איז געווען, אַז דערפון איז אַרויסגעקומען דער 2טער טייל פון בוך, וואָס איך האָב באַצייכנט **„אַמעריקע און ישראל"**. דאָס שליסט איין די עלף קאַפּיטלען, פון 20 ביז 30. צו זיי האָב איך צוגעשטעלט דאָס קאַפּיטל 31 וועגן „עליה פון אַמעריקע".

דער מחבר

קאַפּיטל 20

וואַשינגטאָן באַזאָרגט וועגן נאָענטן מזרח

די שטימונג אין וואַשינגטאָן אין פרילינג 1970 בנוגע סאָוויעטישע פליער און באַזעס אין עגיפּטן. — העכסטע אינסטאַנצן שטודירן מיליטערישן באַלאַנס אין נאָענטן מזרח. — פאָדערונגען אַמע־ריקע זאָל ענדערן איר שטעלונג.

וואַשינגטאָן איז לעצטנס צערודערט פון די נייעסטע אַנטוויקלונגען אין דעם נאָענטן מזרח. זינט עס איז באַקאַנט געוואָרן, אַז סאָוויעטישע פּילאָטן, פליען אויף מיליטערישע מיסיעס פון עגיפּטישע באַזעס, איז וואַשינגטאָן באַזאָרגט וועגן דער נייער ווענדונג אין דעם ישראל־אַראַבישן קאָנפליקט. עס איז קלאָר, אַז דער קאָנפליקט האָט איצט באַקומען גאָר אַן אַנדער כאַראַקטער, און אַז די ראָל פון סאָוויעט־רוסלאַנד איז גע־וואָרן מער דאָמינירנדיק.

וואַשינגטאָן געפינט זיך אין אַ גרויסער פאַרלעגנהייט בנוגע דער סיטואַציע. באַלד נאָך דעם, ווי ישראל האָט אָנגעהויבן צושטעלן די

פאַקטן וועגן די רוסישע פּילאָטן, האָט מען אין די העכסטע רעגירונגס־אינסטאַנצן פאָראָרדנט אַ גרינטלעכע אויספאָרשונג מצד אַמעריקאַנער אייגענע אינטעלידזשענס באַריכטן וועגן דעם ענין. די אַמעריקאַנער רעגירונג, האָט אויך באַקומען אייגענע באַווייזן, וואָס שטעלן פעסט דעם אמת פון די ישראל־באַריכטן. אויב אין די ערשטע טעג, האָט נאָך געהערשט אַ געוויסע מאָס צווייפל וועגן די סאָוויעטישע פּילאָטן, איז מען דאָ היינט מער נישט אין צווייפל וועגן דעם.

פּרעזידענט ניקסאָן האָט תיכף באַפוילן עס זאָל געמאַכט ווערן אַ גרינטלעכע און באַלדיקע איבערשאַצונג פון דעם מיליטערישן באַלאַנס אין נאָענטן מזרח אין ליכט פון די נייע אַנטוויקלונגען. מען דערוואַרט, אַז די איבערשאַצונג און אירע אויספירן זאָלן גאָר בקרוב צוגעשטעלט ווערן צום ווייסן הויז — מעגלעך אין די גאָר נאָענטסטע טעג — און אויף דעם באַזיס פון די אויספירן, זאָל דער פּרעזידענט און זיינע נאָענטסטע ראַטגעבער דאַן פאַסן אַ באַשלוס, וואָס אַמעריקעס ענטפער זאָל זיין אויף דער סאָוויעטישער האַנדלונג. וועגן דעם באַשלוס קען מען דערווייל בלויז ספּעקולירן, און דאָס ווילן מיר נישט טאָן, ווייל עס קען זיין פאַרפירעריש.

לאָמיר אָבער יאָ אָנמערקן, אַז אין איצטיקן מאָמענט, שלאָגט מען זיך על חטא אין געוויסע קרייזן, למאי מען האָט מיט אַ חודש אָדער צוויי צוריק, נישט גוטגעהייסן ישראלס פאַרלאַנג בנוגע די „פאַנטאָם״־עראָפּלאַנען. אין וואַשינגטאָן הערט מען שוין די טענה, אַז ווען מען זאָל געוועזן גוטהייסן דעם פאַרלאַנג און צושטעלן 50 „פאַנטאָמס״ צו ישראל, וואָלט מען אפשר געוועזן אויסגעמיטן די סאָוויעטישע האַנדלונג און ניייעסטן קריזיס. אַמעריקעס נעגאַטיווער ענטפער איז מצד רוסלאַנד און די אַראַבער אויסגעטייטשט געוואָרן אַלס שוואַכקייט פון אַמעריקע, און אַלס צייכן, אַז זי וועט זיך נישט צו שטאַרק איינשטעלן לטובת ישראל, און דאָס זאָל האָבן באַוויגן רוסלאַנד אייגצושטעלן אירע מאָדערנסטע ראַקעטן, „מיג״־עראָפּלאַנען און פּילאָטן.

אין ביידע הייזער פון קאָנגרעס זענען אין די לעצטע טעג אויסגעדריקט געוואָרן שטאַרקע פאָדערונגען די רעגירונג זאָל רעווידירן איר שטעלונג אין דער פראַגע און זאָל באַוויליקן פאַר ישראל די פאַרלאַנגטע „פאַנטאָם״־עראָפּלאַנען. אַ צאָל יידישע אָרגאַניזאַציעס און יחידים, האָבן שוין אַפּעלירט צום פּרעזידענט ניקסאָן, ער זאָל נעמען אַ שטעלונג לטובת

ישראל אין ליכט פון „דער סאָוויעטישער ציניַשער האַנדלונג אין נאָענטן מזרח" און זאָל צושטעלן די „פאַנטאָמס" און אַנדערע וואָפן פאַר ישראל. אויך אין דער פרעסע דערשיינען עדיטאָריעלע אָנמערקונגען און קאָלומס פון פירנדיקע זשורנאַליסטן, ווו די סאָוויעטישע האַנדלונג ווערט שאַרף פאַרדאַמט און די נויטווענדיקייט פון אַמעריקעס הילף פאַר ישראל ווערט אונטערגעשטראָכן.

אין די אַלע טענות און פאָדערונגען, ווערט אָנגעוויזן, אַז ווען וואַשינגטאָן האָט אין מערץ 1970 צוריקגעוויזן דעם ישראל-פאַרלאַנג, איז דעמאָלט באַטאָנט געוואָרן, אַז אַמעריקע זעט נישט קיין באַלדיקע געפאַר צו ישראלס לופט-סופעריאָריטעט איבער די אַראַבישע לענדער. אויסערן-מיניסטער, וויליאַם ראָדזשערס, האָט דעמאָלט דערקלערט, אַז וואַשינגטאָן וועט געגנוי באַכפאָלגן און אויספאָרשן אַלע אַנטוויקלונגען בנוגע סאָוויעטישע ראַקעטעס און פילאָטן, וואָס איז שוין דעמאָלט דיסקוטירט געוואָרן אַלס אַ מעגלעכע דערשיינונג. „אויב שריט וועלן גענומען ווערן צו ענדערן דעם איצטיקן באַלאַנס אָדער פּאָליטישע אַנטוויקלונגען וועלן עס באַרעכטיקן, דאַן וועט דער פּרעזידענט, בלי ספק, ווידער באַטראַכטן דעם ענין", האָט ער דעמאָלט געזאָגט.

די שטימונג דאָ איז, אַז די צייט איז געקומען ווען וואַשינגטאָן דאַרף איינזען, אַז די סיטואַציע האָט זיך געענדערט, דער מיליטערישער באַלאַנס, איז מער נישט דער זעלבער, ווי מיט געציילטע טעלעכע וואָכן צוריק און דעריבער מוז אַמעריקע באַלד ענדערן אויך איר שטעלונג און גלייך אָנהייבן צושטעלן די פאַרלאַנגטע וואָפן פאַר ישראל. די צייט צו זיין „איינגעהאַלטן" איז אַריבער, מאָסקווע האָט עס בלויז אויסגעטייטשט אַלס שוואַכקייט מצד וואַשינגטאָן און אַלס איינלאַדונג פאַר איר אַריינצושיקן אירע ראַקעטעס און פילאָטן קיין עגיפּטן.

די פּראָ-אַראַבישע קרייזן און די, וואָס האַלטן, אַז מען טאָר נישט אויפרייצן די סאָוויעטישע פירער, פּרובירן אָנגעבן פאַרשידענע פוילע תירוצים פאַר וואָס וואַשינגטאָן זאָל זיך נישט איילן מיט קיין באַשלוסן. זיי טענהן, אַז רוסלאַנדס מאָטיוון זענען נאָך אַלץ נישט קלאָר און אַז מען ווייסט נאָך נישט דעם אמתן צוועק פון אַריינשיקן ראַקעטעס און פילאָטן אין עגיפּטן. מעגלעך, אַז אַלץ, וואָס רוסלאַנד איז אויסן, איז, פאַר די פילאָטן צו שפּילן אַ דעפענסיווע ראָלע און נישט דורכצופירן קיין אַטאַקעס קעגן ישראל, טענהן זיי. זיי ווילן, הייסט עס, בלויז באַשיצן

די סאָוויעטישע באַזעס אין עגיפּטן, כדי צו זיין זיכער, אַז די נייעסטע ראַקעטעס וועלן נישט אַריינפאַלן אין ישראלדיקע הענט, און אַזוי אַרום אָנקומען צו די מערב־לענדער.

פון דער אַנדערער זייט אָבער, ווערט אָנגעוויזן אויף דעם פאַקט, אַז זינט די סאָוויעטישע פליער האָבן זיך באַוויזן איבער עגיפּטישער טעריטאָריע, האָבן די עגיפּטער פאַרגרעסערט זייער אייגענע לופט־טעטיקייט, די צאָל פון זייערע לופט־מיסיעס קעגן ישראל האָט זיך פאַרמערט און זיי דרינגען אַריין טיפער און אָפטער אין סיני. עס קומט אויס, אַז די סאָוויעטישע פּילאָטן האָבן מיט זייער לופט־טעטיקייט אין צענטראַל־עגיפּטן, באַפרייט די עגיפּטישע פּילאָטן, וועלכע קאָנצענטרירן איצט זייערע אַטאַקעס אַריבער דעם סועץ־קאַנאַל.

אין די העכסטע וואַשינגטאָנער אינסטאַנצן, ווו די לאַגע אין נאָענטן מזרח ווערט איצט ערנסט שטודירט, וועט דער באַשלוס זיין געוועגדט אין דעם אויספיר בנוגע צוויי זייער וויכטיקע פראַגעס. ערשטנס, וויל וואַשינגטאָן פעסטשטעלן דעם אמתן באַדייט פון רוסלאַנדס האַנדלונג. האָט זי אַריינגעשיקט ראַקעטעס און פּילאָטן, כדי צו באַשיצן די עגיפּטישע שטעט און זייער ציווילער באַפעלקערונג קעגן ישראלדיקע לופט־אַטאַקעס, אָדער איז עס אַ שריט אויסצוברייטערן דעם ישראל־אַראַבישן קאָנפליקט און געבן די אַראַבער די מעגלעכקייט צו באַנייען די מלחמה?

צווייטנס, וויל וואַשינגטאָן דערגיין, ווי אַזוי סאָוויעט־רוסלאַנד וואָלט אויסגעטייטשט אַמעריקעס רעאַגירן אין דער סיטואַציע אין אַלגעמיינע וועלט־טערמינען. אין די לעצטע עטלעכע חדשים האָט וואַשינגטאָן ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן, געוואָרנט מאָסקווע קעגן פאַרגרעסערן איר ראָל און איר פאַרוויקלונג אין דעם נאָענטן מזרח. פּרעזידענט ניקסאָן אַליין, האָט מיט אַ צייט צוריק, אין זיין איבערבליק וועגן דער וועלט־לאַגע, דערקלערט, אַז „אַמעריקע וועט באַטראַכטן יעדן פאַרזוך מצד סאָוויעט־רוסלאַנד צו געווינען אויבערהערשאַפט אין נאָענטן מזרח אַלס אַן ענין פון טיפער ערנסטקייט”. און ערשט לעצטע וואָך, האָט דער הויפּט־געהילף פון אויסערן־מיניסטער, עליאָט ריטשאַרדסאָן, געוואָרנט אין אַ רעדע:

„סאָוויעט־רוסלאַנד דאַרף פאַרשטיין, אַז יעדער באַלדיקער געווינס, וואָס זי וועט האָבן דורך אויסנוצן די שווערע לאַגע אין נאָענטן מזרח, קען פאַרטונקלט ווערן דורך דער געפאַר פון אַרויס־

רופן אַ ברייטערן קאָנפליקט. ווען איינע פון די צוויי גרויס־מאַכטן — אין דעם פאַל רוסלאַנד — פאַרוויקלט זיך מיליטעריש אין דעם געביט, איז עס אומפאַרמיידלעך, אַז אויך די צווייטע זאָל עס איינזען און רעאַגירן״.

דאָס איז אַ קלאָרער אָנדייט צו רוסלאַנד. אויך די היגע צייטונג „וואַשינגטאָן פּאָסט״, וואָס האָט אין די לעצטע צוויי־דריי יאָר אָפּט מאָל אַנגענומען אַן אַנטי־ישראל שטעלונג, איז אַרויס מיט אַ שאַרפער אַטאַקע אויף רוסלאַנד. זי באַצייכנט דאָס שיקן די פּילאָטן, אַלס אַ „געפערלעכן שריט״ מצד מאָסקווע, און אַלס אַ באַשלוס, וואָס ענדערט דעם ישראל־אַראַבישן קאָנפליקט פון אַ ראַיאָנעם קאַמף צו אַ פיל ברייטערן קאָנפליקט און די געפאַר פון קאָנפראָנטאַציע צווישן די צוויי גרויסמאַכטן. די קרעמל־פירער ווייזן נישט אַרויס קיין פּאָליטישע רייפקייט און טייטשן שלעכט אויס אַמעריקעס כוונות, זאָגט די צייטונג, און פאַרענדיקט אַזוי:

„דורך איר הפקרדיקן געיעג בלויז פאַר אירע אייגענע אינטע־רעסן, האָט סאָוויעט־רוסלאַנד, מעגלעך, געפונען אַ וועג ווי אַזוי צו ברענגען אַמעריקע פולשטענדיק אויף ישראלס זייט. מיר נעמען אָן אַ פּעסימיסטישע שטעלונג וועגן דער מעגלעכקייט פון אַ סאָ־וויעטיש־אַמעריקאַנער קאָנפראָנטאַציע אין נאָענטן מזרח, אָבער מיר נעמען אַ נאָך מער פּעסימיסטישע שטעלונג בנוגע דער מעגלעכקייט פון אַן אַמעריקאַנער דערנידערונג״ (ד. ה. רוסלאַנד זאָל וועלן פאַר־טרייבן אַמעריקע פון נאָענטן מזרח און איר אַוועקשטעלן אין דער ראָל פון אַ צווייט־ אָדער דריט־קלאַסיקע מאַכט).

אין קאָנגרעס האָבן אַ היפּשע צאָל סענאַטאָרן און קאָנגרעסלייט גע־נומען אַ שטאַרקע שטעלונג לטובת ישראל, און פיל פון זיי האָבן פאַרדאַמט רוסלאַנד אין שאַרפע ווערטער. אַ צאָל פון זיי, סיי דעמאָקראַטן און סיי רעפּובליקאַנער, האָבן געשיקט טעלעגראַמעס צום פּרעזידענט און צום אויסערן־מיניסטער ראָדזשערס; אַנדערע האָבן פּערזענלעך זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט זיי, אָדער זענען אַרויסגעטראָטן מיט רעדעס אין קאָנגרעס. זיי האָבן געפאָדערט, מען זאָל ענדערן דעם פריערדיקן באַשלוס און מען זאָל וואָס שנעלער צושטעלן פאַר ישראל די „פאַנטאָמס״ און אַנדערע וואָפן, וואָס זי האָט געבעטן. רוסלאַנדס האַנדלונג ווערט באַ־צייכנט אַלס „אַקט פון אַגרעסיע״ און עס ווערט באַטאָנט, אַז היינט צו

טאָג איז עס מער נישט בלויז אַ פראַגע פון אַ געפאַר פאַר ישראל, נאָר פאַר דער גאַנצער פרייער וועלט.

איינער פון די, וואָס האָט אַרויסגעזאָגט אַזאַ געדאַנק, אַז רוסלאַנד איז אַן אַגרעסאָר און אַז דער קאַמף אין נאָענטן מזרח האָט אָנגענומען אַ וועלט־פּראָבלעם, איז דער איינפלוסרייכער דעמאָקראַטישער סענאַטאָר סטוּאַרט סיימינגטאָן, פון מיזורי, וואָס איז אַ מיטגליד פון דעם סענאַט־קאָמיטעט פאַר אויסלענדישע ענינים. ער האָט אויסגערופן, אַז אַמעריקע וועט באַגיין אַ היסטאָרישן פאַרברעכן, אויב זי וועט נישט אָננעמען באַלדיקע שריט צו העלפן „דאָס קליינע און בראַווע פאָלק" ישראל צו פאַרזיכערן זיין עקזיסטענץ.

אַזוי האָבן אויך גערעדט אַ צאָל אַנדערע אין ביידע הייזער פון קאָנ־גרעס. עס ווילט זיך האָפן, אַז די אַלע רייד און פאָדערונגען וועלן האָבן דעם געוואונטשענעם אָפּקלאַנג אין וואַשינגטאָן און דער אָפּרוף וועט זיין אַ שנעלער און אַ פּאָזיטיווער, וואָס וועט אָפּהילכן אין מאָסקווע.

קאַפּיטל 21

וואַשינגטאָן וואַרט אויף ניקסאָנס באַשלוס

דער דרוק אויף דער רעגירונג צו געבן „פאַנטאָם"־עראָפּלאַנען צו ישראל. — די שטעלונג פון דעם סטייט־דעפּאַרטאַמענט. — קאָנגרעס־קרייזן פאַרשטייען בעסער די לאַגע אין נאָענטן מזרח. — פּרעזידענט ניקסאָן פאַסט ענדגילטיקן באַשלוס.

דער ענדגילטיקער באַשלוס וועגן דעם פאַרקויף פון אַמעריקאַנער עראָפּלאַנען צו ישראל, וועט אין לעצטן סך־הכל געפאַסט ווערן פון פּרעזידענט ניקסאָן גופא. נישט אויסערן־מיניסטער ראָדזשערס, נישט די פּראָ־אַראַבישע קליקע פון סטייט־דעפּאַרטאַמענט, נישט דער דרוק פון די אַראַבישע לענדער און זייערע משרתים, די אַמעריקאַנער אויל־פירמעס, און אַפילו נישט די איבערוועגנדיקע פּראָ־ישראל מאַיאָריטעט אין ביידע

הייזער פון קאָנגרעס, וועלן מאַכן דעם באַשלוס. בלויז פּרעזידענט ניק־סאָן קען עס טאָן.

זיי נוצן אַלע אויס אַ שטאַרקן דרוק און באַמיען זיך אויף אַלע אופנים, אַז זייער שטעלונג זאָל איבערגעוועלטיקן, אָבער סוף כל סוף, וועט דער פּרעזידענט זיך מוזן רעכענען אַממערסטן מיט דער מיינונג פון קאָנגרעס, צוליב צוויי הויפּט־סיבות: ערשטנס, שטייט דער קאָנגרעס נעענטער צום פאָלק און אַנטשפּרעכט די שטימונגען און מיינונגען פון דעם אַמעריקאַנער פאָלק; צווייטנס, קומען הייעטיקס יאָר פאַר וויכטיקע קאָנגרעס־וואַלן און פּרעזידענט ניקסאָן איז אַ גוטער פּאָליטיקער צו פאַרשטיין די באַדייטונג דערפון.

עס ווערט דערוואַרט, אַז דער פּרעזידענט זאָל באַקאַנט־מאַכן זיין באַשלוס אין די נאָענטסטע טעג. לענגער אָפּציען האָט קיין זין נישט. שוין איבער צוויי חדשים, אַז מען „שטודירט" דעם ענין, און דאָ האָט מען לעצטנס אפילו אָנגעהויבן רעדן, אַז די רעגירונג (ד. ה. דער פּרע־זידענט), קען נישט פאַסן קיין באַשלוס, אַז עס איז נישטאָ די גענויע פּירערשאַפט, און אַז מען לאָזט וויכטיקע פּאָליטישע ענינים זאָלן פאַר־שלעפּט ווערן אין דער לאַנגער באַנק. ממילא, וועט דער באַשלוס קו־מען גאָר אין גיכן.

אָבער וואָס פאַר אַ באַשלוס וועט עס זיין? וועט עס טאַקע זיין לטובת ישראל און וועט מען איר געבן אַלע 125 עראָפּלאַנען, וואָס זי פאַרלאַנגט? אין די קאָנגרעס־קרייזן איז די שטימונג גאָר אַן אָפּטימיסטי־שע, מעגלעך אַפילו צו אָפּטימיסטיש, אַז ישראל וועט באַקומען די גע־ווונטשענע צאָל עראָפּלאַנען. לאָמיר האָפן, אַז עס וועט טאַקע זיין אַזוי. אָבער אין די סטייט דעפּאַרטאַמענט־קרייזן הערט מען אַנדערע דיבורים. דאָרט נעמט מען זייער ערנסט די אַראַבישע כטראַשונקעס און די וואָרע־נונגען פון די אויל־פירמעס, וואָס ווילן נישט פאַרלירן זייערע קאָנצעסיעס אין די אַראַבישע לענדער, ממילא אַרבעט מען אויף אַלע כלים, אַז אַמעריקעס הילף פאַר ישראל זאָל זיין וואָס וויניציקער און וואָס נישטיקער.

די דערוואַרטונג איז, אַז הילף צו ישראל וועט געגעבן ווערן, אָבער ווי גרויס די הילף וועט זיין, איז נאָך נישט קלאָר. עס איז זייער מעגלעך, אַז די הילף וועט געגעבן ווערן אין קליינע דאָזעס, ביסלעכווייז, אַ ביסל עראָפּלאַנען פון דעם מין און עטלעכע פון יענעם מין. מען וועט עס אויסציען במשך פון פיל חדשים, אויב נישט עטלעכע יאָר. מען וועט

פרובירן שאַפן דעם איינדרוק, אַז דאָס גיט מען בלויז צו דעקן די פאַר־לוסטן, וואָס ישראל האָט ביז איצט געליטן. פאַר דער וועלט, וועט מען קענען אָנווייזן, אַז אַזאַ באַגרענעצטע הילף איז געצילט נישט אויפצובלאָזן דעם וואָפן־געיעג. און פאַר די אַראַבער וועט עס דינען נישט אויפצורייצן זיי צופיל און נישט שטעלן אין געפאַר די אַמעריקאַנער אויל־קאָנצעסיעס.

אין גאַנצן אָפזאָגן ישראל קען מען נישט. אַפילו די פאַרהאַרטעוועט־סטע פראָ־אַראַבישע באַאַמטע אין סטייט דעפּאַרטאַמענט, זעען שוין הייַנט איין, ווי גרינגלעך די לאַגע האָט זיך געביטן אין די לעצטע חדשים זינט סאָוויעט־רוסלאַנד איז אַריין מיט ביידע פיס קיין עגיפּטן. זיי האָפן נאָך אָבער אַלץ, אַז אַמעריקע וועט נאָך קענען עפּעס אָפּראַטעווען פון איר פּרעסטיזש, אירע אינטערעסן און איר איינפלוס אין די מער מעסיקע אַראַבישע לענדער, וואָס האַלטן נאָך אָן פריינדלעכע באַציאונגען מיט אַמעריקע, ווי סאַודי־אַראַביע, ירדן, לבנון, טוניס, מאַראָקאָ און אייניקע אַנדערע.

די שטעלונג פון דעם סטייט דעפּאַרטאַמענט דעריבער איז אָנצוהאַלטן דעם סטאַטוס־קוואָ, ד. ה. דעם מיליטערישן באַלאַנס צווישן ישראל און די אַראַבישע לענדער, וואָס האָט געהערשט ביז מיט עטלעכע חדשים צוריק איידער עס זענען אָנגעקומען קיין עגיפּטן די רוסישע פּילאָטן און די רוסישע ראַקעטעס „סאַם 3". דאָס איז אָבער מער נישט מעגלעך. באַמיט מען זיך איצט דורך דיפּלאָמאַטישע מיטלען צו באַאיינפלוסן מאָסקווע, אַז אירע ראַקעטעס זאָלן פאַרבלייבן טיף אין עגיפּטן און וואָס ווייטער אַוועק פון דער סועץ־קאַנאַל געגנט. די טענה איז, אַז די הויפּט־קאַמפן וועלן זיך אָפּשפּילן אַרום דעם קאַנאַל געביט, און אויב סאָוויעטיש מיליטער וועט זיך געפינען צו נאָענט, קענען זיי נאָך אַריינגעצויגן ווערן אין די קאַמפן, און דאָס קען פירן צו אַן אויסברייטערונג פון די קאַמפן — אַן אָנצור־הערעניש, אַז אַמעריקע וועט נישט שטיין מיט פאַרלייגטע הענט אין אַזאַ פאַל.

צו דער זעלבער צייט פּרובירט מען אויסנוצן אַ שטאַרקן דרוק אויף ישראל, נישט צו מאַכן קיין לופט־אַטאַקעס טיף אין עגיפּטן, ווי זי האָט עס געטאָן אַנומלטן. די כוונה דערביי איז, צו פאַרמיידן, אַז ישראל־ערפּלאַנען זאָלן קומען אין דירעקטן צוזאַמענשטויס מיט סאָוויעטישע עראָפּלאַנען, וואָס זענען גרייט צו באַשיצן קאַיר, אַלעקסאַנדריע און אַנדערע עגיפּטישע צענטערן, און אַזוי אַרום אויסמיידן געבן רוסלאַנד

אַ תירוץ צו ווערן מער פאַרוויקלט אין דעם ישראל־אַראַבישן קאָנפליקט.

דער אויספיר דעריבער איז, אַז נישט געבן ישראל די עראָפּלאַנען, וועט דינען אַלס אַ דערמוטיקונג פאַר מאָסקווע צו ווערן נאָך מער פאַרוויקלט אין דעם קאַמף. מאָסקווע וואָלט אַזאַ באַשלוס אויסגעטייטשט אַלס שוואַכקייט מצד וואַשינגטאָן און זי וואָלט זיך דאַן ערשט ריכטיק צעפירט די הענט אין נאָענטן מזרח. ישראל וואָלט זיך דאַן באמת גע־פונען אין אַ זייער פאַרצווייפלטער לאַגע. אָבער כדי צו זיין זיכער, אַז ישראל וועט אויסמיידן צוזאַמענשטויסן מיט די רוסן און עגיפּטן, איז דער בעסטער אויסוועג איר צו געבן בלויז אַ באַגרענעצטע צאָל עראָ־פּלאַנען. צו סאָוויעט־רוסלאַנד וועט דאַן אַמעריקע זאָגן: זעט, מיר שטעלן צו צו ישראל בלויז אַ באַגרענעצטע צאָל עראָפּלאַנען, כדי צו ווייזן, אַז מיר זענען בכיוון איינגעהאַלטן. און אויב איר (ד. ה., די רוסן) וועט דריקן ווייטער און אַריינדרינגען טיפער, וועלן מיר קיין אַנדער ברירה נישט האָבן, ווי געבן ישראל גרעסערע הילף.

עס קלינגט אפשר זייער שיין אין טעאָריע, אָבער אין דער פּראַקטיק וועט עס נישט אַרבעטן. מאָסקווע וועט עס במילא אויסטייטשן אַלס שוואַכקייט מצד וואַשינגטאָן, אַלס תירוץ אָפּצוציען איר הילף וואָס ווייטער. לאָמיר זיך נישט שאַפן קיין אילוזיעס, אַז מאָסקווע וועט זיך דערשרעקן פון אַזאַ וואָרענונג פון וואַשינגטאָן, אָדער וועט נתפעל ווערן פון עטלעכע צענדליק מער עראָפּלאַנען, וואָס אַמעריקע וועט געבן צו ישראל. די קרעמלין־פירער זענען איצט אויסן צו וויסן דעם ענטפער אויף איין פראַגע: צי וועט אַמעריקע באמת זיין גרייט פאַר אַ קאָנפראָנ־טאַציע מיט רוסלאַנד אין נאָענטן מזרח? וועט אַמעריקע זיך לאָזן אַריינ־ציען אין אַ נייעם קאַמף, נאָך אירע דערפאַרונגען אין וויעטנאַם און אין קאַמבאָדיע?

ווי עס שיינט, איז די שטימונג אין קרעמלין, אַז אַמעריקע וועט זיך נישט לאָזן אַריינציען אין אַזאַ קאַמף. אָבער מאָסקווע קען באַגיין דעם זעלבן טעות, וואָס עס איז באַגאַנגען קייזער ווילהעלם, בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, היטלער בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, און אַנדערע, וואָס האָבן נישט ריכטיק אָפּגעשאַצט די שטימונג פון אַמעריי־קאַנער פאָלק. עס איז דעריבער קלאָר, אַז וואָס מער אַמעריקע זעט איין, אַז דער נאָענטער מזרח איז מער נישט בלויז אַ ישראל־אַראַבישער קאָנפליקט, נאָר איז געוואָרן פיל ברייטער אין פאַרנעם, זינט מאָסקווע

נעמט אַ גרעסערן און מער דירעקטן אַנטייל, אַלץ מער ווערט דײַטלעך, אַז אַמעריקע וועט מוזן געפינען די מיטלען צו באַשיצן זיך און אירע אינטערעסן. אויב זי וועט עס נישט טאָן, וועט זי ווערן אַ צווייט־ אָדער דריט־ראַנגיקע מאַכט און וועט פאַרלירן איר גאַנצן אײַנפלוס און פּרעס־טיזש איבער דער וועלט.

די צרה מיט וואַשינגטאָן איז, וואָס זי האָט נישט קיין באַשטימטע פּאָליטיק און באַשטימטע צילן אין נאָענטן מזרח. מען וויל אַלעמען געפעלן און מען געפעלט קיינעם נישט. מען וויל עס זאָל הערשן דאָ שלום און אויסמײַדן בלוט־פאַרגיסונג, אָבער מען האָט מורא צו רעדן מיט באַקציינער און מען לאָזט זיך שפּײַען אין פּנים אַרײַן. וואָס לענגער אַמעריקע קווענקלט זיך, וואָס לאַנגזאַמער עס דויערט פאַר איר צו פאַסן באַשטימטע באַשלוסן, אַלץ מער איז עס אַ דערמוטיקונג פאַר רוס־לאַנד אויסצונוצן אַמעריקעס אומאַנטשלאָסנקייט פאַר אירע אייגענע צוועקן. דער פאַקט איז היינט צו טאָג, אַז רוסלאַנד איז דער דאָמינירנדיקער כוח אין די אַראַבישע לענדער און טיילווייז אויך אין מיטללענדישן ים. און אַמעריקע זיצט און וואַרט און „שטודירט" און קען נישט פאַסן קיין באַשלוס.

אין די היגע קאָנגרעס־קרייזן, שײַנט מיר, פאַרשטייט מען די לאַגע בעסער ווי אין ווייסן הויז, אָדער אין סטייט־דעפּאַרטאַמענט. ווען 76 פון די הונדערט מיטגלידער פון סענאַט, ד. ה. מער ווי דריי־פערטל, שרײַבן זיך אונטער אויף אַ בריוו צום אויסערן־מיניסטער ראָדזשערס, מען זאָל פאַרקויפן די עראָפּלאַנען צו ישראל — איז דאָס אַליין אַן אויסערגעוויינלעכע דערשיינונג. עס איז נישט אָפט, אַז אַזוי פיל סענאַטאָרן זאָלן זיך אייניקן בנוגע אַן אויסלענדישן פּאָליטישן ענין. דער בריוו איז אונ־טערגעשריבן געוואָרן פון די וויכטיקסטע פירער און מיטגלידער פוןביידע פּאַרטייען אין סענאַט און דאָרטן זאָגט זיך אויסדריקלעך אַזוי: „דער באַשלוס פון סאָוויעט־רוסלאַנד צו אונטערנעמען אַ דירעקטע מיליטערישע ראָלע אין דעם ישראל־אַראַבישן קאָנפליקט, שטעלט מיט זיך פאַר, לויט אונדזער מיינונג, אַ באַדייטנדיקע ענדערונג און אַ פאַרמעסט קעגן אַמעריקעס סטראַטעגישע אינטערעסן און אַ געפאַר פאַר דעם וועלט־שלום". נאָך מער, דער בריוו שלאָגט אויך פאָר, אַז אַמעריקע זאָל באַלד אײַנשטעלן קאָנסולטאַציעס מיט אירע פאַרבינדעטע אין נאַט"אָ, דעם צפון־אַטלאַנטישן פּאַקט, „צוליב דער געפאַר, וואָס דער סאָוויעטישער מיליי־

טערישער אויפבוי אין נאָענטן מזרח שטעלט מיט זיך פאַר פאַר זייער זיכערקייט און זייער עקאָנאָמישערווירטשאַפט".

אויך אין רעפּרעזענטאַנטן־הויז ווערט צירקולירט אַ בריוו צו אַלע מיטגלידער פון ביידע פּאַרטייען, מיט אַן ענלעכן אינהאַלט, אָבער דער בריוו ווערט געשיקט צו פּרעזידענט ניקסאָן. אויף דעם בריוו זענען אונטערגעשריבן די סאַמע וויכטיקסטע פירער און מען גלויבט, אַז מינדעסטנס 300 קאָנגרעסלייט וועלן זיך האָבן אונטערגעשריבן דערויף. דעם שרייבער פון די שורות איז אין די לעצטע טעג אויסגעקומען צו רעדן מיט אַ היפּשער צאָל קאָנגרעסלייט וועגן דער פראַגע און כמעט אַלע זענען ביי דער זעלבער מיינונג, אַז אַמעריקע מוז געבן הילף צו ישראל, און אַז וואָס לענגער מען האַלט אָפּ די הילף, אַלץ ערגער וועט זיין נישט בלויז פאַר ישראל, נאָר אויך פאַר אַמעריקע. עס איז קיין אַנדער אויסוועג נישטאָ און די ריזיקע מערהייט פון קאָנגרעס זעט עס איין.

צום באַדויערן, אָבער, זעט עס דער סטייט־דעפּאַרטאַמענט נישט איין, און דער פּרעזידענט און זיינע געהילפן אין ווייסן הויז, האַלטן אין איין „שטודירן". אָבער אַפילו צום שטודירן נעמט אויך אַ סוף און מיר האַלטן שוין היינט ־מאָרגן ביי אַ באַשלוס.

קאַפּיטל 22

ניקסאָנס רייזע קיין אייראָפּע און מיטללענדישן ים

די לאַגע אין נאָענטן מזרח איז די הויפּט־סיבה פאַר זיין רייזע. — וואָס ער צילט צו דערגרייכן מיט „וויזן די אַמעריקאַנער פאָן". — וואָס עס מיינט פאַר מדינת ישראל.

זונטיק, 27טן סעפּטעמבער 1970, האָט זיך פּרעזידענט ניקסאָן אַרויס־געלאָזט אויף אַ רייזע קיין אייראָפּע און דעם מיטללענדישן ים, איבער־

הויפּט דעם מזרח־טייל פון ים, וואָס געפינט זיך נאָענט צו די ברעגעס פון ישראל. די רייזע זיינע האָט געדויערט ביז מאָנטיק, דעם 5טן אָקטאָבער. במשך פון די אַכט טעג האָט ניקסאָן באַזוכט איטאַליע, יוגאָסלאַוויע, שפּאַניע און ענגלאַנד, און דעם אַמעריקאַנער 6טן פלאָט אין מיטל־לענדישן ים.

עס איז נישט קיין נייעס, אַז אַן אַמעריקאַנער פּרעזידענט מאַכט אָפּטע באַזוכן אין אויסלאַנד, און כמעט יעדער פּרעזידענט, זינט פּרענקלין ד. רוזוועלט, ד. ה. אין פאַרלויף פון די לעצטע דריי־פיר צענדליק יאָרן, האָט געפונען פאַר נויטיק צו באַזוכן אייראָפּע אָדער דעם ווייטן מזרח, אָדער אַנדערע טיילן פון דער וועלט. אין פריערדיקע יאָרן, איבערהויפּט אין דעם 19טן יאָרהונדערט, איז עס געווען אַ גרויסע זעלטנהייט, אַז אַ פּרעזידענט זאָל אַרומרייזן איבער דער וועלט.

דאָך, אַפילו ווען עס איז מער נישט קיין נאָוויזנע, איז אינטערעסאַנט צו זען פאַר וואָס אַזאַ רייזע ווערט אונטערגענומען.

קודם כל איז וויכטיק צו באַמערקן, אַז די איצטיקע רייזע איז נישט די ערשטע קיין אויסלאַנד זינט ער איז פּרעזידענט, נאָר די דריטע. זיין ערשטער באַזוך אין אויסלאַנד אַלס פּרעזידענט, איז געווען סוף פעברואַר, אָנהייב מערץ 1969, בלויז אַ חודש נאָך דעם, ווי ער האָט איבערגענומען דעם פּרעזידענטן־אַמט. ער האָט דעמאָלט באַזוכט מערב־אייראָפּע, איינשליסנדיק בעלגיע, מערב־דייטשלאַנד, פראַנקרייך, איטאַליע און ענגלאַנד. מיט עטלעכע חדשים שפּעטער, אין יולי־אויגוסט 1969, איז געקומען זיין צווייטע רייזע קיין אויסלאַנד, אַ רייזע אַרום דער וועלט, ווו ער האָט זיך באַזונדערס אָפּגעשטעלט אין די פיליפּינען, אינדאָנעזיע, דרום־וויעטנאַם, טאַילאַנד, אינדיע, פּאַקיסטאַן, רומעניע און ענגלאַנד.

בעת יענעם צווייטן באַזוך אין אויסלאַנד, האָט ניקסאָן געשריבן אַ בריוו צו פּרעזידענט טיטאָ פון יוגאָסלאַוויע, אין וועלכן ער אַנטשולדיקט זיך, וואָס ער קען זיך נישט אָפּשטעלן אויף אַ באַזוך ביי אים און ער דריקט אויס די האָפענונג בנוגע אַ צוקונפטיקן באַזוך. אָט די האָפענונג ווערט איצט פאַרווירקלעכט, אָבער די פראַגע איז, וואָס וועט ניקסאָן באַווייזן צו דערגרייכן בעת זיינע געשפּרעכן מיט טיטאָ?

עס איז קיין שום פראַגע נישט, אַז די לאַגע אין נאָענטן מזרח איז די הויפּט־סיבה פאַר ניקסאָנס איצטיקער רייזע. ער האָט גערעדט וועגן נאָענטן מזרח מיט טיטאָן אין יוגאָסלאַוויע, מיט דעם פּויפּסט אין רוים,

ביי ווען ער האָט אָפּגעשטאַט אַ וויזיט, מיט די פירער פון דער איטאַל־יענישער רעגירונג, מיט דעם ענגלישן פּרעמיער מיניסטער, עדוואַרד היט, און מיט גענעראַל פראַנקאָ אין שפּאַניע.

אין פאַרבינדונג מיט דער רייזע, איז אויך פאַראַן אַ ביסל מיסטעריע, וואָס איז נוגע פראַנקרייך. אין וואַשינגטאָן צירקולירט אַ קלאַנג, אַז פּרעזידענט ניקסאָן וועט זיך אָפּשטעלן אין פראַנקרייך צוליב צוויי סיבות: ערשטנס, זיך זען מיטן פראַנצויזישן פּרעזידענט זשאָרזש פּאָמפּידו, וואָס וועט קומענדיקן חודש זיין צו גאַסט אין מאָסקווע, און עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז דורך אים זאָל ניקסאָן ווערן איבערגעבן צו די רוסישע פירער געוויסע מיינונגען בנוגע דעם נאָענטן מזרח און אויך וועגן וויעטנאַם. צווייטנס, איז אַ סברה, אַז ניקסאָן וויל זיך זען מיט אַמעריקעס צוויי פאַרשטייער, דייוויד ברוס און פיליפּ האַביב, וואָס באַטייליקן זיך אין די קאָנפערענצן אין פּאַריז מיט די פאַרשטייער פון צפון־וויעטנאַם. עס זאָל הייסן, אַז ניקסאָן וויל פערזענלעך דערגיין פון די אַמעריקאַנער פאַרשטייער, ווי עס האַלט ביי די קאָנפערענצן בנוגע שלום־אויסזיכטן אין וויעטנאַם.

אָבער די לאַגע אין נאָענטן מזרח פאַרבלייבט די דאָמינירנדיקע סיבה פאַר זיין רייזע. אויב אין די לענדער, וואָס ער וועט באַזוכן, וועלן די געשפּרעכן זיין דערהויפּט פון אַ פּאָליטישן כאַראַקטער, איז עס אַ זיכערע זאַך, אַז מיט די פירער פון דעם אַמעריקאַנער זעקסטן פלאָט, וועט עס זיין דורכאויס אַ מיליטערישער ענין, ווי אויך די פראַגע פון אַרויסראַ־טעווען די אַמעריקאַנער בירגער, וואָס געפינען זיך אין ירדן און די 54 געפאַנגענע, וואָס די אַראַבישע טעראָריסטן האָבן פאַרכאַפּט פון די עראָפּלאַנען. אויף דעם דיפּלאָמאַטישן לשון ווערט דער באַזוך ביי דעם פלאָט, באַצייכנט אַלס מיטל צו „ווייזן די אַמעריקאַנער פאָן”, דאָס הייסט פשוט, דעמאָנסטרירן אַמעריקאַנער מאַכט און אַ וואָרענונג זיך נישט פאַרטשעפען מיט אַמעריקע מחמת מען שפּילט זיך מיט פייער.

אויף דער רייזע ווערט פּרעזידענט ניקסאָן באַגלייט פון זיין פרוי, אויסערן־מיניסטער, וויליאַם ראָדזשערס און דעם פּרעזידענטס צוויי הויפּט געהילפן: ד״ר הענרי קיסינדזשער (אַ ייד), וואָס איז זיין הויפּט ראַט־געבער בנוגע אויסלענדישע און זיכערקייטס פּראָבלעמען, און דעיעל מאָיניהען, וואָס האָט לעצטנס אָנטייל גענומען אין אַ ריי קאָנפערענצן פון די נאַט״אָ־לענדער (צפון־אַטלאַנטישער אָפּמאַך). נאַטירלעך, וועלן

אויך מיטפאָרן אַ צאָל אַנדערע עקספּערטן פון סטייט־דעפּאַרטאַמענט, ס׳רוב טאַקע פון דער אָפּטיילונג פון נאָענטן מזרח, ווי אויך אייניקע מיליטערישע עקספּערטן.

דעם גרעסטן אינטערעס אין פאַרבינדונג מיט ניקסאָנס רייזע, ווי אויך די גרעסטע מאַס ספּעקולאַציעס, האָבן אַרויסגערופן די באַזוכן אין יוגאָסלאַוויע און ביים זעקסטן פלאָט אין מיטללענדישן ים. דאָס איז צום ערשטן מאָל, אַז אַן אַמעריקאַנער פּרעזידענט זאָל קומען צו גאַסט צו טיטאָן, וואָס איז אַ קאָמוניסט. אין די היגע קרייזן פון ווייסן הויז ווערט אָנגעוויזן, אַז לעצטן יאָר האָט ניקסאָן באַזוכט די קאָמוניסטישע רומעניע, אָבער דערביי ווערט באַטאָנט פאָלגנדיקס: סיי רומעניע און סיי יוגאָ־סלאַוויע האָבן אַרויסגעוויזן אַ היפּשע מאָס זעלבסטשטענדיקייט און נייט־ראַליטעט לגבי מאָסקווע און וואַשינגטאָן. אַמעריקעס באַציונגען מיט די צוויי לענדער, איבערהויפּט מיט יוגאָסלאַוויע, זענען זייער גוטע און מען האָפט דעריבער, אַז טיטאָ וועט איינשטימען צו באַנוצן זיין איינפלוס אויף מצרים און אויף אַנדערע אַראַבישע לענדער איינצוגיין אויף אַ שליכטונג פון דעם ישראל־אַראַבישן קאָנפליקט אין די ראַמען פון אַמעריקאַנער „ראָדזשערס פּלאַן״.

דער באַזוך ביים זעקסטן פלאָט וועט זיין דער הויכפּונקט פון ניקסאָנס רייזע און וועט, בלי ספק, צוציען די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט. ער וועט זיך טרעפן מיט די קאָמאַנדירן פון דעם פלאָט, אויף דעם קרייצער „ספּרינגפילד״, וואָס איז באַוואָפנט מיט די נייעסטע ראַקעטעס (מיסילס), און וועט אויך בייוווינען די פלאָטן־מאַנעווערס אויפן דעק פון דעם עראָ־פּלאַן־טרעגער „סאַראַטאָגע״. צו דער זעלבער צייט ווערט דער זעקסטער פלאָט היפּשלעך פאַרשטאַרקט מיט עטלעכע נייע שלאַכט־שיפן און מיליטער, וואָס קען לאַנדן אין ירדן אָדער ערגעץ־ווו אַנדערש, אויב עס זאָל נויטיק זיין.

דאָס אַלץ איז געצילט דערהויפּט צו אַנטמוטיקן סיריע און איראַק פון אַריינטרעטן אין דעם קאַמף קעגן כוסיינען און נישט דערלאָזן עס זאָל קומען צו אַ פאַנאַנדערפאַל פון כוסיינס רעזשים. דערווייל איז דאָ באַקאַנט געוואָרן, אַז חוץ די צוויי עראָפּלאַנען־טרעגערס, וואָס אַמעריקע האָט איצט אין יענע וואַסערן, „סאַראַטאָגע״ און „אינדעפּענדענס״, האָט וואַשינגטאָן געשיקט אַהין איר נייעסטן און גרעסטן עראָפּלאַנען־טרעגער, וואָס הייסט „דזשאָן פ. קענעדי״ און וואָס פירט מיט זיך 80 פון די מאָ־

דערנסטע קאַמף־ און אַטאַקע־עראָפּלאַנען. אויך ווערט געשיקט די שלאַכט־שיף „גואם", וואָס פירט מיט זיך 30 העליקאָפּטערס און בערך אַ טויזנט מאַרינען. נאָך טויזנט מאַרינען זענען אָפּגעפאָרן אויף אַן אַנדער גרופּע פון קלענערע שיפן, און צו דער זעלבער צייט, האָט מען געשיקט אַ צאָל טראַנספּאָרט־עראָפּלאַנען צו די אַמעריקאַנער באַזעס אין טערקיי און גריכנלאַנד, און עטלעכע טויזנט אַמעריקאַנער פּאַראַשוטיסטן אין דייטשלאַנד זענען פּאַראַרדנט געוואָרן צו שטיין „אויף דער וואַך" אין פאַל מען וועט זיי דאַרפן אין נאָענטן מזרח.

עס דאַרף נישט פאַרגעסן ווערן, אַז מיט דעם 6טן פלאָט פאַרט כסדר אַרום אַ גאַנץ היפּשע צאָל מאַרינען און אַנדערע טרופּן, אַזוי אַז צוזאַמען וועט דאָס „ווייזן די אַמעריקאַנער פאָן" מיט זיך פאָרשטעלן אַ היפּשן מיליטערישן כוח, איינשליסנדיק טרופּן, שיפן און עראָפּלאַנען, אַלע אויס־געשטאַט מיט די נייעסטע וואָפן. אָבער אפשר מער ווי כוח, וועט עס אויך דינען אַלס באַווייז פון אַמעריקעס שטאַרקן אינטערעס אין דעם נאָענטן מזרח, וווהין רוסלאַנד איז לעצטנס אַריינגעטראָטן מיט אַ פעסטן פוס אַ דאַנק נאַצערן. עס ווילט זיך האָפן, אַז ניקסאָנס באַזוך ביי דעם 6טן פלאָט, וועט האָבן דעם געהעריקן אָפּקלאַנג צווישן די אַראַבישע פאַנאַטיקער אין סיריע און איראַק, ביי די טעראָריסטן אין ירדן, און דערהויפּט אין דעם קרעמל אין מאָסקווע, ווו עס מוז אויסגעטייטשט ווערן ווי אַ וואָרענונג: עד כאן — און ווייטער נישט!

און נאָך אַ פאַקטאָר טאָר נישט פאַרזען ווערן, בעמלעך, אַז ניקסאָנס באַזוך ביים 6טן פלאָט איז געצילט אַלס אַ נייע פאַרזיכערונג צו ישראל בנוגע אַמעריקעס אַנטשלאָסנקייט אַנצוהאַלטן דעם מיליטערישן באַלאַנס אין נאָענטן מזרח לטובת דער ווייטערדיקער עקזיסטענץ פון דער יידישער מדינה. וועגן דעם האָט מען די לעצטע וואָך אָפּגעהאַלטן וויכטיקע שמוס־עסן אין וואַשינגטאָן מיט דעם ישראל־פּרעמיער, גאָלדע מאיר, בעת איר באַזוך און געוויסע הילף־פּלענער זענען פאָרמולירט געוואָרן.

אַזוי אַרום איז קלאָר, אַז פּרעזידענט ניקסאָנס רייזע קיין אייראָפּע און זיין באַזוך ביי דעם אַמעריקאַנער זעקסטן פלאָט, כדי צו „ווייזן די אַמעריקאַנער פאָן" אין דער איצטיקער געשפּאַנטער צייט אין יענעם טייל פון דער וועלט, קען דינען אַ וויכטיקן צוועק. סיי רוסלאַנד און סיי די אַראַבער וועלן זיך מוזן רעכענען מיט אַמעריקע אַלס פאַקטאָר אין נאָענטן מזרח. זיי וועלן מוזן אָנערקענען אַמעריקעס פאַרפליכטונגען און

איר אַנטשלאָסנקייט נאָכצוקומען די פאַרפליכטונגען. אויך האָפט וואַשינגטאָן, אַז דאָס וועט זיי באַוועגן איינצוזען, אַז בלויז דורך אַ פרידלעכער לייזונג קען עפּעס דערגרייכט ווערן, און אַז דער איינציקער אויסוועג איצט איז צו באַנייען די באַמיונגען לטובת שלום, וואָס אַמעריקע האָט לעצטנס אָנגעהויבן.

דאָס „וויזן די אַמעריקאַנער פּאַן" קען אפשר באַטראַכט ווערן אַלס אַ זשעסט, אָבער עס ווילט זיך האָפן, אַז דאָס וועט נישט אָוועקגעמאַכט ווערן מיט דער האַנט אַלס אַ פּוסטער זשעסט. מיר שיינט, אַז וואַשינגטאָן איז דאָס מאָל פיל מער ערנסט ווי עס קען זיך אויסדאַכטן. און אַ פאַלשע אויסטייטשונג פון וואַשינגטאָנס איצטיקער שטימונג קען פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ גרויסער טראַגעדיע. פּרעזידענט ניקסאָנס רייזע האָט באַשטימטע און זייער ערנסטע צילן, וואָס טאָרן נישט פאַרקוקט ווערן. די צייט איז צו ערנסט דערפאַר.

קאַפּיטל 23

האַלט עס ביי אַ באַנייונג פון „קאַלטן קריג"?

די אויסניכטערונג אין וואַשינגטאָן בנוגע מאָסקווע. — רוסלאַנדס ראָל אין נאָענטן מזרח האָט בייגעטראָגן צו אַמעריקעס אומצוטרוי. — אַנשטאָט פאַרהאַנדלונגען האַלט עס ווידער ביי קאָנפראָנטאַציע צווישן די גרויסמאַכטן. — אַמעריקעס הילף צו ישראל.

צווישן אַמעריקע און סאָוועט־רוסלאַנד איז ווידער דורכגעלאָפן אַ „שוואַרצע קאַץ" און עס האַלט דערביי, אַז דער „קאַלטער קריג" זאָל באַנייט ווערן. אין די רעגירונגס־קרייזן אין וואַשינגטאָן, איבערהויפּט אין די קרייזן פון דעם סטייט דעפּאַרטאַמענט און קאָנגרעס, פילט זיך אַ שטאַרקע אַנטוישונג בנוגע רוסלאַנד און אַ באַנייטע וואָרענונג נישט צו געטרויען מאָסקווע און אירע פירער מחמת נישט זייערע צוזאָגן און

נישט זייערע געשריבענע אָפּמאַכן זענען ווערט דאָס פּאַפּיר, אויף וועלכן זיי זענען געשריבן.

וואַשינגטאָן האָט זיך אין די לעצטע טעלעכע וואָכן שטאַרק אויסגעניכטערט פון אירע חלומות צו דערגרייכן אַ בעסערע פאַרשטענדעניש מיט מאָסקווע בנוגע אַ גאַנצער ריי עניינים פון אינטערנאַציאָנאַלן באַדייט. אין נאָוועמבער, למשל, דאַרפן אין העלסינקי, פינלאַנד, באַנייט ווערן די פאַרהאַנדלונגען צווישן אַמעריקע און רוסלאַנד וועגן באַגרענעצן סטראַטעגישע און נוקלעאַרע וואָפן, אָבער דאָ איז מען היינט זייער סקעפּטיש אין דעם דערפאָלג פון די פאַרהאַנדלונגען. עס איז זייער מעגלעך, אַז פון די באַמיונגען זאָל גאָרנישט אַרויסקומען אַ דאַנק רוסלאַנדס האַנדלונגען אין נאָענטן מזרח.

אין די היגע רעגירונגס־קרייזן קומט אויס לעצנס אָפט צו הערן די באַמערקונג: „מען קען נישט געטרויען די רוסן, און זייערע לעצטע האַנדלונגען אין נאָענטן מזרח באַשטעטיקן עס נאָך אַ מאָל". דאָס שטעלט מיט זיך פאָר כמעט אַ פולשטענדיקע ענדערונג אין דער שטימונג, וואָס האָט געהערשט אין וואַשינגטאָן ערשט מיט טעלעכע חדשים צוריק ווען מען האָט געלייגט גרויס האָפענונג צו דערגרייכן אַ שלום אין דעם ישראל־אַראַבישן קאָנפליקט, אַ באַגרענעצונג פון נוקלעאַרע וואָפן, אַ בעסערע פאַרשטענדעניש מיט רוסלאַנד, וכדומה.

טעלעכע וויכטיקע אַנטוויקלונגען ווערן אָנגעגעבן פאַר דער געענדערטער שטימונג אין וואַשינגטאָן. אין דער ערשטער ריי קומט די עגיפּטיש־סאָוויעטישע פאַרלעצונג פון דעם פייער־אָפּשטעל דורך אויפבויען די קייט פון ראַקעטעס (מיסילס) אויף דער מערב־זייט פון סועץ־קאַנאַל. אַ צווייטע איז די איבערצייגונג אין וואַשינגטאָן, אַז דאָס אַריינשיקן די סירישע טאַנקן קיין ירדן לעצטנס, איז געווען מיט דער גוטהייסונג פון מאָסקווע, און אַז די טאַנקן זענען אויף שנעל אַרויסגעצויגן געוואָרן אויף רוסלאַנדס פאַרלאַנג, ווען עס איז קלאָר געוואָרן, אַז ישראל און אַמעריקע זענען גרייט אַריינצוטרעטן אין דעם קאַמף. אַ דריטע אַנטוויקלונג איז רוסלאַנדס הינטער־קוליסן ראָלע אין עגיפּטן נאָך דעם טויט פון נאַצערן, אין אויסקלייבן אַ נאָכפאָלגער און אויסאיבן קאָנטראָל איבער עגיפּטן. אַ פערטע איז די ראָל פון דעם סאָוויעטישן פלאָט אין מיטללענדישן ים און דער ריזיקער אויפבוי פון דעם רוסישן פלאָט בכלל איבער אַלע ימים. אַ פינפטע איז דער באַריכט וועגן דער עטאַבלירונג

פון אַ סאָוויעטישער סובמאַרין באַזע אין קובאַ, וואָס ווערט באַטראַכט אַלס אַ דירעקטע געפאַר צו אַמעריקע גופא.

און עס זענען פאַראַן אויך אַנדערע אַנטוויקלונגען, וואָס האָבן גע־האָלפן אויסניכטערן וואַשינגטאָן בנוגע די סאָוויעטישע צילן און דעם באַדייט פון מאָסקוועס צוזאָגן. לעצטנס האָט דער אַמעריקאַנער פאַרטיי־דיקונגס־מיניסטער, מעלווין לעירד, אַפילו געפונען פאַר נויטיק צו וואָרענען די סאָוויעטישע פירער, אַז אויב די פאַרהאַנדלונגען וועגן באַ־גרענעצן בוקלעאַרע וואָפן און אַנדערע מזרח־מערב פאַרהאַנדלונגען וועלן נישט זיין דערפאָלגרייך, וועט אַמעריקע קיין אַנדער ברירה נישט האָבן, ווי ווידער אונטערצונעמען אַ „ריזיקע פאַרגרעסערונג" אין אירע מילי־טערישע הוצאות, ד. ה. מיליטערישע באַוואָפענונג אויף אַ גרויסן מאָס־שטאַב. וואָס איז שייך אַמעריקעס זעקסטן פלאָט אין מיטללענדישן ים, האָט לעירד באַטאָנט, אַז ער איז לעצטנס פאַרגרעסערט געוואָרן „צייט־ווייליק", אָבער דערביי האָט ער געגעבן אָנצוהערן, אַז עס ווענדט זיך ווי רוסלאַנד וועט ווייטער האַנדלען, ד. ה. כל־זמן די סאָוויעטישע געפאַר וועט ווייטער אָנהאַלטן, וועט דער אַמעריקאַנער פלאָט דאָרט פאַרבלייבן אין דער פאַרגרעסערטער מאָס.

דער פאַקט איז, אַז אין וואַשינגטאָן קומט איצט פאָר אַ היפש ביסל חשבון־הנפש בנוגע סאָוויעט־רוסלאַנד און אַמעריקעס ווייטערדיקע באַ־ציונגען מיט מאָסקווע. בעת די שורות ווערן געשריבן, קומען פאָר אין ניו־יאָרק וויכטיקע געשפּרעכן צווישן דעם אַמעריקאַנער אויסערן־מיניס־טער, ראָדזשערס, און דעם סאָוויעטישן אויסערן־מיניסטער, גראָמיקאָ. ראָדזשערס זוכט צו דערגיין, וואָס עס זענען די סאָוויעטישע פּאָליטיק און צילן, בנוגע אַ ריי אינטערנאַציאָנאַלע פראַגן, איינשליסנדיק דעם נאָענטן מזרח. איבערהויפּט וויל וואַשינגטאָן וויסן, צי מאָסקווע פאַרנעמט זיך ווידער אויף דעם וועג פון אַ „האַרטער ליניע", ד. ה. אַ באַנייונג פון דעם „קאַלטן קריג", און צי זי איז באמת און ערנסט פאַראינטערעסירט אין פאַרקוקן געוויסע סיטואַציעס, כדי צו דערגרייכן שלום אין נאָענטן מזרח און אין אַנדערע ערטער.

אויף דעם באַזיס פון דער אינפאָרמאַציע, וואָס ראָדזשערס וועט אויס־געפינען (אגב, אויב מען וועט גאָרנישט קענען אויסגעפינען וועט עס אויך זיין אַ קלאָרע אָנדייטונג וועגן די סאָוויעטישע צילן), וועט מען דאָן אין וואַשינגטאָן גענוי דורכשטודירן די וועלט־לאַגע און די ווייטער־

דיקע באַציונגען מיט רוסלאַנד. עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז מען זאָל דאָ קומען צו אַ שלום, אַז עס איז בוצלאָז צו פירן ווייטערדיקע פאַר־האַנדלונגען מיט די רוסן, סיי וועגן בוקלעאַרן וואָפן און סיי וועגן אַנדערע ענינים. פאַר וואַשינגטאָן וועט עס דינען אַלס גייער ביישפּיל, אַז סאָוויעט־רוסלאַנד האָט נאָך אַלץ נישט אויפגעגעבן אירע חלומות וועגן עקספּאַנסיע, וועגן אויסברייטערן איר איינפלוס און קאָנטראָל, ווו נאָר זי זעט אַזאַ מעגלעכקייט.

פּילייכט מער פון אַלץ, וואָס האָט געהאָלפן אויסניכטערן וואַשינגטאָן בנוגע מאָסקוועס כוונות, איז געווען די סאָוויעטיש־עגיפּטישע פאַרלעצונג פון דעם פייער־אָפּשטעל און די אויגן־רייסנדיקע שווינדלערייען, וואָס זענען באַגאַנגען געוואָרן אין אויפשטעלן די ראַקעטעס (מיסילס) קעגן ישראל ביים סועץ. מער ווי אַלע אַנדערע שריט, האָט דאָס באַוויזן די געפאַר פאַר ישראלס זיכערקייט און די סאָוויעטישע כוונות. ביי זיין פּרעסע־קאָנפערענץ דעם 9טן אָקטאָבער, האָט ראָדזשערס אויסדריקלעך געוואָרנט רוסלאַנד וועגן אירע פאַרלעצונגען פון דעם פייער־אָפּשטעל אין נאָענטן מזרח און ער האָט דערביי באַטאָנט, אַז דאָס האָט באַוויזן אַמעריקע צו „איבערדענקען זיך" וועגן ווייטערדיקע פאַרהאַנדלונגען מיט מאָסקווע. מיט עטלעכע טעג פריער האָט אַמעריקע געלאָזט וויסן ביי דער יו־ען, אַז זי ציט זיך צוריק פון די „גרויסע פיר" פאַרהאַנדלונגען וועגן נאָענטן מזרח, ביז עס וועט נישט געמאַכט ווערן אַן „אויסבעסערונג" פון די פאַרלעצונגען פון דעם פייער־אָפּשטעל.

אין די קרייזן פון סטייט דעפּאַרטאַמענט צווייפלט מען היינט זייער, צי רוסלאַנד איז טאַקע באמת ערנסט אין דערגרייכן אַ שלום צווישן ישראל און די אַראַבער. דאָ גלויבט מען אויך, אַז חוץ, וואָס דאָס אַוועקשטעלן די ראַקעטעס אויף דער מערב־זייט פון סועץ איז געצילט קעגן ישראל, איז עס אויך געצילט מצד רוסלאַנד צו דערגייין ווי ווייט וואַשינגטאָן איז גרייט צו נעמען אַ שטעלונג אין העלפן ישראל. אויב רוסלאַנד האָט געוואָלט האָבן אַן ענטפער, ווי ווייט וואַשינגטאָן וועט גיין, האָט זי עס געהאַט לעצטנס אויף צוויי אופנים: ערשטנס, אַמעריקעס גרייטקייט צו אינטערווענירן אין דעם קאַמף צווישן כוסיינס אַרמיי און די אַראַבישע טעראָריסטן, איבערהויפּט אין אַ געמיינשאַפטלעכער באַמיי־אונג מיט ישראל; און צווייטנס, דאָס געבן וואָפן צו ישראל.

וואָס איז שייך וואָפן, איז שוין געווען געמאָלדן אין דער פּרעסע, אַז

אַמעריקע שטעלט איצט צו די נייעסטע וואָפן צו ישראל, וואָס וועלן אין אַ היפּשער מאָס זיך קענען ספּראַווען מיט די סאָוויעטישע ראַקעטעס. דאָס איז אַ דירעקטער ענטפער אויף די סאָוויעטיש־עגיפּטישע פאַרלע־צונגען, און איז געצילט צו רעסטאַווירן דעם פריערדיקן מיליטערישן באַלאַנס צווישן ישראל און עגיפּטן. ישראל באַקומט איצט פון אַמעריקע נאָך עראָפּלאַנען, לופט־ערד־ראַקעטעס, עלעקטראָנישע אויסשטאַטונג צו צעטומלען די סאָוויעטישע ראַקעטעס, און אַנדערע וואָפן.

רוסלאַנד האָט אויך דערגרייכט נאָך עפּעס, חוץ אַמעריקעס גרייטקייט צו איבטערוועגירן אין ירדן און העלפן ישראל מיט וואָפן. זי האָט, דורך אירע שריט געהאָלפן אויסניכטערן וואַשינגטאָן, ווו די שטימונג איז היינט מער רעאַליסטיש בנוגע רוסלאַנד און אירע צילן, און ווו מען באַטראַכט איצט ווידער אַמעריקעס ווייטערדיקע שריט און צוקונפטיקע פּאָליטיק אין נאָענטן מזרח און אין אַנדערע פּונקטן. מען שטעלט דאָ היינט פיל פראַגן בנוגע רוסלאַנד, מען האָט נישט דעם מינדעסטן צוטרוי צו איר, מען פרעגט אָפּ איר יעדן שריט און מען צווייפלט שטאַרק אין פאַרזעצן ווייטערדיקע פאַרהאַנדלונגען מיט איר. ראָדזשערס פרעגט דירעקט ביי גראָמיקאָ: וווהין צילט איר? וואָס זוכט איר ווייטער? אָט דאָס האָט מאָסקווע דערגרייכט דורך אירע האַנדלונגען אין נאָענטן מזרח.

הויכע באַאַמטע אין דער רעגירונג פרעגן היינט: „אויב מען קען נישט האָבן אַן אָפּמאַך ווי דער פייער־אָפּשטעל אַן פאַרלעצונגען, טאָ וואָס פאַר אַ זין האָט עס צו שליסן אַן אָפּמאַך (מיט מאָסקווע) וועגן אַנדערע פראַגן?" אַזאַ פראַגע האָט לעצטנס געשטעלט דער געהילף פון פאַרטיידי־קונגס־מיניסטער, דייוויד פּעקערד. אין די פיל יאָרן, וואָס עס קומט אויס דעם שרייבער פון די שורות צו באַריכטן וועגן דער שטימונג אין וואַשינגטאָן, געדענקט איך נישט אַ צייט, ווען אַזוי פיל אומצוטרוי איז אויסגעדריקט געוואָרן בנוגע אַן אַנדער לאַנד, סיידן טאָקע וועגן רוסלאַנד אַליין בימי כרושטשאָוו.

די ענדערונג אין וואַשינגטאָנס שטימונג איז געקומען פּלוצים, ממש איבער נאַכט. אַלע פריערדיקע רייד וועגן דער „עפּאָכע פון פאַרהאַנד־לונגען" הערט מען מער נישט. אַנשטאָט דעם רעדט מען דאָ איצט וועגן אַ פאַרזעצונג פון דער „עפּאָכע פון קאָנפראָנטאַציע" צווישן די צוויי גרויסמאַכטן. די סאָוויעטיש־עגיפּטישע פאַרלעצונגען ביים סועץ־קאַנאַל האָבן געבראַכט צו אַ שנעלן סוף דעם חלום וועגן פאַרהאַנדלונגען און

האָבן באַנייט דעם פאַקט, אַז די קאָנפראָנטאַציע צווישן די צוויי, אַמעריקע און רוסלאַנד, איז נאָך ווייט נישט פאַריבער.

עס איז זייער מעגלעך, אַז פון וואַשינגטאָן זאָל מען איצט און אין דער נאָענטער צוקונפט הערן האַרבערע רייד און זען אַ פעסטערע שטעלונג. צי דאָס מיינט אַ באַנייונג פון דעם „קאַלטן קריג" איז נאָך נישט קלאָר, אָבער גיכער דאַרף עס אויסגעטייטשט ווערן אַלס אַ מער רעאַליסטישע שטעלונג אין וואַשינגטאָן צו וועלט־פראַגן — „רעאַליס־טיש", ווייל מ'האָט צו טאָן מיט רוסלאַנד. אַלס ביישפיל קען דינען דער פאַקט, וואָס דאָ הערשט היינט די מיינונג, אַז צוליב די סאָוויעטיש־עגיפּטישע פאַרלעצונגען פון דעם פייער־אָפּשטעל, פילט זיך אַמעריקע היינט מער נישט פאַרפליכטעט צו זיין איינגעהאַלטן בנוגע איר הילף צו ישראל. אין רעאַליסטישן זין, קען עס מיינען, אַז זי איז איצט פריי צו געבן ישראל יעדע מעגלעכע הילף און וואָפן לטובת איר זיכערקייט.

בקיצור, עס הערשט דאָ אַ שטימונג פון אויסניכטערונג, פון רעכענען זיך מיט די רעאַלע פאַקטן, וואָס איז שייך די באַציונגען מיט סאָוויעט־רוסלאַנד אין דער צוקונפט. עס הערשט דאָ אַ שטאַרקע אַנטוישונג מיט רוסלאַנד, אָבער אויך די אינערלעכע צופרידנקייט, אַז מען האָט זיך געכאַפּט אין צייט. „מען קען מיט די רוסן נישט האַנדלען", הערט מען דאָ אָפט. איז עס אַן אָנדייט אויף דער באַנייונג פון דעם „קאַלטן קריג"? מיינט עס, אַז מיר שטייען אויף דער שוועל פון נייע שפּאַנונגען, שאַרפע רייד און פאָכען מיט די שווערדן?

קאַפּיטל 24

דער קאָנגרעס און הילף פאַר ישראל

באַריכט פון מיליטערישן סוב־קאָמיטעט וועגן באַזוך אין נאָענטן מזרח. — קאָנגרעס־מיטגלידער באַזאָרגט וועגן סאָוויעטישער געפאַר אין מיטל־לענדישן ים. — פאָרשלאַג ישראל זאָל ווערן אַ מיטגליד פון צפון־אַטלאַנטישן אָפּמאַך. — אַנדערע רעקאָמענדאַציעס צו העלפן ישראל.

עטלעכע טעג פאַר ראש־השנה האָט אַ קאָנגרעס־קאָמיטעט דאָ אַרויס־געגעבן אַ קורצן, אָבער וויכטיקן באַריכט פון אַ באַזוך אין נאָענטן מזרח, וואָס אַנטהאַלט אַ ריי אינטערעסאַנטע רעקאָמענדאַציעס לטובת ישראל. דער באַריכט, וואָס באַשטייט בלויז פון 16 זייטן, איז צוגעגרייט געוואָרן פון אַ סוב־קאָמיטעט פון זעקס קאָנגרעסלייט, וואָס זענען אַלע מיטגלידער פון דעם מיליטערישן קאָמיטעט אין רעפּרעזענטאַטן־הויז.

די זעקס קאָנגרעסלייט, דריי דעמאָקראַטן און דריי רעפּובליקאַנער, האָבן אין דער ערשטע וואָך פון חודש סעפּטעמבער געמאַכט אַ שנעלן באַזוך אין דעם מיטללענדישן געביט, איינשליסנדיק די פאָלגנדיקע ער־טער: אַ טאָג אין שפּאַניע, ווו זיי האָבן באַזוכט די אַמעריקאַנער פלאָטן־באַזע אין ראָטאַ; אַ טאָג אין איטאַליע, ווו זיי האָבן געהאַט באַגעגענישן מיטן פלאָטן־קאָמאַנדיר פון די נאַט״אָ (צפון־אַטלאַנטישע) לענדער און מיטן קאָמאַנדיר פון אַמעריקאַנער זעקסטן פלאָט; צוויי טעג אין ישראל, ווו זיי האָבן זיך געטראָפן מיט די וויכטיקסטע רעגירונגס־פירער און מיליטערישע פירער; אַ טאָג אין מאַלטאַ, דעם אינדזל צו דרום פון איטאַליע, ווו עס געפינט זיך אַ וויכטיקער טייל פון דעם פלאָט פון די אַליאירטע כוחות און אייניקע אַנדערע ערטער.

דער צוועק פון דעם קורצן באַזוך איז געווען פשוט זיך צו באַקענען מיט די סאַמע לעצטע אַנטוויקלונגען אין דעם מיטללענדישן געביט און צושטעלן אַ באַריכט צום פאָרזיצער פון דעם מיליטערישן קאָמיטעט, קאָנ־גרעסמאַן מענדל ריווערס. אויף דעם באַזיס פון דעם באַריכט, האָט קאָנ־גרעסמאַן ריווערס מיט עטלעכע טעג שפּעטער געהאַלטן אַ לענגערע

רעדע אין קאָנגרעס, ווו ער האָט אויפן שטאַרקסטן אופן אונטערגעשטיצט דעם געדאַנק פון דירעקטע מיליטערישע הילף אין דער פאָרם פון וואָפן און געלט פאַר ישראל.

דער באַריכט פון דעם „זעקסער" קאָמיטעט הייבט זיך אָן מיט די פאָלגנדיקע ווערטער:

„אונדזער סוב־קאָמיטעט האָט זיך צוריקגעקערט שטאַרק באַזאָרגט, וואָס אונדזער פּאָזיציע אין דעם מיטללענדישן געביט איז געוואָרן קלע־נער, בעת די געפאַר איז געוואָרן באַדייטנדיקער גרעסער". נאַטירלעך, האָבן זיי דאָ דערהויפּט אין זינען די סאָוויעטישע געפאַר, וואָס איז שטאַרק געשטיגן אין מיטללענדישן געביט דורך דעם וווּקס פון דעם סאָוויעטישן פלאָט און זיין באַנוץ פון האַפנס אין די אַראַבישע לענדער, דער־הויפּט אין עגיפּטן. חוץ דער ווירקונג, וואָס דאָס אַלץ האָט אויף ישראל און אויף די ישראל־אַראַבישע באַציונגען, איז דער סוב־קאָמיטעט אויך באַזאָרגט וועגן דער ווידקונג אויף די דרום־אייראָפּעאישע לענדער, וואָס זענען פאַרבונדן מיטן מערב, ווי שפּאַניע, פראַנקרייך, איטאַליע, גריכנלאַנד, טערקיי און אַנדערע. און דערפאַר טאַקע האָט דער סוב־קאָמיטעט באַזוכט אייניקע פון די ערטער און אָפּגעהאַלטן באַראַטונגען מיט די פלאָטן־קאָמאַנדירן פון נאַט"אָ און פון אַמעריקאַנער זעקסטן פלאָט.

דעם גרעסטן טייל פון דעם באַריכט, בערך אַכט פון די 16 זייטן, האָט דער סוב־קאָמיטעט געווידמעט צו ישראל. פיר פון די אַכט זייטן אַנטהאַלטן בילדער פון די ראַקעטעס, וואָס די עגיפּטער האָבן אויפגע־שטעלט נישט ווייט פון סועץ־קאַנאַל נאָך דעם פייער־אָפּשטעל פון 7טן אויגוסט. די פאָטאָגראַפיעס זענען צוגעשטעלט געוואָרן צום סוב־קאָמיטעט דורך דער ישראל־רעגירונג. זיי האָבן גענויע אָנצייכענונגען וועגן די ראַקעטעס און ראַדאַר־אויסשטאַטונג, די צאָל קילאָמעטער פון דעם קאַנאַל, און אַנדערע אינפאָרמאַציעס. די נאָענטסטע ראַקעטע געפינט זיך בלויז 18 קילאָמעטער פון דעם קאַנאַל.

דער באַריכט גיט איבער דעם אינהאַלט פון דעם פייער־אָפּשטעל אָפּמאַך פון 7טן אויגוסט, וואָס פאַרבאָט יעדע מיליטערישע ענדערונג אויף אַ שטח פון 50 קילאָמעטער צו מערב און צו מזרח פון דעם סועץ־קאַנאַל, אָבער דער סוב־קאָמיטעט קומט צום אויספיר:

„אויף דעם באַזיס פון אינפאָרמאַציע, וואָס איז צוגעשטעלט געוואָרן צום סוב־קאָמיטעט סיי דורך דער ישראל־רעגירונג און סיי דורך דער

אַמעריקאַנער רעגירונג, איז קיין שום פראַגע נישט, אַז עס זענען פאַר־געקומען פאַרלעצונגען פון דעם פייער־אָפּשטעל אָפּמאַך דורך די עגיפּטער".

אין דעם באַריכט זאָגט זיך ווייטער, אַז בעת עס קענען אפשר זיין חלוקי־דעות ווי ווייט ערנסט די פאַרלעצונגען האָבן געענדערט דעם מיליטערישן באַלאַנס, איז עס אָבער זיכער, אַז די פאַרלעצונגען האָבן מעגלעך געמאַכט אַ גרויסע ענדערונג לגבי דער צוקונפט. נאָך מער, דאָס אויפשטעלן די ראַקעטעס האָט זיך נישט פאַרענדיקט מיט די ער־שטע טעג נאָך דעם אָפּמאַך, נאָר ווערט פאַרגעזעצט און נייע ראַקעטעס־פּלעצער ווערן כסדר געבויט. אויב דער פייער־אָפּשטעל קען פאַרלעצט ווערן אומבאַשטראָפט, פרעגן די זעקס קאָנגרעסלייט אין זייער באַריכט, טאָ וואָס פאַר אַ גוטס קען מען שוין דערוואַרטן פון אַן אָפּמאַך, וואָס וועט געשלאָסן ווערן ביי די שלום־געשפּרעכן?

און דער סוב־קאָמיטעט קומט צום אויספיר, אַז כדי צו מאַכן פאָר־שריט ביי די שלום־פאַרהאַנדלונגען, מוז איצט פאָרקומען אַ „צוריקצי פון די פאַרלעצונגען". צו דער זעלבער צייט ווערט אויסדריקלעך באַטאָנט, אַז אַמעריקע האָט פאַרזיכערט ישראל, אַז דורך אָננעמען דעם פייער־אָפּשטעל וועט עס נישט שעדיקן איר מיליטערישע פּאָזיציע. דעריבער, זאָגט זיך אין באַריכט, איז עס די שטעלונג פון דעם סוב־קאָמיטעט, אַז „אַמעריקע האָט אַ שטאַרקע פאַרפליכטונג צו זען, אַז די פאַרלעצונגען זאָלן אָפּגעשטעלט ווערן".

און דערביי קומט דער פאָלגנדיקער זייער וויכטיקער זאַץ, וואָס לייענט זיך בפירוש אַזוי: „אויב די סאָוויעטן און די עגיפּטער וואַרפן אָפּ אונדזערע פאָדערונגען צו מאַכן אַ סוף צו די פאַרלעצונגען, דאַן וועט עס זיין נויטיק פאַר אַמעריקע צו נעמען אַ קעגן־שריט". אין אַן אַנדער אָרט, ביים אָנהייב פון דעם קאַפּיטל וועגן ישראל, זאָגט זיך אַזוי: „די הויפּט־זאַך, וואָס עס פאָדערט זיך פון אַמעריקע אין איצטיקן מאָמענט, איז נישט בלויז אַרויסצוגעבן דערקלערונגען, נאָר זי זאָל טאַקע ווייזן מעשים, אַז זי שטיצט ישראל".

וואָס זענען די מעשים, וואָס דער סוב־קאָמיטעט שלאָגט פאָר? דער באַריכט פון די זעקס קאָנגרעסלייט צייכנט אָן די געגויע שריט, ווי צו העלפן ישראל — מיט וואָפן און מיט פינאַנציעלער הילף. פּונקט ווי סאָוויעט־רוסלאַנד העלפט די אַראַבער מיט וואָפן, זאָגט זיך אין באַריכט, אַזוי מוז אַמעריקע באַלד אָנהייבן צושטעלן צו ישראל די נויטיקע וואָפן,

ווי „פּאַנטאָם"־עראָפּלאַנען, „האָוקס", ראַקעטעס, טאַנקען, באָמבעס און אַנדערע וואָפן פון די נייעסטע סאָרטן. נישט נאָר האָט רוסלאַנד גוטגע־מאַכט די פאַרלוסטן, וואָס די אַראַבער האָבן געליטן אין וואָפן בעת דער זעקס־טאָגיקער מלחמה, נאָר זי האָט זיי געגעבן פיל מער און דערצו נאָך נייערע און מעכטיקערע וואָפן.

וואָס איז שייך פינאַנציעלער הילף פאַר ישראל, ווערט אָנגעוויזן אין דעם באַריכט, אַז אַ פערטל פון דער נאַציאָנאַלער פּראָדוקציע פון דער יידישער מדינה גייט פאַר פאַרטיידיקונגס־צוועקן, בעת אַמעריקע גיט אויס פאַר די זעלבע צוועקן בלויז ניין פּראָצענט פון איר נאַציאָנאַלער פּראָ־דוקציע. ממילא פאַלט עס זייער שווער פאַר ישראל צו קענען איינקויפן די נויטיקע וואָפן, כדי אָנצוהאַלטן איר מיליטערישן באַלאַנס. ישראל מוז האָבן אַמווייניקסטנס 400 מיליאָן דאָלאַר הילף אַ יאָר אין די קומענדיקע צוויי יאָר, ד. ה. 800 מיליאָן דאָלאַר. דערביי דערמאָנט דער באַריכט, אַז רוסלאַנד גיט וואָפן צו די אַראַבער טיילווייז אומזיסט און טיילווייז אויף אויסצוצאָלן במשך פון צוועלף יאָר פאַר בלויז צוויי פּראָצענט אינטערעסן, אָבער ישראל באַצאָלט פאַר די וואָפן, וואָס זי קריגט.

דעריבער ווערט פאָרגעשלאָגן אין דעם באַריכט, אַז אַמעריקע מוז באַלד איינשטעלן צוגעבּגלעכע קרעדיט־טערמינען פאַר הלוואות צו ישראל אָדער אייבּפירן „לענד־ליעס" אָפּמאַכן, ווי מיט די אייראָפּעאישע לענדער בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, אַזוי אַז ישראל זאָל האָבן די מעגלעכקייט צו באַקומען די וואָפן, עראָפּלאַנען, טאַנקען, שיפן, ראַ־קעטעס און אַנדערע זאַכן, אין וועלכע זי נויטיקט זיך. נאָך מער, זאָגט זיך אין באַריכט, וועגן מוזן געפונען ווערן צו קירצן די צייט צווישן דעם פאַרלאַנג פאַר הילף און דאָס צושטעלן די וואָפן, ד. ה. פאַרשנעלערן דעם הילף־פּראָצעס.

דער באַריכט פון דעם ספּעציעלן קאָמיטעט פון אַמעריקאַנער קאָנגרעס שטעלט זיך אָפּ אין אַ באַזונדערן טייל אויף דער פראַגע פון ישראלס גרענעצן, מיט דער באַמערקונג, אַז „ישראל וועט נישט צושטימען צו קיין גרענעץ־ענדערונגען, סיידן זי וועט באַקומען „רעאַליסטישע" שלום־אָפּמאַכן דורך דירעקטע פאַרהאַנדלונגען מיט די אַראַבער, אייבּשליסנדיק האַנדלס־אָפּמאַכן מיט די אַראַבישע לענדער און אַנדערע פּראַקטישע באַ־ווייזן, אַז די אַראַבער זענען באמת פאַראינטערעסירט אין שלום. כל־זמן די אַראַבער זאָגן זיך אָפּ צו פירן דירעקטע פאַרהאַנדלונגען, איז ישראל

שטאַרק אין ספק צי זיי זענען באמת אויסן צו דערגרייכן שלום. אַלנפּאַלס, איז זיכער, אַז ישראל וועט קיין מאָל נישט אויפגעבן די גולן־בערג, ירושלים און געוויסע פאַרזיכערונגען בנוגע איר טראַנזיט רעכט דורך דער אַקאַבאַ־בוכטע צום רויטן ים (נעבן שאַרם אַ־שייך)".

ווייטער זאָגט דער באַריכט, אַז ישראל ציט־פאָר אַן אמתן שלום איידער אַ פאַרזיכערונג פון אַמעריקע צו באַשיצן איר אומאָפּהענגיקייט. ישראל איז געבליבן אַנטוישט פון אַמעריקעס פאַרזיכערונגען אין 1956 און אין 1967, און היינט צו טאָג הערשן אין ישראל פיל ספקות, צי אַזאַ פאַרפליכטונג מצד אַמעריקע וואָלט געבראַכט די נויטיקע הילף שנעל גענוג אין אַ צייט פון אַ קריזיס. און ווען אַפילו ישראל זאָל האָבן אַזאַ פאַרפליכטונג פון אַמעריקע, וואָלט עס איר נאָך אַלץ נישט באַפרייט פון דער נויטווענדיקייט צו קעמפן פאַר איר עקזיסטענץ, און דערפאַר איז פאַר איר נויטיק צו האָבן גרענעצן, וועלכע קענען פאַרטיידיקט ווערן.

בעת זייער צוויי־טאָגיקן באַזוך אין ישראל האָבן די זעקס מיט־גלידער פון סוב־קאָמיטעט זיך געטראָפן מיט דער ישראל פּרעמיערשע, גאָלדע מאיר, מיט דעם אויסערן מיניסטער, אבא אבן, מיט דעם געהילף פון פאַרטיידיקונגס־מיניסטער, צבי צור, מיט דעם דירעקטאָר פון מיליטער־רישער אינטעליגענס, גענעראַל אהרן יריב, און אַנדערע. זיי ציטירן אין באַריכט אַן אינטערעסאַנטע באַמערקונג, וואָס אין אַ געוויסן זין איז עס אויך אַ וואָרענונג צו אַמעריקע מצד גאָלדע מאיר. אַמעריקעס צעגערן און איר אומאַנטשלאָסנקייט בנוגע די עגיפּטישע פאַרלעצונגען פון דעם פייער־אָפּשטעל און נישט פאָדערן שנעל גענוג די עגיפּטער זאָלן צוריקציען די ראַקעטעס איז זייער ענלעך צו דער אומאַנטשלאָסנקייט פון די אַליאירטע לענדער, ווען היטלער איז אַריין אין ריינלאַנד אין 1936, אָדער ווען ער האָט איבערגענומען עסטרייך. יעגע אומאַנטשלאָסנקייט האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַטאַל פאַר דעם מערב. דאָס איז אַן אָנצוהערעניש, אַז די איצטיקע אומאַנטשלאָסנקייט קען, חלילה, פירן צו ענלעכע רעזולטאַטן.

דער באַריכט וועגן ישראל ענדיקט זיך מיט דער באַמערקונג, אַז ישראל טראָגט אויף זיך דעם יאָך פון קאַמף פאַר דער פרייער וועלט אין דעם מזרח־טייל פון מיטללענדישן ים. דעריבער ווערט פאָרגעשלאָגן מצד די זעקס קאָנגרעסלייט, אַז „ס'איז צייט ישראלס סטאַטוס זאָל אָנערקענט ווערן און ישראל זאָל ווערן אַ טייל פון נאַט"אָ (צפון־אַטלאַנטישן אָפּ־מאַך). טערקיי און גריכנלאַנד זענען נישט ווייטער אַוועק פון די נאַט"אָ־

אַקטיוויטעטן, ווי עס איז ישראל״. אין אַנדערע ווערטער, ישראל איז פונקט אַזוי באַרעכטיקט צו זיין אַ טייל פון דעם מערב־בלאָק פון לענדער און געניסן פון זייער געמיינשאַפטלעכער באַשיצונג אַזוי ווי טערקיי און גריכנלאַנד.

וואָס שייך די איבעריקע טיילן פון באַריכט, פון סוב־קאָמיטעט, ווילן מיר דאָ בקיצור זיך בלויז אָפּשטעלן אויף די רעקאָמענדאַציעס בנוגע נאַט״אָ און אַמעריקעס 6טן פלאָט, מחמת דאָס רירט אָן ישראל. וועגן נאַט״אָ ווערט פאָרגעשלאָגן, אַז די צפון־אַטלאַנטישע קערפּערשאַפט זאָל זיך מער אָריענטירן אין אירע מיליטערישע אַקטיוויטעטן אויף דעם דרום, ד. ה. אין מיטללענדישן ים, צוליב דער געפאַר, וואָס רוסלאַנד שטעלט דאָרט מיט זיך פאָר איצט. דער נאַט״אָ־פלאָט דאָרטן מוז פאַרגרעסערט ווערן, ווי אויך דאַרף פאַרגרעסערט ווערן די צאָל סובמאַרינען און אַנטי־סובמאַרין־טעטיקייטן פון די נאַט״אָ־לענדער.

דער אַמעריקאַנער זעקסטער פלאָט אין מיטללענדישן ים מוז פאַרגרעסערט ווערן און מוז שפּילן דאָרטן אַ גרעסערע ראָלע, ווי ביז אַהער. דער פלאָט מוז זיך שטענדיק געפינען אין אַ צושטאַנד פון גרייטקייט, צוליב דער כסדרדיקער שפּאַנונג אין יענעם געביט און טיילן פון דעם פלאָט מוזן כסדר פּאַטרולירן אַלע פונקטן פון דעם ים. אַן אַנטי־סובמאַרין אָפּטיילונג מוז רעגלמעסיק אַרומפאָרן איבער דעם מיטללענדישן ים, ווי אויך עראָפּלאַנען און העליקאָפּטערס, כדי שנעל אויסצוגעפינען סאָוויעטישע סובמאַרינען און זייערע טעטיקייטן.

צום שלוס ווילן מיר בלויז ווידערהאָלן בקיצור די הויפּט־רעקאָמענדאַציעס פון דעם סוב־קאָמיטעט בנוגע ישראל:

1. אַמעריקע מוז באַשטיין, אַז די עגיפּטער און די רוסן זאָלן רעספּעקטירן דעם פייער־אָפּשטעל, אָפּשטעלן זייערע פאַרלעצונגען און צוריקציען די ראַקעטעס פון סועץ;
2. אַמעריקע זאָל תיכף נאָכקומען ישראלס פאַרלאַנג פאַר וואָפן און און אויף די סאַמע לייכטסטע באַדינגונגען;
3. אַמעריקע מוז געפינען אַ וועג צו פאַרקירצן די צייט, וואָס עס דויערט צווישן ישראלס פאַרלאַנג און דאָס צושטעלן די וואָפן;
4. אַמעריקע מוז צושטעלן צו ישראל 800 מיליאָן דאָלאַר אין פינאַנציעלער הילף אין די קומענדיקע צוויי יאָר;
5. די מערב־לענדער מוזן אָנערקענען, אַז ישראל קעמפט היינט פאַר

דער פרייער וועלט אין מזרח־טייל פון מיטללענדישן ים, דערי־בער דאַרף ישראל אַריינגענומען ווערן אַלס מיטגליד פון נאַט״אָ, ד. ה. פון דעם צפון־אַטלאַנטישן אָפּמאַך.

דער באַריכט פון דעם ״זעקסער״ סוב־קאָמיטעט, קומענדיק ביי דער איצטיקער ערנסטער סיטואַציע אין נאָענטן מזרח, האָט אַרויסגערופן שטאַרקן אינטערעס אין די היגע רעגירונגס־קרייזן, מיליטערישע קרייזן, און צווישן די דיפּלאָמאַטן.

קאַפּיטל 25

אַמעריקעס מיליטערישע הילף פאַר ישראל

אַמעריקעס מיליטערישע הילף נעמט אָן נייע פאַרמען. — די גרויסע מיליטערישע הילף, וואָס וואַשינגטאָן פּלאַנט פאַר דער יידישער מדינה. — די דערנעענטערונג צווישן אַמעריקע און ישראל.

אין די נאָענטסטע טעג וועט די ניקסאָן אַדמיניסטראַציע צושטעלן אַ פאַרלאַנג צום קאָנגרעס, צו באַוויליקן בערך אַ מיליאַרד דאָלאַר פאַר מיליטערישער הילף צו אַ צאָל לענדער, וואָס וואַשינגטאָן איז גערן צו העלפן. דער גרעסטער טייל פון דער סומע, אומגעפער אַרום 500 מיליאָן דאָלאַר, דערוואַרט מען, זאָל גיין פאַר ישראל, צו העלפן דעקן איר מיליטערישן בודזשעט אין דעם קומענדיקן יאָר (1971).

די האַנדלונג פונעם קאָנגרעס אויף דעם פאַרלאַנג פון דער אַדמי־ניסטראַציע וועט, ווי עס שיינט, נישט פאַרצויגן ווערן. דער ענין מוז דערליידיקט ווערן אין די גאַר נאָענטסטע וואָכן, וואָרשיינלעך אַרום מיטן חודש דעצעמבער, מחמת אין יאַנואַר קומט שוין אַריין אַ ניי־אויסגעוויילטער קאָנגרעס. דער פאַרלאַנג פאַר מיליטערישער הילף איז אייגנטלעך אַ צוגאָב־אָפּעראַציע, וואָס ווערט געוויינלעך איבערגעלאָזן צום שלוס פון אַ סעסיע, און די היי־יאָריקע סעסיע וועט פאַרענדיקן איר אַרבעט אַרום מיטן דעצעמבער.

אַ חוץ ישראל, וועט אין דעם פאַרלאַנג צום קאָנגרעס אויך איינגע־

שלאָסן ווערן מיליטערישע הילף, אָדער בעסער געזאָגט, הילף פאַר מיליטערישע צוועקן, פאַר די פאָלגנדיקע לענדער: קאַמבאָדיע, דרום־קאָרעע, טאַיוואַן (די נישט־קאָמוניסטישע כינע), טערקיי, גריכנלאַנד און ירדן. געננוי וויפל יעדע פון זיי וועט באַקומען, איז פאָרלויפיק נישט קלאָר, אָבער ווי עס זעט אויס, וועט ישראל באַקומען אַזוי פיל וויפל די אַנדערע זעקס לענדער צוזאַמען גענומען. מיר ווילן אָבער נאָך אַ מאָל ציען דעם לייענערס אויפמערקזאַמקייט צום וואָרט „צוגאָב־אַפּראָפּריאַציע" און דערביי באַטאָנען, אַז יענע אַנדערע לענדער האָבן שוין באַקומען היפשע סומעס הילף פון אַמעריקע פאַר מיליטערישע צוועקן און דאָס, וואָס עס וועט זיי געגעבן איצט, איז בלויז אַ צוגאָב.

וואָס איז שייך ישראל, איז אָבער די סיטואַציע אַן אַנדערע. ישראל האָט ביז לעצטנס באַקומען פון אַמעריקע בלויז הלוואות פאַר עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג און אַ קליינע מאָס טעכנישע הילף, אָבער זייער ווייניק מיליטערישע הילף. ערשט מיט אַ צוויי יאָר צוריק, ביים סוף פון דער דזשאָנסאָן אַדמיניסטראַציע, האָט מען אָנגעהויבן פאַרקויפן צו ישראל געוויסע וואָפן און עראָפּלאַנען, ווי „סקאַיהאָקס" און „פאַנטאָמס". אומגעפער מיט אַ יאָר צוריק, בעת איר ערשטן אָפיציעלן באַזוך ביי פּרעזידענט ניקסאָן, האָט די ישראל־פּרעמיערשע, גאָלדע מאיר, צוגעשטעלט צו אַמעריקע אַ צעטל פון וואָפן, וואָס זי באַדאַרף, אָבער וואַשינגטאָן האָט זיך נישט געאײַלט צו ליפערן די וואָפן.

אין די פאַרגאַנגענע עטלעכע חדשים, איז פאָרגעקומען אַ גאַנצע ריי פּאַסירונגען אין נאָענטן מזרח, וואָס האָבן געבראַכט טיפע ענדערונגען אין וואַשינגטאָנס באַציונג צו דער אַלגעמיינער לאַגע. מען האָט דאָ ענדלעך אָנגעהויבן איינזען די אמתע באַדייטונג און די געפאַר, וואָס סאָוויעט־רוסלאַנד שטעלט מיט זיך פאַר אין מיטללענדישן ים און אין יענעם גאַנצן געביט. דער טויט פון נאַצערן, דער פייער־אָפּשטעל און די פאַרלעצונגען פון דעם אָפּמאַך מצד עגיפּטן און רוסלאַנד, דאָס פאַרכאַפּן פון די עראָפּלאַנען אין סעפּטעמבער דורך אַראַבישע טעראָריסטן, די קאַמפן אין ירדן צווישן דער כוסיין־רעגירונג און די טעראָריסטן — דאָס אַלץ האָט געבראַכט צו אַן איבערשיכטונג אין וואַשינגטאָנס צוגאַנג און צו אַ דערנענטערונג צווישן אַמעריקע און ישראל.

אין סעפּטעמבער פון הייַנטיקן יאָר, האָט גאָלדע מאיר געמאַכט איר צווייטן אָפיציעלן באַזוך אין וואַשינגטאָן, און דאָס מאָל האָט זי שוין

געפונען אַ וואָרעמערן אָפּקלאַנג צו אירע פּאַרלאַנגען צו קריגן וואָפן. ווען זי האָט קורץ פאַר ראש־השנה זיך אומגעקערט קיין ישראל האָט זי שוין געקענט פאַרזיכערן איר פאָלק, אַז אַמעריקע איז אַ גרויסער און מעכטיקער פריינד פון ישראל, און אַז מען וועט באַקומען די געוווּנטשענע וואָפן, הגם נישט אין דער פולער מאָס, ווי מען האָט פאַרלאַנגט.

נישט נאָר האָט די שטימונג לגבי ישראל זיך געביטן אין די קרייזן פון דער רעגירונג, נאָר אויך דער קאָנגרעס — וואָס איז שטענדיק געווען פיל מער פריינדלעך צו ישראל, ווי דער סטייט דעפּאַרטאַמענט און אַפילו ווי דאָס ווייסע הויז — האָט לעצטנס אָנגענומען אַ וויכטיקן באַשלוס לטובת מיליטערישער הילף פאַר ישראל. אָנהויב אָקטאָבער האָט דער קאָנגרעס גוטגעהייסן דעם יערלעכן וואָפן־געזעץ, וואָס אַנטהאַלט אַ ספּע־ציעלן פּונקט, פאָרגעשלאָגן פון סענאַטאָר העברי דזשעקסאָן (אַ דעמאָקראַט פון שטאַט וואַשינגטאָן), צו געבן ישראל אומבאַגרענעצטן קרעדיט צו קויפן וואָפן אין אַמעריקע. אין סענאַטאָר דזשעקסאָנס אַמענדמענט, וואָס איז איצט אַ טייל פונעם געזעץ, זאָגט זיך, אַז דער קאָנגרעס באַטראַכט מיט טיפער זאָרג די שטייגנדיקע סאָוויעטישע פאַרוויקלונגען אין נאָענטן מזרח און די געפאַר, וואָס דאָס שטעלט מיט זיך פאָר, און אַז דעריבער ווערט פּרעזידענט ניקסאָן באַפולמעכטיקט צו דערלויבן קרעדיטן צו קויפן וואָפן (ד. ה. פאַר ישראל), כדי צו רעסטאַווירן דעם מיליטערישן באַלאַנס אין נאָענטן מזרח.

בעת דער ענין איז אויפגעקומען אין קאָנגרעס זענען געהאַלטן גע־וואָרן שטאַרקע רעדעס, אַז ישראל „שטייט איינע אַליין קעגן קאָמוניזם" אין נאָענטן מזרח, און אַז אַמעריקע מוז איר קומען צו הילף. בלויז איינער האָט פּראָטעסטירט קעגן דעם אַמענדמענט צו געבן ישראל מילי־טערישע הילף — דער טרויעריק־באַרימטער שונא ישראל און פראַ־אַראַבער, סענאַטאָר פולברייט פון אַרקענסאַ, וואָס האָט זיך דערלויבט צו מאַכן די לעכערלעכע באַשולדיקונג, אַז „די ציוניסטן איבן אויס גרויס מאַכט אין אונדזער קאָנגרעס". אגב, האַלט ער זיך אין איין פאַרענטפערן, אַז ער איז נישט קיין אַנטיסעמיט און דערפאַר רעדט ער קיין מאָל נישט וועגן „יידן" נאָר וועגן „ציוניסטן", וואָס דאָס אייגנטלעך הערט מען דאָך אויך פון מאָסקווע און קאיר — און אויך דאָרטן זענען דאָך זיכער נישטאָ קיין אַנטיסעמיטן...

באַלד נאָך דעם ווי דער קאָנגרעס האָט אָנגענומען דעם באַשלוס

ווען וואָפּן פאַר ישראל, איז די רעגירונג אין וואַשינגטאָן טאַקע צוגע־טראָטן צו רעאַליזירן דעם באַשלוס. צו ערשט איז אָנאָנסירט געוואָרן, אַז מען פאַרקויפט צו ישראל 18 „פאַנטאָם"־עראָפּלאַנען, אַ צאָל „סקייהאָקס" און געוויסע עלעקטראָנישע אויסשטאַטונג, וואָס איז געצילט קעגן די סאָוויעטישע ראַקעטעס. דערנאָך האָט מען געמאָלדן וועגן דעם פאַרקויף פון 200 מאָדערנע טאַנקען, וואָס וועלן בייטראָגן צו דער פאַרשטאַרקונג פון דער ישראל־אַרמיי און איר פייער־קראַפט. ישראל האָט איבער טויזנט אַמעריקאַנער און ענגלישע טאַנקען פון פריער, אַ צאָל פון זיי שוין אַ ביסל פאַרעלטערטע, אַזוי, אַז מיט דעם צוגאָב פון די 200 בייעסטע טאַנקען, זענען אירע כוחות פיל געשטאַרקט געוואָרן. די נייע אַמעריקאַנער טאַנקען, וואָס הייסן „עם־60", ווערן באַטראַכט אַלס די בעסטע אין דער וועלט און זיכער בעסער פון די טאַנקען, וואָס עגיפּטן האָט באַקומען פון רוסלאַנד. עס דאַרף נישט פאַרגעסן ווערן, אַז די ישראל־טאַנקען זענען געווען די „העלדן" פון דער זעקס־טאָגיקער מלחמה, ווייל זיי האָבן צעשמעטערט די עגיפּטישע אַרמיי אין סיני מדבר.

לעצטע וואָך איז ווידער געקומען אַ מעלדונג, אַז וואַשינגטאָן האָט באַוויליקט פאַר ישראל נאָר 18 „סקייהאָקס" קאַמף־באָמבאַרדיר־עראָפּלאַנען, כדי צו העלפן רעכטשטעלן דעם מיליטערישן באַלאַנס צווישן ישראל און עגיפּטן. פאַר דעם האָט ישראל שוין באַקומען 88 „סקייהאָקס" פון אַמעריקע, וואָס זענען איצט אַ וויכטיקער טייל פון ישראלדיקן לופט־פלאָט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די „סקייהאָקס" קענען איבערשטייגן די בעסטע סאָוויעטישע „מיגס". די ישראלים האָבן געמאַכט אייניקע קליינע אויסבעסערונגען אין דעם „סקייהאָק" און ער איז היינט וואַרשיינלעך דער בעסטער באָמבאַרדיר־עראָפּלאַן.

וויפל קאָסטן אַזעלכע מאָדערנע וואָפּן? אַ „פאַנטאָם"־עראָפּלאַן קאָסט 4 מיליאָן דאָלאַר, אַ „סקייהאָק" — צוויי מיליאָן, און אַן „עב־60" טאַנק — אַרום צוויי הונדערט טויזנט דאָלאַר. ווי געזאָגט, וועט מען איצט באַוויליקן אַרום 500 מיליאָן דאָלאַר קרעדיט פאַר ישראל, און דאָס מיינט, אַז אין פאַרלויף פון אַ יאָר וועט ישראל קענען איינקויפן וואָפּן פון אַמעריקע פאַר אַזאַ סומע. מיט דעם ענדיקט זיך עס אָבער נישט. אומגעפער אַן ענלעכע מאָס הילף ווערט אויך געפּלאַנט אויף נאָך אַ יאָר אָדער צוויי, אַזוי, אַז צוזאַמען וועט ישראל באַקומען קרעדיט אויף אַרום

אַ מיליאַרד דאָלאַר אויף איינצוקויפן וואָפן במשך פון די קומענדיקע צוויי־דריי יאָר.

בעת מיר רעדן דאָ כסדר וועגן וואָפן און מיליטערישער הילף פון דעם סאָרט, איז וויכטיק צו באַטאָנען, אַז ישראל באַמיט זיך אויך צו באַקומען פון אַמעריקע געוויסע אַנדערע גאַראַנטיעס פון אַ מיליטערישן און דיפּלאָמאַטישן כאַראַקטער, ווי אויך אַז אַמעריקע זאָל אויסנוצן מער דרוק אויף מאָסקווע און קעגן מאָסקווע צו פאַרמיידן אַ דירעקטע סאָ־וויעטישע פאַרוויקלונג אינעם נאָענטן מזרח.

נאָך אַ מאָל ווילן מיר באַטאָנען, אַז די געלטער אָדער קרעדיטן, וואָס ישראל באַקומט פון אַמעריקע, כדי איינצוקויפן די וואָפן, זענען נישט קיין געשאַנק, נאָר אַ הלוואה, וואָס ישראל וועט מוזן צוריקצאָלן. ווי אַזוי די הלוואה וועט צוריקגעצאָלט ווערן, די צאָל יאָרן און די אַנדערע דעטאַלן, וואָס זענען פאַרבונדן דערמיט, וועט שפּעטער־צו אויסגעאַרבעט ווערן. פאַר אונדז אַלעמען דאַרף זיין קלאָר, אַז ישראל פאַרשולדיקט זיך איבערן קאָפּ, און סיי אירע בירגער און סיי דאָס יידנטום איבער דער גאַנצער וועלט וועלן פיל יאָרן מוזן טראָגן די לאַסט פון דעם חוב, כאָטש די קרעדיטן וועלן זיין לאַנג־טערמיניקע און אויף גינסטיקע באַדינגונגען פאַר ישראל.

נישט געקוקט, וואָס די הילף צו ישראל איז אין דער פאָרם פון קרעדיטן, ד. ה., אַן הלוואה, טאָר אָבער נישט מינימיזירט ווערן דער פאַקט, אַז דאָס איז די גרעסטע מאָס הילף, וואָס ישראל האָט ווען באַקומען פון אַמעריקע אָדער פון אַנדערע לענדער. בעת דאָ רעדט זיך כסדר וועגן מיליטערישער הילף, איז אויך נישט אויסגעשלאָסן, אַז די עקאָנאָמישע הילף, וואָס ישראל פלעגט אַ מאָל באַקומען אין דער פאָרם פון אַ געשאַנק און וואָס איז אָפּגעשטעלט געוואָרן מיט אַ זיבן־אַכט יאָר צוריק, זאָל ווידער באַנייט ווערן. די עקאָנאָמישע הילף וועט אָבער זיין אין אַ פּיל־פיל קלענערער מאָס, ווי די מיליטערישע הילף. אין בעסטן פאַל קען עס מיינען עטלעכע צענדליק מיליאָן דאָלאַר.

אויך די אומדירעקטע הילף פאַר ישראל דאַרף נישט פאַרזען ווערן, און מיר מיינען דאָ די אָנוועזנהייט פון דעם אַמעריקאַנער זעקסטן פלאָט אין מיטללענדישן ים, וואָס קען באַנוצט ווערן אין אַן עת צרה. דער פלאָט איז באַדייטנדיק פאַרשטאַרקט געוואָרן אין סעפּטעמבער, בעת דעם קריזיס אין ירדן, אָבער זינט דאַן האָט מען צוריקגערופן עטלעכע שיפן.

לעצטנס אָבער, האָט וואַשינגטאָן באַשלאָסן צו שיקן אַהין אַלס שטענ־דיקן טייל פונעם פלאָט אַ ספּעציעלע שיף, וואָס טראָגט אויף זיך 25 העליקאָפּטערס, וואָס קענען במשך פון אַ שעה צייט, אָדער ווייניקער לאַנדן 15 הונדערט אַמעריקאַנער מאַרינס אין נאָענטן מזרח. דאָס איז איינס פון די מיטלען, ווי אַזוי אַמעריקע איבט־אויס אַ דרוק אויף רוסלאַנד אין יענעם וועלט־טייל.

דאָס איז דער נייער צוגאַנג אין וואַשינגטאָן בנוגע הילף פאַר ישראל. עס איז פאַראַן אַ גרונט צו גלויבן, אַז וואָס מיר זעען איצט איז דער אָנהויב, און אַז די הילף וועט זיך באמת צעוואַקסן אין די קומענדיקע עטלעכע יאָר און וועט העלפן פאַרזיכערן די עקזיסטענץ פון דער יידישער מדינה.

קאַפּיטל 26

די סאָוויעטישע געפאַר אין נאָענטן מזרח

קאָנגרעס דיסקוטירט די סאָוויעטישע געפאַר. — די דערוואַרטע קאָנפראָנטאַציע אין מיטללענ־דישן ים. — דער סאָוויעטישער פלאָט און דער אַמעריקאַנער. — רוסישע דאָמינאַציע איבער דעם נאָענטן מזרח.

מיט אייניקע וואָכן צוריק איז אין רעפּרעזענטאַנטן־הויז אין וואַשינג־טאָן פאָרגעקומען אַ זייער אינטערעסאַנטע דיסקוסיע אַרום דער פראַגע פון סאָוויעט־רוסלאַנדס מיליטערישער מאַכט און די געפאַר, וואָס אַ שטאַרק באַוואָפנטע רוסלאַנד שטעלט מיט זיך פאָר פאַר אַמעריקע און פאַר דער פרייער וועלט בכלל. די דיסקוסיע האָט דעמאָלט אָנגעהויבן דער פאַר־זיצער פון מיליטערישן קאָמיטעט, קאָנגרעסמאַן מענדל ריווערס (זיין נאָמען איז טאַקע מענדל, אָבער ער איז נישט קיין ייד), און בערך אַ צוויי טוצן קאָנגרעסלייט פון ביידע פּאַרטייען האָבן דאַן אָנטייל גענו־מען אין דער דעבאַטע.

דער קאָנגרעס האָט די דיסקוסיע באַטראַכט אויף אַזוי פיל וויכטיק, אַז מען האָט באַשלאָסן עס אָפּצודרוקן אין אַ באַזונדער בראָשור און עס פאַרשפּרייטן אַזוי ברייט ווי עס לאָזט זיך, כדי דאָס זאָל דינען אַלס וואָרענונג צום אַמעריקאַנער פאָלק. די בראָשור, אין וואָסערע 40 זייטן, איז לעצטנס דערשינען אונטער דעם נאָמען „די סאָוויעטישע געפאַר". אין אַ קורצער הקדמה זאָגט זיך, אַז אין פאַרלויף פון אַ צאָל פאַרהערן, וואָס דער מיליטערישער קאָמיטעט האָט אָפּגעהאַלטן אין די פאַרגאַנגענע עטלעכע חדשים, האָבן די מיטגלידער פון דעם קאָמיטעט באַקומען געוויסע אינפאָרמאַציע בנוגע דעם אויפבוי פון דער סאָוויעטישער מיליטערישער מאַשין. אַלס רעזולטאַט פון דער אינפאָרמאַציע איז דער קאָמיטעט שטאַרק באַזאָרגט וועגן דער סיטואַציע. צום באַדויערן, זאָגט זיך, איז אַ גרויסער טייל פון דער אינפאָרמאַציע פון אַ געהיימען כאַראַקטער און קען נישט פאַרעפנטלעכט ווערן, אָבער גענוג איז באַקאַנט צו קענען אַרומרעדן אין אַלגעמיינע טערמינען די סאָוויעטישע געפאַר פאַר אַמעריקע.

אויף דעם סמך איז דאַן פאָרגעקומען די דיסקוסיע, וואָס האָט אָנגעהאַלטן עטלעכע שעה אין קאָנגרעס. ריוועדס האָט אויפגעפאָדערט דעם קאָנגרעס און דאָס פאָלק צו שטעלן אַמעריקעס פאַרטיידיקונג און זיכערקייט העכער פאַר אַלץ, מען זאָל נישט שניידן דעם מיליטערישן בודזשעט און דאָס פאָלק זאָל שטיין פאַראייניקט, כדי נישט צו געבן רוסלאַנד קיין פאַלשע אילוזיעס און זי זאָל נישט אָנהייבן קיין נייע וועלט־מלחמה. ער האָט אָנגעוויזן, אַז דער סאָוויעטישער פלאָט איז היינט אַזוי גרויס ווי דער אַמעריקאַנער און אפשר גרעסער, און ער גרייכט אין וואַסערן, וווּ מען האָט די רוסן פריער זעלטן געזען; אָבער איצט זעגען זיי דאָרטן אַ מאַכט, למשל, אין מיטללענדישן ים, אין אינדישן אָקעאַן, און אין די ווייטסטע שטרעקעס פון אַטלאַנטיק און פּאַסיפיק, ביי די ברעגעס פון אַפריקע און דרום־אַזיע, און אין דעם קאַריבעאישן ים, נישט ווייט פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

ריוועדס האָט באַזונדערס באַטאָנט די סאָוויעטישע געפאַר אין מיטללענדישן ים, וווּ איר פלאָט גרייכט אַרום 50—60 שיפן, איינשליסנדיק די נייעסטע נוקלעאַרע סובמאַרינס און ראַקעטעס. דער סאָוויעטישער פלאָט אין מיטללענדישן ים באַשטייט מערסטנס פון נייע שיפן, בעת דער דורכשניט עלטער פון די שיפן אין דעם אַמעריקאַנער זעקסטן פלאָט

אין מיטללענדישן ים איז איבער 18 יאָר אַלט! דאָס זעלבע קען אויך געזאָגט ווערן בנוגע אַנדערע טיילן פון דעם אַמעריקאַנער פלאָט, וואָס זענען פיל עלטער ווי דער סאָוויעטישער פלאָט, אַזוי, אַז צוליב דעם אַליין, ד. ה. די פאַרעלטערטקייט פון די שיפן, האַלט אַמעריקע ביים ווערן אַ צווייט־ראַנגיקע ים־מאַכט און רוסלאַנד פאַרנעמט אַלץ מער דאָס ערשטע אָרט אַלס ים־מאַכט.

„אַזוי זיכער ווי איך שטיי דאָ פאַר אייך, אַזוי בין איך זיכער, אַז עס וועט זיין אַ קאָנפראָנטאַציע אין מיטללענדישן ים צווישן די סאָוויעטן און אונדז", האָט ריווערס געזאָגט צו זיינע קאָלעגן אין קאָנגרעס. ווען אַזאַ קאָנפראָנטאַציע קען קומען, האָט ער נישט געזאָגט, אָבער האָט בלויז צוגעגעבן, אַז די רוסן „וועלן שאַפן די אינצידענטן, ווען עס וועט זיך זיי לוינען". דערביי האָט ער פאָראויסגעזאָגט, אַז די צייט איז נישט ווייט, ווען די רוסן וועלן באַשטיין, אַז אַמעריקע זאָל אַרויסציען איר פלאָט פון מיטללענדישן ים און פאַרלאָזן יענעם געביט — און אויב אַמעריקע וועט נישט האָבן געשטאַרקט אירע מיליטערישע כוחות וועט זי קיין אַנדער ברירה נישט האָבן און מוזן נאָכקומען דעם סאָוויעטישן פאַרלאַנג.

אין דער דיסקוסיע זענען אויך אַרויסגעבראַכט געוואָרן אַ ריי אַנדערע פאַקטן, נעמלעך, אַז רוסלאַנד האָט אין די לעצטע יאָרן געמאַכט אַ געוואַל־דיקן פאָרשריט אין דער אַנטוויקלונג פון ראַקעטעס און אַנדערע משחיתים, צו וועלכע אַמעריקע האָט נאָך דערווייל נישט געפונען קיין קאַמף־מיטל, אַז רוסלאַנד גיט אויס יערלעך מער געלט פאַר פאָרשונג און אַנטוויקלונג פון נייע וואָפן, ווי אַמעריקע טוט עס; און דעריבער בלייבט אַמעריקע הינטערשטעליק אין וואָפן, וכדומה. עס איז אויך אַרויסגעבראַכט געוואָרן דער פאַקט, אַז ווען אַמעריקע זאָל בלויז וועלן מאָדערניזירן איר פלאָט און אים ברענגען צו אַן ערשטקלאַסיקן צושטאַנד, כדי זיך צו קענען פאַר־מעסטן מיטן סאָוויעטישן פלאָט, וואָלט זי געדאַרפט אין די קומענדיקע פינף יאָר אויסגעבן מינדעסטנס 25 מיליאַרד דאָלאַר.

מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער, האָט אויך דער פאַרטיידיקונגס־מיניס־טער, מעלווין לעירד, בעת אַ טעלעוויזיע־אויפטריט, גערעדט וועגן „דער סאָוויעטישער געפאַר" דורך דעם אויפבוי פון איר פלאָט און אָפענסיווע וואָפן. רוסלאַנד רעדט איין זאַך, האָט לעירד געזאָגט, אָבער אירע טאָטן זענען אין אַ גאָר פאַרקערטער ריכטונג. דערביי האָט לעירד אויך אָנגע־

וויזן אויף דער סיטואַציע אין מיטללענדישן ים, אַלס בייַשפּיל ווי רוסלאַנד האָט שטאַרק פאַרגרעסערט איר „אָנוועזנהייט”, בעת זי האַלט אין איין רעדן וועגן שלום. אויב רוסלאַנד וועט נישט ענדערן אירע טאָטן און איר פּאָליטיק גאָר אין גיכן וועט אַמעריקע קיין אַנדער ברירה נישט האָבן ווי גוואַלדיק צו פאַרגרעסערן איר מיליטערישן בודזשעט, האָט לעירד באַטאָנט.

דאָס שיינט איצט צו זיין די שטימונג אין וואַשינגטאָן. צו לאַנג וואַרטן וויל מען נישט. דאָ ווערט מען אַלץ מער און מער איבערצייגט, אַז רוסלאַנד איז נישט אויסן קיין שלום און קיין גוטע באַציאונגען מיט אַמעריקע. לפני פּירט מען פאַרהאַנדלונגען אין העלסינקי וועגן רעדוצירן אָדער באַגרענעצן אַטאָמישע וואָפן, אָבער וואַשינגטאָן גלויבט, אַז דאָס איז געצילט בלויז צו פאַרשווענדן צייט, געבן אַמעריקע פאַלשע האָפענונגען און אַליין האָבן גענוג צייט אויפצובויען אַלץ מער אַ ריזיקע מיליטערישע מאַשין, וואָס זאָל אָנוואַרפן אַ פּחד אויף דער גאַנצער וועלט.

אין וואַשינגטאָן, למשל, גלויבט מען, אַז ווען עס וועט זיך לוינען פאַר מאָסקווע, וועט מען שאַפן אַן אינצידענט אין מיטללענדישן ים צווישן דעם סאָוויעטישן און אַמעריקאַנער פלאָט, און אַז אַזאַ אינצידענט וועט אַרויסגערופן ווערן אין פאַל, אַז עס זאָל קומען צו אַ באַנייונג פון דעם ישראל־אַראַבישן קאָנפליקט. דאָס וועט זיין אַ מאַנעוור אָפּצוציען די אויפמערקזאַמקייט פון דעם אַמעריקאַנער פלאָט און אים שטעלן אין דעפענסיווע, כדי נישט צו קענען העלפן ישראל. אָבער אין וואַשינגטאָן פאַרשטייט מען זיך אויף דעם מאַנעוור און עס איז שוין אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ געהיימער פּלאַן, וואָס דער זעקסטער אַמעריקאַנער פלאָט זאָל טאָן אין אַזאַ פאַל.

חוץ דעם פּלאַן האָט אַמעריקע אויך אָנגעהויבן לעצטנס צו פאַרגרעסערן איר פלאָט אין מיטללענדישן ים, וואָס באַשטייט פון אַרום 50 שיפן און סובמאַרינס. מען האָט אין די לעצטע וואָכן געשיקט אַהין עטלעכע שנעלע אָבער קלענערע שלאַכט־שיפן, וואָס וועלן כסדר האַלטן אַן אויג אויף יעדער באַוועגונג פון דעם סאָוויעטישן פלאָט אין יענע וואַסערן. מיט זיי זענען אויך מיטגעשיקט געוואָרן פינף לאַנדונגס־שיפן, וואָס וועלן אין אַ נויטפאַל קענען לאַנדן אַמעריקאַנער טרופּן אין משך פון געציילטע שעהן. אויך וועלן אין דער נאָענטער צוקונפט געשיקט ווערן אַ צאָל העליקאָפּטערס, וואָס וועלן קענען לאַנדן גאָר שנעל סיי מענטשן

און סיי וואָפן, ווו עס וועט נויטיק זיין. עס איז אויך צו דערוואַרטן, אַז נאָך עטלעכע נוקלעאַרע סובמאַרינס וועלן בקרוב געשיקט ווערן צום זעקסטן פלאָט אין מיטללענדישן ים.

ווי מען זאָל אָבער נישט קוקן אויף די אַלע אַנטוויקלונגען, איז עס היינט צו טאָג אַן אומבאַשטרייטבאַרער פּאַקט, אַז סאָוויעט־רוסלאַנד איז אַ דאָמינירנדיקער כוח אין דעם מיטללענדישן געביט, און אַז אַ דאַנק איר היפּשן פלאָט אין מיטללענדישן ים איבט זי אויס אַ געוואַלדיקן איינ־פלוס אויף די אַראַבישע לענדער און אויף דעם גאַנצן נאָענטן מזרח. אין פאַרלויף פון די יאָרן זינט דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען אַמע־ריקע האָט פּאַקטיש פאַרנאַכלעסיקט איר פלאָט, האָט רוסלאַנד כסדר פאַר־גרעסערט אירע ים־כוחות מיטן רעזולטאַט, אַז זי שטייט איצט ביי דער שוועל פון כמעט פולן קאָנטראָל איבערן נאָענטן מזרח, איינשליסנדיק אַ היפּשן טייל פון דעם שטח צו מזרח ביז איראַן (פּערסיע), צו דרום אין דעם אינדישן אָקעאַן און אַפריקע, און צו מערב, איבער אַ ריזיקן טייל פון צפון־אַפריקע. רוסלאַנד שטייט היינט אויף דער שוועל נישט נאָר צו קאָנטראָלירן לענדער און פעלקער, נאָר אויך דעם פאַרקער איבער דעם מיטללענדישן ים, דעם סועץ־קאַנאַל און דעם רויטן ים, און די אויל־רעסורסן אין די אַראַבישע לענדער.

עס איז קיין פראַגע נישט, אַז אין די פאַרגאַנגענע עטלעכע יאָר, אָדער בעסער געזאָגט, אין לעצטן יאָרצענדליק, איז פאָרגעקומען אַ באַ־דייטנדיקע איבערשיכטונג אינעם באַלאַנס פון מאַכט אין יענעם וועלט־טייל. רוסלאַנד האָט ביסלעכווייז באַקומען די אויבערהאַנט און האַלט איצט פּאַקטיש ביים אַרויסשטויסן אַמעריקע פון דעם נאָענטן מזרח. אַמעריקע דאַקעגן, איז נאָך נישט גרייט אויפצוגעבן איר פּאָזיציע אין דעם געביט און וועט זיך נישט לאָזן אַרויסשטויסן, און דערפאַר טאַקע רעדט מען דאָ וועגן אַ מעגלעכער קאָנפראָנטאַציע און וועגן דער „סאָ־וויעטישער געפאַר”.

צענדליקער, אויב נישט הונדערטער, יאָרן האָבן די רוסן געחלומט פון געפינען אַ וועג צו די וואַרעמע וואַסערן פונעם מיטללענדישן ים און אינדישן אָקעאַן, כדי צו קענען קאָנטראָלירן אַזיע. איצט האַלט זייער חלום ביים פאַרווירקלעכט ווערן, און דער שליסל צו מאָסקוועס דערפאָלג ליגט אין עגיפּטן און אין סועץ־קאַנאַל, וואָס איז טיילווייז אָקופּירט פון ישראל — אַלנפאַלס די מזרח־זייט פונעם קאַנאַל. אַמעריקע פאַרשטייט

הײנט זײער גוט די ראָל, וואָס ישׂראל שפּילט אין האַלטן דעם קאַנאַל פאַרמאַכט און וואָס דאָס באַדײט אין אָפּהאַלטן רוסלאַנד פון איר ווײטער־דיקן מאַרשרוט איבער דעם נאָענטן מזרח, און דערפאַר טאַקע הערשט דאָ איצט אַזוי פיל סימפּאַטיע לטובת ישׂראל. אָבער זאָל עס קלאָר פאַרשטאַנען ווערן: די סימפּאַטיע פאַר ישׂראל איז אויך אין די אינ־טערעסן און לטובת אַמעריקע, וואָס נויטיקט זיך הײנט אין ישׂראל, פּונקט ווי ישׂראל נויטיקט זיך אין איר.

לעצטנס הערט מען אַלץ זעלטענער אין וואַשינגטאָן רײד וועגן אַ פאַרשטענדיקונג מיט סאָוויעט־רוסלאַנד און וועגן פאַרבעסערטע באַ־ציאונגען, אָבער מען הערט יאָ אָפטער רײד וועגן דעם, אַז מאָסקווע האָט זיך אויף אַ האָר נישט געביטן, זי האָט די זעלבע צילן צו דאָמינירן איבער דער וועלט; אַז זי זוכט בלויז צו פאַררעדן די ציין; אַז מען קען איר נישט געטרויען איצט, פּונקט ווי מען האָט נישט געקענט געטרויען סטאַלינען פריער. בקיצור, אומעטום הערט מען דאָ איצט וועגן דער „סאָוויעטישער געפאַר". דער „קאַלטער קריג" איז דאָ צוריק, אָבער מיר דוכט זיך, אַז עס הויבט אָן ווערן הייסער...

קאַפּיטל 27

אַמעריקע און דער נאָענטער מזרח

דער אינטערעסאַנטער באַריכט פון סענאַטאָר דזשעקסאָן. — ווי ער זעט די ראָל און די צילן פון די צוויי גרויסמאַכטן אין נאָענטן מזרח. — וואָס אַמעריקע דאַרף טאָן צו פאַרזיכערן ישׂראלס קיום. — אַמעריקעס פּאָליטיק אין נאָענטן מזרח.

אין די לעצטע טעג פון חודש דעצעמבער 1970, קורץ פאַר דעם אָנהייב פון נײער יאָר, איז אין וואַשינגטאָן פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַן אינטערעסאַנטער באַריכט וועגן דעם נאָענטן מזרח פון סענאַטאָר הענרי דזשעקסאָן, אַ דעמאָקראַט פון דעם מערבדיקן שטאַט וואַשינגטאָן, וואָס

ליגט ביים פּאַסיפישן ברעג. דזשעקסאָן פאַרנעמט אַ פּראָמינענטן פּלאַץ, סיי אין סענאַט און סיי אין דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. ער איז געווען פאָרזיצער פון דער פּאַרטיי אין דער צייט, ווען דזשאָן קענעדי איז אויסגעוויילט געוואָרן אַלס פּרעזידענט, און ער איז אַ מיטגליד פון סענאַט פאַר די לעצטע 18 יאָר, ווו ער שפּילט אַ פירנדיקע ראָל.

סענאַטאָר דזשעקסאָן, וואָס איז 58 יאָר אַלט, איז אַ פאָרזיצער פון איין קאָמיטעט אין סענאַט און אַ מיטגליד פון נאָך דריי אַנדערע, צווישן זיי, דער קאָמיטעט וועגן מיליטערישע ענינים. ער האָט איצט צוגעשטעלט אַ באַריכט צום פאָרזיצער פון דעם מיליטערישן קאָמיטעט אין סענאַט וועגן זיין באַזוך אין ישראל אין הודש נאָוועמבער, ווּהין ער איז געפאָרן שטודירן די לאַגע אין נאָענטן מזרח און אַמעריקעס פּאָליטיק אין יענעם געביט. דער באַריכט, וואָס באַשטייט פון אַרום 20 מימעאָגראַפישע זייטן, וועט בקרוב אָפּגעדרוקט ווערן פון דעם קאָמיטעט, ווי אַן אָפיציעלער דאָקומענט פון סענאַט.

אין דער פּרעסע זענען דערוויל דערשינען קורצע רעפּאָרטאַזשן וועגן דעם דזשעקסאָן־באַריכט, אָבער אין די היגע רעגירונגס־קרייזן האָט מען געלייענט דעם באַריכט מיט גרויס אינטערעס. אין די ישראל־קרייזן און אין יידישע קרייזן בכלל, האָט דער באַריכט באַקומען אַ זייער וואַרעמען אָפּרוף צוליב דער קלאָרער פּראָ־ישראלדיקער שטעלונג, וואָס ווערט דאָרט אַרויסגעזאָגט. עס איז דעריבער וויכטיק, אַז די יידישע עפנטלעכקייט זאָל זיך באַקענען מיט דעם אינהאַלט פון דעם באַריכט.

חוץ וואָס סענאַטאָר דזשעקסאָן איז בכלל אַ יידן־פריינד און איז פאַראינטערעסירט אין ישראל זינט פיל יאָרן, איז ער לעצטנס געוואָרן שטאַרק באַזאָרגט וועגן דער סאָוויעטישער אַריינדרינגונג אין דעם נאָענטן מזרח, און די געפאַר, וואָס דאָס שטעלט מיט זיך פאַר אַמעריקאַנער אינטערעסן. טאַקע צוליב דעם האָט ער געמאַכט די רייזע אין נאָוועמבער קיין ישראל, כדי אַליין צו שטודירן און אָפּצושאַצן דעם פאַרנעם פון דער סאָוויעטישער אַריינדרינגונג, זיך דורכשמועסן מיט די ישראל־פירער בנוגע זייער קוק אויף דער סיטואַציע, און דאַן פאַסן אַ ריי מיליטערישע און פּאָליטישע שריט, וואָס אַמעריקע דאַרף, לויט זיין מיינונג, אָננעמען, כדי צו פאַרזיכערן די עקזיסטענץ פון ישראל און די סטאַביליטעט פון דעם מיטל־מזרחדיקן ראַיאָן, אַלס אַ גאַנצן.

אין ישראל איז ער אויסגעווען כמעט ווו אַ ווינקעלע. ער האָט באַ־

זוכט דעם גולן, ווו ער האָט זיך געטראָפן מיט דעם ישראל־גענעראַל, וואָס האָט די אויפזיכט איבער דעם מיליטער אין צפון־געביט. דערנאָך איז ער געפאָרן לענגאויס דעם ירדן ביי די איצטיקע פייער־אָפּשטעל ליניעס צו דרום. ער האָט באַזוכט צפון סיני, פאַרביי עזה, על־אַריש, ביז קאַנטאַראַ און די ישראל־פּאָזיציעס ביים סועץ־קאַנאַל. דאָרטן האָט ער געזען די ישראל־פאַרטיפיקאַציעס ביי פאַרשידענע פונקטן פון דער בר־לב־ליניע און האָט גערעדט מיט די ישראלדיקע מיליטערישע קאָמאַנדירן.

אין ירושלים האָט ער געהאַט אַ לענגערן שמועס מיט דער ישראל־פּרעמיערשע, גאָלדע מאיר. דאָרטן האָט ער זיך אויך געזען מיט דעם פינאַנץ־מיניסטער, פּנחס סאַפּיר, און מיט דוד האָראָוויץ, גאַווערנאַר פון דער ישראל־באַנק, און מיט זיי האָט ער אַרומגערעדט די עקאָנאָמישע זייט פון דער יידישער מדינה און די ווירקונג פון דעם מיליטערישן טייל פון בודזשעט אויף דער ישראל־ווירטשאַפט. אין תל־אביב האָט ער זיך באַגעגנט מיט די מיליטערישע פירער: פאַרטיידיקונגס־מיניסטער משה דיין, הויפּט פון גענעראַל־שטאַב, גענעראַל בר־לב, און מיט דעם הויפּט פון מיליטערישער אינטעליגענס, גענעראַל יריב (יאַריוו). אין אַ געוויסער מיליטערישער באַזע האָט ער געהאַט אַ געשפּרעך מיט גענעראַל מרדכי הוד, הויפּט פון ישראלדיקן לופט־פלאָט. מיט זיי אַלע האָט ער גרינטלעך אַרומגערעדט די מיליטערישע סיטואַציע, איבערהויפּט די פראַגע פון באַשטימען גרענעצן, וואָס זאָלן דינען אַלס גוטע פאַרטיידיקונג פאַרן לאַנד.

סענאַטאָר דזשעקסאָן האָט זיך אויך געטראָפן מיט צענדליקער אַנדערע באַאַמטע, פּילאָטן און ספּעציאַליסטן פון ישראלדיקע פאַרשידענע באַוואָפנטע כוחות, און מיט געוויינלעכע יונגעלייט און יונגע פרויען, וואָס דינען אין דער אַרמיי. בקיצור, ער האָט באַקומען אַן אַלזייטיקן בליק אויף אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות מיט ישראלס פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און מיליטערישע פּראָבלעמען. און טאַקע באַלד ביים אַריינפיר צו זיין באַריכט, זאָגט דזשעקסאָן, אַז ער האָט פאַרלאָזט ישראל מיט צוויי הויפּט־איבערצייגונגען:

ערשטנס, אַז די ישראלים זענען אַנטשלאָסן זיך צו פאַרטיידיקן אַליין, אַפילו אונטער די אומגינסטיקסטע באַדינגונגען (דערמיט מיינט דזשעקסאָן צו זאָגן, אַז ישראל וועט נישט פאָדערן קיין טרופּן פון אַמעריקע),

און דערצו נאָך, באַזיצן די ישראלים די פּעאיקייט, די אַנטשלאָסנקייט און מוט דאָס צו טאָן. אַלץ וואָס זיי פאָדערן איז די „געצייג״, ד. ה., די וואָפן זיך צו באַשיצן, און די דיפּלאָמאַטישע שטיצע מצד זייער פריינד. אגב, זאָגט דזשעקסאָן, אַז די מענער און פרויען פון דער ישראל־אַרמיי זענען „די פראָנט־ליניע פון דער מערבדיקער פאַרטיידיקונג אין נאָענטן מזרח״.

צווייטנס, איז דזשעקסאָן איבערצייגט, אַז דאָס פאָלק פון מדינת ישראל און זייערע דערוויילטע פירער ווילן ערנסט דערגרייכן אַ זיכערע און דויערהאַפטע לייזונג, וואָס זאָל מעגלעך מאַכן פאַר זיי צו קענען לעבן אין געזיכערטע, אָנערקענטע און שוצבאַרע גרענעצן.

און איצט לאָמיר איבערגעבן די הויפּט טיילן פון סענאַטאָר דזשעק־סאָנס באַריכט און די פּונקטן, וואָס ער באַטאָנט.

דער נאָענטער מזרח און מערב־זיכערקייט

דריי מאָל זינט דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט דער נאָענטער מזרח דורכגעמאַכט מלחמות (1948, 1956 און 1967) און אין צווישן די מלחמות האָבן אָנגעהאַלטן כסדרדיקע אַקטן פון ברוטאַלן טעראָר און אָנפאַלן. אומצוטרוי, שנאה און שפּאַנונג זענען געוואָרן אַ טייל פון דעם טאָג־טעגלעכן לעבן פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג. פאַר סאָוויעט־רוסלאַנד אָבער זענען אַזעלכע געפילן געוואָרן אַ פרוכטבאַרער באָדן אויסצו־שפּרייטן איר פּאָליטישן איינפלוס. די טיפע סאָוויעטישע אַריינדרינגונג אין נאָענטן מזרח האָט איבערהויפּט אָנגענומען אַ גרעס׳ערן כאַראַקטער אין די לעצטע יאָרן. עס איז אויך פאַרשטענדלעך, פאַר וואָס די סאָוויע־טישע אַקטיוויטעטן קאָנצענטרירן זיך אויף לענדער, וואָס האָבן נישט קיין פאָרמעלע מיליטערישע אַליאַנץ מיט אַמעריקע, ווייל דאָס שטעלט מיט זיך פאַר אַ קלענערע ריזיקע וועגן אַ דירעקטער מיליטערישער קאָנ־פראָנטאַציע מיט אַמעריקע.

סאָוויעטישע אויבערהערשאַפט אין נאָענטן מזרח וואָלט געשטעלט אין געפאַר דעם פלוס פון אויל, וואָס איז אַזוי וויכטיק פאַר אינדוסטריעלע און מיליטערישע צוועקן אין די אייראָפּעאישע לענדער און יאַפּאַן, וואָס באַקומען צווישן 80—70 פראָצענט פון זייערע אויל־באַדערפענישן פון נאָענטן מזרח. אויב מאָסקווע זאָל אָפּשטעלן דעם אויל־שטראָם קיין איי־ראָפּע, וואָלט זי מיט דעם שריט אַליין באַדייטנדיק אָפּגעשוואַכט די

מעגלעכקייט פון די נאַט״אָ־לענדער (אַמעריקעס אַליאירטע אין מערב־אייראָפּע) צו קענען לאַנג ווידערשטיין דעם סאָוויעטישן דרוק. די מערסטע אויל־פּראָדוצירנדיקע לענדער פון יענעם ראַיאָן, מיט דעם אויסנאַם פון איראַק און טיילווייז ליביע, זענען קאָמערציעל פאַרבונדן מיט דעם מערב. אַזעלכע לענדער, ווי: איראַן, קוועיט, סאַודי־אַראַביע און אַנדערע, זענען שטאַרק אומצופרידן מיט דעם שטייגנדיקן סאָוויעטישן איינפלוס, אָבער זיי זענען אויך זייער סענסיטיוו בנוגע אַמעריקעס פּאָליטיק אין נאָענטן מזרח. יעדע וואַקלעניש מצד אַמעריקע צו באַקעמפן און אָפּהאַלטן די אויסשפּרייטונג פון סאָוויעטישן איינפלוס, ווערט דורך די דערמאָנטע לענדער באַטראַכט אַלס שוואַכקייט און אומזיכערקייט צו ווען העלפן אירע פריינד אין נאָענטן מזרח.

חוץ אויל, דאַרף מען אויך נישט פאַרזען די סטראַטעגישע פּאָזיציע פון דעם נאָענטן מזרח. אַמעריקע האָט וויכטיקע אינטערעסן אין מיטל־לענדישן ים, אין דער פּערסישער בוכטע און אין אינדישן אָקעאַן, און די אינטערעסן ווערן ערנסט באַדראָט פון סאָוויעטישער אַריינדרינגונג אין יענע געביטן.

און די דריטע וויכטיקע סיבה, פאַר וואָס אַמעריקע קען נישט פאַר־בלייבן גלייכגילטיק צו די פּאָליטישע אַנטוויקלונגען אין נאָענטן מזרח, איז ישראל (די ערשטע צוויי סיבות זענען אויל און די סטראַטעגישע פּאָזיציע). אַמעריקע און ישראל, וועמענס זיכערקייט איז אין געפאַר, זענען פאַרבונדן איינע מיט די אַנדערע דורך געוויסע ווערטן, וואָס זיי טיילן געמיינשאַפטלעך, קולטורעלע קרובהשאַפט, און אַ געמיינשאַפטלעכע עטישע און רעליגיעזע ירושה. אַמעריקע האָט געהאָלפן שאַפן די יידישע מדינה און די ריזיקע מאַיאָריטעט אַמעריקאַנער באַוווּנדערן די העלדישקייט פון די ישראל־בירגער צו באַשיצן זיך קעגן זייערע פיינטלעכע שכנים. די סטאַבילע דעמאָקראַטיע וואָס איז איינגעשטעלט געוואָרן אין ישראל האָט אויך אַרויסגערופן באַוווּנדערונג ביי פיל אַמעריקאַנער. היינט צו־טאָג דינט ישראל אַלס די פראָנט־ליניע פון דער מערבדיקער פאַרטיידיקונג אין נאָענטן מזרח. דער שלום און די סטאַביליטעט פון נאָענטן מזרח ווערן איצט באַדראָט דורך דער אַגרעסיווער אַמביציע פון רוסלאַנד, וואָס שטייגט איבער דעם טראַגישן קאָנפליקט צווישן די אַראַבער און ישראל. רוסלאַנד נוצט אויס דעם קאָנפליקט פאַר אירע אינטערעסן. אַמעריקע דאַרף דאָס פאַרשטיין און דאַרף פאָרמולירן איר פּאָליטיק אין נאָענטן מזרח אויף דער סאָוויעטישער רעאַליטעט.

רוסלאַנד אין נאָענטן מזרח

רוסלאַנדס אַמביציעס אין נאָענטן מזרח זענען נישט קיין נייע דער־שיינונגען. זיי גייען צוריק אויף עטלעכע הונדערט יאָר, מינדעסטנס צום 18טן יאָרהונדערט און פריער. נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט סטאַלין געפאָדערט רוסישע באַזעס אין צפון־אַפריקע, אָבער אַמעריקע און ענגלאַנד האָבן נישט געוואָלט הערן דערפון. ווען רוסלאַנד האָט באַדראָט טערקיי און פערסיע נאָך דער מלחמה, האָט אַמעריקע אייבגע־פירט די „טרומאַן־דאָקטרין״ און זיי געהאָלפן זיך באַשיצן. אַרום 1955 האָט מאָסקווע באַשלאָסן זיך צו אָריענטירן אויף די אַראַבישע לענדער, אָנ־הייבנדיק מיט עגיפּטן, און פון דאָרטן, האָט זי ביסלעכווייז אויסגע־שפּרייט איר איינפלוס צו די פאָלגנדיקע לענדער: סיריע, איראַק, תימן, דרום־תימן, ליביע, סודאַן און טיילווייז אַלזשיר. די דערמאָנטע לענדער, עגיפּטן אַריינגערעכנט, אַנטהאַלטן בערך 70 פּראָצענט פון דער באַפעל־קערונג פון אַראַבישן טייל פון נאָענטן מזרח.

רוסלאַנד האָט היינט אַ וויכטיקע פלאָטן־באַזע אין אַלעקסאַנדריע, עגיפּטן, און אירע שיפן באַנוצן זיך פריי מיט די פאָלגנדיקע האַפנס: אַלזשיר, לאַטאַקיע, פּאָרט סאַיד, טאַרטוס, פּאָרט סודאַן, אַדען און בער־בעראַ. אין עגיפּטן געפינען זיך איצט (נאָוועמבער 1970) צווישן צען און פופצן טויזנט סאָוויעטישער מיליטערישער פּערסאָנאַל (לעצטנס איז גע־ווען באַריכטעט, אַז ס׳האָלט שוין ביי 20.000), וואָס פירן אָן מיט די נייעסטע וואָפן, דינען אַלס פּילאָטן אויף סאָוויעטישע עראָפּלאַנען, און גרייטן צו די עגיפּטער פאַר תכסיסי־מלחמה. זאָל אויך נישט פאַרזען ווערן דער פאַקט, אַז נישט נאָר איז דאָס אַלץ געצילט קעגן ישראל, נאָר אַז די סאָוויעטישע טעכניקער און שפּיאָנאַזש־עקספּערטן זענען אַקטיוו אויך קעגן אַמעריקאַנער זעקסטן פלאָט אין מיטללענדישן ים. דער קאָנטראָל איבער דעם גאַנצן לופט־פּאַרקער פון דעם עגיפּטישן לופט־פלאָט, ליגט אין די הענט פון סאָוויעטישן מיליטער, איינשליסנדיק די לופט־נעץ ביים סועץ־קאַנאַל און די נייע ראַקעטעס, וואָס זענען דאָרטן פאַרפיקסירט גע־וואָרן. עס איז אויך אַ פאַקט, אַז סאָוויעטישע שיפן האָבן אין אַלעקס־סאַנדריע אויסגעלאָדן אויסשטאַטונג, וואָס קען באַנוצט ווערן, כדי צו קענען אַריבערקרייצן דעם סועץ־קאַנאַל.

זינט דער זעקס־טאָגיקער מלחמה האָט עגיפּטן באַקומען מער מילי־

טערישע הילף, ווי אַלע אַנדערע לענדער, וואָס באַקומען אַזאַ הילף פון רוסלאַנד. באַלד אין די ערשטע חדשים נאָך דער מלחמה אין 1967 האָט רוסלאַנד גוטגעמאַכט די אַראַבישע פאַרלוסטן דורך געבן זיי געצייג און וואָפן אין ווערט פון דריי מיליאַרד דאָלאַר, דערפון אַנדערהאַלבן מיליאַרד צו עגיפּטן. אויך די נייעסטע וואָפן און ראַקעטעס, וואָס רוסלאַנד האָט צוגעשטעלט צו עגיפּטן לעצטנס ווערט געשאַצט אין אַרום אַנדער־האַלבן מיליאַרד דאָלאַר. דערצו האָט עגיפּטן אויך באַקומען עקאָנאָמישע הילף אין ווערט פון אַ מיליאַרד דאָלאַר.

אָט זענען אייניקע ציפערן פון דעם באַריכט וועגן סאָוועטישע וואָפן פאַר עגיפּטן: 40 שווערע טאַנקען, 1.200 מיטעלע טאַנקען, 150 וואַסער־טאַנ־קען, 900 „טרעגערס" צו פירן באַוואָפנטן פערסאָנאַל מיט זייער געצייג, 1.750 פעלד־האַרמאַטן, 50 לאַנד־צו־לאַנד־ראַקעטעס, 12 סובמאַרינען, 19 פּאַ־טרול־שיפלעך, וואָס קענען שיסן ראַקעטעס, 465 קאַמף־עראָפּלאַנען, אייני־שליסנדיק 300 באָמבאַרדירער און קאַמפּס־באָמבאַרדירער, און עטלעכע טויזנט לאַנד־צו־לאַנד לופט־ראַקעטעס און די ראַדאַר און אַנדערע אויס־שטאַטונג, וואָס פאָדערט זיך פאַר זיי.

ניט נאָר האָט רוסלאַנד גוט געמאַכט די פאַרלוסטן, וואָס עגיפּטן און סיריע האָבן געליטן בעת דער זעקס־טאָגיקער מלחמה, נאָר זי האָט זיי געגעבן כמעט צוויי מאָל אַזוי פיל ווי פריער. נאָך מער, פאַרעלטערטע וואָפן און עראָפּלאַנען פון פאַר 1967, זענען פאַרביטן געוואָרן אויף נייערע און מער מאָדערנע וואָפן.

דזשעקסאָן שטעלט די פראַגע: פאַר וואָס גיט רוסלאַנד אַזוי פיל הילף צו די אַראַבישע לענדער? עס איז ניט, ווייל זי איז באמת סימ־פּאַטיש צו זייערע פאָדערונגען, נאָר פשוט, ווייל זי וויל פטור ווערן פון אַמע־ריקאַנער איינפלוס אין נאָענטן מזרח און פאַרגרעסערן איר אייגענעם איינ־פלוס דאָרט. דערפאַר האַלט רוסלאַנד אָן די שפּאַנונג צווישן ישראל און די אַראַבער, און דערביי באַטאָנט דזשעקסאָן, אַז מאָסקווע וועט ניט טאָלערירן אַ רעאַליסטישן שלום אין יענעם געביט, ווייל ס'איז ניט אין אירע אינטערעסן. דורך געבן הילף די אַראַבישע לענדער, וויל זי זיי ביסלעכווייז אַריינציען אין דעם סאָוויעטישן אַרביט.

עס איז, לויט אים, צו שפּעט אַרויסצושטויסן די סאָוויעטן פון דעם געביט, זאָגט ער, אָבער עס איז יאָ מעגלעך צו באַגרענעצן די מאָס שאָדן, וואָס מאָסקווע קען דאָרט אָנטאָן. דער סועץ־קאַנאַל דינט אַלס ביישפּיל.

אויב דער קאַנאַל זאָל ווידער געעפנט ווערן, וועט עס זיין אַ גרויס געווינס פאַר רוסלאַנד און זי וועט קענען פאַקטיש באַהערשן די ימים. אַמעריקע מוז באַשטיין, אַז דער קאַנאַל זאָל בלייבן פאַרשלאָסן כל־זמן עס וועט נישט דערגרייכט ווערן אַ לייזונג, וואָס זאָל פולשטענדיק צופרידנ־שטעלן ישראל.

בנוגע די ישראל־פאַרטיפיקאַציעסביים סועץ, די בר־לב ליניע, וואָס דזשעקסאָן האָט באַזוכט, איז ער איבערצייגט, אַז די ישראל־אַרמיי איז „אין אַ גוטער מיליטערישער פּאָזיציע צו האַלטן די ליניע", ווייל זי איז קונציק געבויט און אין פאַל פון אַ באַנייונג פון דעם קאָנפליקט וועלן די ישראל־פאַרלוסטן זיין מינימאַלע. אויב די עגיפּטער וועלן פּרו־בירן צו מאַכן אַן אינוואַזיע אויף סיני דורך אַריבערגיין דעם סועץ־קאַנאַל, וועלן זיי באַצאָלן אַ זייער שווערן פּרייז, און מעגלעך, אַז זיי וועלן עס בכלל נישט קענען באַווייזן. דערביי קריטיקירט דזשעקסאָן זייער שאַרף די אַמעריקאַנער רעגירונג פאַר איר האַנדלונג לעצטן אויגוסט, ווען ישראל האָט אַנטדעקט די סאָוויעטיש־עגיפּטישע פאַרלעצונגען פון דעם פייער־אָפּשטעל און וואַשינגטאָן האָט נישט רעאַגירט ווי געהעריק און אויך נישט שנעל גענוג. ער גלויבט, אַז ווען אַמעריקע זאָל באַלד געווען האָבן אויפגעהויבן אַ געוואַלד קעגן רוסלאַנד, וואָלט זי צוריק אַרויסגענומען די ראַקעטעס פון דער מערב־זייט פון סועץ, פּונקט ווי זי האָט עס געטאָן, ווען אַמעריקע האָט שאַרף פּראָטעסטירט אין דעם פאַל פון קובאַ, אין 1962, בימי פּרעזידענט קענעדי.

עס איז נוצלאָז איצט צו רעדן וועגן אַ צוריקציי פון די ראַקעטעס, אָבער אַמעריקע קען פאַרבעסערן דעם מיליטערישן באַלאַנס דורך געבן ישראל יעדע מעגלעכע מיליטערישע און דיפּלאָמאַטישע שטיצע. די 500 מיליאָן דאָלאַר, וואָס מען האָט לעצטנס באַוויליקט פאַר ישראל איז אַ גוטער אָנהייב, אָבער עס פאָדערט זיך מער אין געלט און אין וואָפן. ישראל גיט איצט אויס צווישן 27 און 29 פּראָצענט פון איר גאַנצער נאַציאָנאַלער פּראָדוקציע פאַר פאַרטיידיקונגס־צוועקן, וואָס דאָס איז אַ געוואַלדיק גרויסער יאָך פאַר אַזאַ קליין לאַנד. דעריבער מוז נאָך 500 מיליאָן דאָלאַר באַוויליקט ווערן פון אַמעריקע פאַר דעם קומענדיקן יאָר.

וואָס איז שייך דער יו־ען און די מעגלעכקייט, אַז די יו־ען זאָל קענען גאַראַנטירן אַ פרידלעכע לייזונג אין נאָענטן מזרח, איז דזשעקסאָן נישט אָפּטימיסטיש וועגן אַזאַ מעגלעכקייט. ער האַלט, אַז מען קען נישט

אַנפּאַרטרויען דעם קיום פון ישראל אין די הענט פון דער יו־ען, און ער ווייזט אָן אויף דער האַנדלונג פון או־טאַנט אין 1967, וואָס האָט אַרויס־גערופן די זעקס־טאָגיקע מלחמה.

דזשעקסאָן טענהט, אַז ישראל מוז האָבן גרענעצן, וועלכע זי זאָל קענען פאַרטיידיקן. אַמעריקעס שטעלונג איז, אַז ישראל דאַרף זיך צוריק־ציען פון די פאַרנומענע שטחים, חוץ, וואָס עס דאַרפן געמאַכט ווערן געוויסע „קליינע איבערבעסערונגען" אין די אַלטע גרענעצן. דאָס איז נישט קיין קלוגע שטעלונג, מחמת עס העלפט אַפּשוואַכן ישראלס פּאָזיציע ביי די פאַרהאַנדלונגען און עס ווערן געמאַכט טעריטאָריעלע קאָנצעסיעס אויף איר חשבון, נאָך איידער די פאַרהאַנדלונגען האָבן זיך אָנגעהויבן. ער וואָרנט, אַז אַמעריקע וועט באַגיין אַ שווערן טעות, אויב זי וועט ווייטער באַשטיין אויף דער פאָרמולע פון אויסערן־מיניסטער, וויליאַם ראָדזשערס, פון לעצטן יאָר בנוגע מאַכן „קליינע איבערבעסערונגען".

ישראלס פאָדערונג וועגן זיכערע גרענעצן, וואָס זאָלן זיין געזיכערט און אָנערקענט פון אַלע צדדים, איז פיל מער לאָגיש און אויסגעהאַלטן. עס איז אין אַמעריקעס אינטערעסן, אַז ישראל זאָל האָבן אַ מער זיכערן און דויערהאַפטן אָפּמאַך. ווידער, פאַר ישראל אויפצוגעבן די זיכערקייט פון אירע איצטיקע גרענעצן פאַר ווערטלאָזע קאָנצעסיעס פון דעם אַראַ־בישן צד, וואָלט איינפאַך געשטעלט אין געפאַר איר עקזיסטענץ. איצט האָט זי פּלאַץ זיך אַ ריר צו טאָן און רעאַגירן אויף יעדן מעגלעכן קריזיס. אויב קיין זיכערע גרענעצן זאָלן נישט איינגעשטעלט ווערן, וועט עס דינען פאַר ווייטערדיקער שפּאַנונג און אַ נייער מלחמה.

די ראָדזשערס פאָרמולע האָט דעריבער נישט קיין זין, ווייל עס נעמט אַוועק פון ישראל די זיכערקייט, אין וועלכער זי נויטיקט זיך. דער שלום־אָפּמאַך, וואָס וועט געשלאָסן ווערן, טאָר נישט זיין פון אַזאַ כאַראַקטער, אַז די אַראַבער זאָלן קוקן דערויף, ווי אַ שריט צו ישראלס פאַרניכטונג. עס מוז זיין אָן אָפּמאַך, וואָס זאָל זיין קלאָר און אויסגעשפּראָכן וועגן דעם רעכט פון ישראל צו עקזיסטירן, האָבן זיכערע גרענעצן, און אַז די גרענעצן טאָרן אונטער קיין פאַל נישט פאַרלעצט ווערן.

דזשעקסאָן פאַרענדיקט זיין באַריכט מיט די פאָלגנדיקע שלוסן און רעקאָמענדאַציעס:

אַמעריקע גלויבט, אַז דער קאָנפליקט צווישן ישראל און די אַראַ־בישע לענדער איז די הויפּט־סיבה פאַר דער אומסטאַביליטעט פון באָענטן

מזרח, און זי באַמיט זיך צו לייזן דעם קאָנפליקט. זי לייגט צו פיל האָפענונג אויף סאָוויעטישער קאָאָפעראַציע. רוסלאַנד דאַקעגן, איז איבער־צייגט, אַז שלום און סטאַביליטעט אין נאָענטן מזרח וועלן זיין אַ שטער פאַר איר אַריינצודריגען טיפער אין דער אַראַבישער וועלט. אויב שלום זאָל דערגרייכט ווערן, וועלן די אַראַבישע לענדער זיך מער נישט נויטיקן אין סאָוויעטישער מיליטערישער הילף.

דער אמת איז, אַז נישט נאָר איז מאָסקווע, נישט גערן צו האָבן שלום אין דעם ראַיאָן, נאָר זי איז גאָר אַנטשלאָסן אָנצוהאַלטן די שפּאַנונג און די האָפענונג ביי די אַראַבער, אַז זיי וועלן אַ מאָל באַוויייזן צו פאַרניכטן ישראל. אויב די אַראַבער זאָלן אַ מאָל קומען צו דער איבערצייגונג, אַז ישראל קען נישט אָפּגעווישט ווערן, און אַז זיי זענען פריי צו אַרבעטן לטובת זייערע אייגענע אינטערעסן, גלויבט דזשעקסאָן, אַז אין אַזאַ פאַל, וואָלט מען געקענט לייזן די פאַרשידענע אַנגעווייטיקטע פּראָבלעמען, ווי די פראַגע וועגן די אַראַבישע פליטים, זיכערע גרענעצן פאַר ישראל, און די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג פון די לענדער פון נאָ־ענטן מזרח.

די אַמעריקאַנער פּאָליטיק האָט, לויט דזשעקסאָנס אויספיר, נישט גע־לייגט גענוג אַכט אויף אַזעלכע באַטראַכטונגען. וואַשינגטאָן דענקט, אַז דאָס, וואָס רוסלאַנד וויל נישט קיין פולע מלחמה אין נאָענטן מזרח, מיינט עס שוין, אַז זי וויל דאָרט האָבן שלום. ווען אַמעריקע וועט אָנהייבן איינזען, אַז דער חילוק צווישן וועלן אויסמיידן אַ מלחמה און וועלן דער־גרייכן אַ שלום איז גאָר אַ גרויסער אין דער סאָוויעטישער פּאָליטיק, וועט וואַשינגטאָן דאַן האָבן געמאַכט דעם ערשטן וויכטיקן שריט צו דערגרייכן אַ ווירקזאַמע פּאָליטיק אין נאָענטן מזרח.

אויב אַמעריקע זאָל איינגיין אויף אַ לייזונג, וואָס וועט דאַרפן אַרויפּ־געצוווּנגען ווערן אויף ישראל, וועט זי דערמיט העלפן פאַרגרינגערן רוס־לאַנדס באַמיונגען צו דערגרייכן אירע צילן, ווייל אַ געצוווּנגענע לייזונג וועט איבערלאָזן ישראל אין אַ פּאָזיציע, ווו זי וועט זיין פּאַקטיש אומ־באַשיצט און אָפן פאַר אָנפאַלן, ווי ערב דער זעקס־טאָגיקער מלחמה. אַזאַ לייזונג וואָלט פאַרזיכערט, אַז די שפּאַנונג, אויף וועלכער די סאָוויעטישע פּאָליטיק איז באַזירט, וועט ווייטער אָנהאַלטן און עקספּלואַטירט ווערן מיט טראַגישע פאָלגן פאַר יידן און אַראַבער צו גלייך.

און אָט זענען דזשעקסאָנס הויפּט־רעקאָמענדאַציעס:

1. אַמעריקע דאַרף אָנערקענען, אַז די צענטראַלע פּראָבלעם אין נאָענטן מזרח איז דער דראַנג פון רוסלאַנד דאָרטן איינצושטעלן איר איבערהערשאַפט, און אַז מאָסקווע האַפט עס צו דערגרייכן דורך אָנהאַלטן די כסדרדיקע שפּאַנונג צווישן ישראל און די אַראַבער, ממילא איז וויכטיק אַמעריקע זאָל פאַרשטיין, אַז רוסלאַנד וועט נישט דערלאָזן צו שלום און סטאַביליטעט און וועט באַקעמפן יעדן פאַרזוך עס צו דערגרייכן;

2. אַמעריקע דאַרף איינזען, אַז די בעסטע האָפענונג אויף שלום ליגט אין אַנטמוטיקן די „ראַדיקאַלע" אַראַבישע לענדער (עגיפּטן, סיריע) צו האָפן אויף אַ מיליטערישן נצחון איבער ישראל, ווייל דערמיט דערמוטיקן זיי בלויז רוסלאַנד.

3. אַמעריקע דאַרף לאָזן וויסן אַלע אירע פריינד און אַליאירטע אין נאָענטן מזרח, אַז זי איז אַנטשלאָסן צו באַקעמפן די סאָוויעטישע געפאַר, וואָס לויערט איבער זיי. און צווישן אַזעלכע פריינד גייען אַריין די מער מעסיקע אַראַבישע לענדער, ווי אויך גריכנלאַנד, טערקיי און איראַן. דאָס זאָל געטאָן ווערן אויף צוויי אופנים: דערמוטיקן די נאַט"אָ־לענדער (מערב־אייראָפּע) זיך אַנצושליסן מיט אַמעריקע אין אירע באַמיונגען צו פאַרטיידיקן דעם נאָענטן מזרח; און פאַרשטאַרקן די כוחות פון דעם אַמעריקאַנער זעקסטן פלאָט אין מיטללענדישן ים;

4. וואָס איז שייך ישראל, וועמענס עקזיסטענץ איז דירעקט באַווירקט פון דער אַמעריקאַנער פּאָליטיק אין נאָענטן מזרח, שלאָגט דזשעקסאָן פאָר די פאָלגנדיקע שריט:

א. אַמעריקע זאָל געבן ישראל די פולסטע מעגלעכע הילף, ד. ה. געלט און וואָפן, פאַר איר זיכערקייט און כדי צו רעסטאַווירן דעם מיליטערישן באַלאַנס.

ב. אַזוי ווי די ישראל־עקאָנאָמיק איז נישט בכוח אַליין אויסצוהאַלטן די ריזיקע פאַרטיידיקונגס־קאָסטן, זאָל אַמעריקע העלפן נישט נאָר מיט הלוואות, נאָר טאַקע מיט דירעקטע סומעס אַלס אַ געשאַנק פאַר ישראלס זיכערקייט.

ג. אַמעריקע זאָל העלפן ישראל צו פאַרבעסערן און פאַרגרעסערן איר אייגענע וואָפן־פּראָדוקציע אין געוויסע געביטן.

ד. וואַשינגטאָן זאָל אויפגעבן די ראָדזשערס פאָרמולע פון זוכן „קליינע אויסבעסערונגען" אין די אַמאָליקע גרענעץ־ליניעס, און זאָל באַשטיין דורכאויס אויף עטאַבלירן גרע־נעצן, וועלכע ישראל זאָל קענען פאַרטיידיקן.

ה. אַמעריקעס צוגאַנג צו אַ לייזונג אין נאָענטן מזרח דאַרף דורכאויס באַטאָנען, אַז עס מוזן דערגרייכט ווערן קאָנ־קרעטע רעזולטאַטן, וואָס זאָלן פאַרזיכערן ישראלס עק־זיסטענץ.

אין זיין באַריכט רעדט סענאַטאָר דזשעקסאָן, ווי איינער, וואָס איז נישט נאָר אַ גרויסער יידן־פריינד, נאָר אויך ווי אַן אַמעריקאַנער שטאַטס־מאַן, וועמען עס זענען נאָענט די אינטערעסן פון אַמעריקע. פאַר אים איז ישראל היינט די פראָנט־ליניע פאַר דער פאַרטיידיקונג פון מערב, ממילא וויל ער, אַז אַמעריקע זאָל זיך נישט וואַקלען בנוגע איר הילף צו ישראל. אָט די שטעלונג ווערט איצט ברייט געשטיצט אין די וואַשינג־טאָנער קרייזן.

קאַפּיטל 28

ווי ניקסאָן זעט די לאַגע אין נאָענטן מזרח?

פּרעזידענט ניקסאָנס איבערבליק פון וועלט־פּראָ־בלעמען. — אַמעריקעס ראָל אין דער וועלט־פּאָליטיק. — וואָס ער האָט געזאָגט וועגן דעם נאָענטן מזרח. — זיינע באַשולדיקונגען קעגן סאָוויעט־רוסלאַנד. — ער ציט פאָר דעם „ראָ־דזשערס־פּלאַן".

פּרעזידענט ניקסאָנס באַריכט וועגן דעם צושטאַנד פון דער וועלט (אָדער ווי ער האָט עס באַצייכנט „סטעיט אָוו דהי וואָירלד"), האָט אַרויס־גערופן גרויס אינטערעס, מחמת עס האָט אָנגערירט כמעט אַלע טיילן פון דער וועלט. עס האָט רעאַגירט מאָסקווע, עס האָט געהאַט אַן אָפּקלאַנג אין

פעקין (רויטע כינע), עס האָט זיך אָפּגערופן קאַיר, עס זענען געקומען באַריכטן פון ירושלים און פון אַנדערע ערטער, איינגעשלאָסן מערב־אייראָפּע און דער ווייטער מזרח.

הגם אין דער פרעסע זענען דערשינען נייעס־באַריכטן און אויסצוגן פון דעם פרעזידענטס ראַפּאָרט, איז אָבער כדאי אַ ביסל גרינטלעכער צו אַנאַליזירן וואָס ער האָט געזאָגט און וואָס די באַדייטונג דערפון איז. אָפיציעל איז דער באַריכט צוגעשטעלט געוואָרן צום קאָנגרעס אין דער פאָרם פון אַ לענגערן „מעסעדזש" אין וועלכן ער האָט אַרומגערעדט די וועלט־לאַגע, דערהויפּט די פּאָליטישע און מיליטערישע סיטואַציע, די באַציונגען מיט אַ ריי לענדער, די באַמיִונגען צווישן אַמעריקע און סאָוויעט־רוסלאַנד בנוגע וואָפן־באַגרענעצונג, אַמעריקעס באַציונגען צו דער אונ"אָ, און אַנדערע פּראָבלעמען.

דאָס איז דעם פרעזידענטס צווייטער באַריכט פון דעם מין, און ווי עס שיינט, וויל ער דערמיט איינשטעלן די טראַדיציע פון צוגרייטן אַזאַ ראַפּאָרט יעדעס יאָר. דער באַריכט צום קאָנגרעס באַשטייט פון אַרום 180 זייטן — פּאַקטיש אַ גאַנץ בוך — אָבער טיילן דערפון האָט פּרעזידענט ניקסאָן אַליין פאָרגעלייענט איבער דער ראַדיאָ אַלס אַ מין באַריכט צום פאָלק. עס איז קיין סוד נישט, אַז דער באַריכט איז צוגעגרייט געוואָרן פון דעם פרעזידענטס יידישן ראַטגעבער בנוגע אויסלענדישער פּאָליטיק, ד"ר הענרי קיסינדזשער, אָבער עס איז געטאָן געוואָרן אין די ראַמען פון דער ניקסאָן־פּאָליטיק און אין איינקלאַנג מיט דער פּאָליטיק פון דער ניקסאָן־רעגירונג.

דער באַריכט פון 1971 איז אינטערעסאַנט פון צוויי שטאַנדפּונקטן: ערשטנס, וואָס עס איז צוגעגרייט געוואָרן ווען ניקסאָן האָט פאַרענדיקט אַ העלפט פון זיין פרעזידענט־טערמין, אַזוי אַז דאָס איז אין אַ געוויסן זין אַ שטיקל סך הכל פון זיינע ביז־איצטיקע דערגרייכונגען אויף דעם געביט פון אויסלענדישער פּאָליטיק און די פּראָבלעמען מיט וועלכע ער ראַנגלט זיך. צווייטנס, נעמט ער אין זיין באַריכט אָן אַ שטרענגערע, מער אָנט־שלאָסענע און כמעט אַן אַקטיוויסטישע שטעלונג בנוגע דער וועלט־לאַגע ווי אין זיין ערשטן באַריכט לעצטן יאָר.

מיט אַ יאָר פריער האָט ניקסאָן גערעדט וועגן דעם, אַז אַמעריקע וויל נישט און דאַרף נישט זיין דער פּאָליציימאַן פון דער וועלט, זי איז נישט פאַרפליכטעט צו באַשיצן אַלע לענדער, און זי מוז זיך באַגרענעצן צו די געגנטן און פּראָבלעמען וואָס זענען בלויז אין אירע אינטערעסן. מ'האָט

עס דעמאָלט אויסגעטייטשט, אַז אַמעריקע האָט נישט בדעה צו ווערן פאַר־ווירקלט און פאַרמישט אומעטום.

איצט רעדט שוין ניקסאָן אַנדערש. ער פּרובירט וואָרענען דאָס אַמעריקאַנער פאָלק עס זאָל זיין גרייט פאַר אַ לאַנגן קאַמף פאַר פאַרשידענע פּראָבעס אין אינדאָכינע און אַנדערע טיילן פון דער וועלט, ווו אַמעריקעס הויפּט קאָמוניסטישע קעגנער וועלן מאַכן כסדרדיקע פאַרזוכן אויסצופּרובירן איר געדולד און אויסדויערקראַפט, מיט דער כוונה איר אויסצומוטשען מיליטעריש, עקאָנאָמיש און פיזיש. איצט רעדט ער וועגן דעם, אַז אַמעריקע טאָר זיך נישט צוריקציען פון אירע פּאָזיציעס אָדער אויפגעבן איר ראָל פון פירערשאַפט פון דער פרייער וועלט, ווייל דאָס קען פירן צו אַן ערנסטער און ריזיקאַלישער סיטואַציע.

דער גרעסטער טייל פון דעם פּרעזידענטס איבערבליק פון וועלט פּראָבלעמען איז געווידמעט צו צוויי הויפּט ענינים: די מלחמה אין וויעט־נאַם און אינדאָכינע, און די לאַגע אין נאָענטן מזרח. פיל פּלאַץ ווערט אויך געווידמעט צו סאָוויעט־רוסלאַנד, די רויטע כינע און אייראָפּע. אויך אַנדערע טיילן פון דער וועלט ווערן נישט פאַרזען, ווי לאַטיין־אַמעריקע, אַפריקע, מזרח־אייראָפּע. עס איז נישט מעגלעך זיך אָפּצושטעלן באריכות אויף די אַלע טיילן און מיר מוזן זיך דעריבער באַגרענעצן, הגם אַזאַ ענין ווי אַמעריקע־כינע איז וויכטיק צוליב געוויסע נייע דערשיינונגען.

פאַר דעם יידישן לייענער איז נאַטירלעך פון גרויס באַדייטונג דער טייל פון דעם באַריכט וואָס באַציט זיך צום נאָענטן מזרח. קודם כל, באַצייכנט ניקסאָן די לאַגע אין נאָענטן מזרח אַלס „העכסט געפערלעך״, ווייל דער ישראל־אַראַבישער קאָנפליקט האָט אַ פיל גרעסערן פּאָטענציאַל פון אַריינציען סאָוויעט־רוסלאַנד און אַמעריקע אין אַ צוזאַמענשטויס ווי וויעטנאַם. דערביי גיט ניקסאָן אַ וואָרענונג וואָס איז געצילט דירעקט צו סאָוויעט־רוסלאַנד, וואָס זאָגט זיך אַזוי: „יעדע באַמיונג פון וועלכער־עס־איז גרויסמאַכט צו קריגן אַ דאָמינירנדע פּאָזיציע אין נאָענטן מזרח קען פאַרערגערן לאָקאַלע קאָנפליקטן און אויך באַווירקן אייראָפּעס זיכערקייט״.

צו דער זעלבער צייט באַטאָנט ער, אַז אַמעריקע זוכט נישט צו עטאַבלירן פאַר זיך אַ דאָמינירנדע פּאָזיציע אין נאָענטן מזרח, אָבער „מיר קענען אויך נישט דערלאָזן, אַז אַנדערע זאָלן עס טאָן״. ניקסאָן דריקט אויס זיין טיפע אַנטוישונג בנוגע דער סאָוויעטישער פּאָליטיק אין נאָענטן מזרח, ווי אויך אין אַנדערע טיילן פון דער וועלט (בערלין און קובאַ), ווו רוסלאַנד האַלט כסדר אין איין פאַרגרעסערן דעם וואָפן־אַרסענאַל. אַלס

רעזולטאַט דערפון מוז אַמעריקע אַנהאַלטן איר מיליטערישע מאַכט אויף אַ העכער מדרגה.

ניקסאָן באַשולדיקט רוסלאַנד, אַז זי מאַכט נישט קיין שום בייטראַג צו אַ לאַגישער לייזונג צווישן ישראל און די אַראַבער דורכדעם וואָס זי שטעלט צו „גרויסע און געפערלעכע צאָלן וואָפן צו די אַראַבישע לענדער״ אָדער בויט אויף „מיליטערישע פּאָזיציעס פאַר אירע אייגענע צוועקן״ אין נאָענטן מזרח. דערמיט מיינט ער די מיסילס אויף דער מערב זייט פון סועץ קאַנאַל און די מיליטערישע און פלאָטן־באַזעס וואָס רוסלאַנד האָט עטאַבלירט אין עגיפּטן.

אויך אַ צווייטער ביישפּיל, חוץ די מיליטערישע הילף צו עגיפּטן, ווערט דערמאָנט פון דעם פּרעזידענט, נעמלעך, דער קריזיס אין דער ירדן־מלוכה לעצטן סעפּטעמבער ווען די אַראַבישע גערילאַס האָבן געוואָלט שטירצן די חוסיין־רעגירונג. ווי באַוווסט, זענען די גערילאַס מיליטעריש געשטיצט געוואָרן פון סיריע, מיט דער דערמוטיקונג פון מאָסקווע. אויב ירדן זאָל געווען פאַלן „דורך אינערלעכער סובווערסיע אָדער דורך דרויסנדיקער אַגרעסיע, וואָלטן מיר דעמאָלט געווען פּנים אל פּנים מיט דער געפאַר פון נאָך אַ פולשטענדיקער מלחמה אין נאָענטן מזרח״, דערקלערט פּרעזידענט ניקסאָן. און כדי צו ווייזן קלאָר, אַז דאָס מיינט ער נישט בלויז אַ מלחמה צווישן ישראל און די אַראַבער, נאָר אַז אַמעריקע וואָלט געמוזט אַריינטרעטן אין אַזאַ קאַמף, זאָגט ניקסאָן אָט־וואָס:

„דאָס וואָס סאָוויעט־רוסלאַנד איז אַזוי טיף פאַרוויקלט אין די מיליטערישע טעטיקייטן אין עגיפּטן, און וואָס אַמעריקע איז פעסט אין איר אונטערשטיצונג פאַר דעם קיום פון מדינת ישראל, וואָלט געבראַכט דערצו, אַז די געפאַר פון אַ קאָנפראָנטאַציע צווישן די גרויסמאַכטן וואָלט געוואָרן באמת ערנסט״.

ביז אַהער איז אַלץ וואָס ניקסאָן האָט געזאָגט וועגן נאָענטן מזרח זייער קלאָר און גוט, אָבער ווען ער הייבט אָן רעדן וועגן אַ לייזונג און וועגן שלום, קומען שוין אַרויס גאָר אַנדערע רייד. ער האַלט זיך ביים פּרינציפּ, אַז אַ פרידלעכע לייזונג מוז פאַרהאַנדלט ווערן דורך די צדדים וואָס זענען פאַרוויקלט אין דעם קאָנפליקט, ד.ה., ישראל און די אַראַבער. אָבער דערביי ברענגט ער אַרויס דעם לעכערלעכן „ראָדזשערס פּלאַן״ פון דעצעמבער 1969 ווו עס ווערט פאַרגעשלאָגן, אַז ישראל זאָל אויפגעבן אַלע טעריטאָריעס וואָס זי האָט פאַרנומען אין דער זעקס־טאָגיקער מלחמה אין 1967, חוץ וואָס עס זאָלן געמאַכט ווערן אייניקע „קליינע אויסבעסערונגען״

ביי די אַלטע גרענעצן. דערפאַר גיט ער אַריין אין נדן, אַז די אַראַבער דאַרפן אָננעמען אַן ענדגילטיקן אָפּמאַך מיט ישראל וואָס זאָל אָנערקענען די גרענעצן און פאַרזיכערן שלום.

„דער באַלדיקער ציל איז צו העלפן די קריגערישע צדדים עטאַבלירן אַן אָפּמאַך וואָס זאָל דערגרייכן אַ פונקציאָנירנדן באַלאַנס צווישן זיכערקייט און אָנערקענונג, וואָס ישראל וויל האָבן, און אַ יושרדיקע לייזונג פון דער טעריטאָריעלער און פּאַלעסטינע פראַגעס, וואָס די אַראַבישע לענדער ווילן האָבן", האָט ניקסאָן דערקלערט. דערביי האָט ער באַטאָנט, אַז בלויז דורך אַזאַ באַלאַנס קען שלום דערגרייכט ווערן.

ער נעמט זיך אויך אָן די קריוודע פון דעם „פּאַלעסטינער פאָלק", זאָגנדיק, אַז אַ דויערהאַפטע לייזונג קען נישט דערגרייכט ווערן, סיידן מען וועט זיך רעכענען מיט די „לעגיטימע אַספּיראַציעס פון דעם פּאַלעסטינער פאָלק". עס איז קלאָר, אַז ער מיינט דאָ די אַראַבישע פּליטים, ווייל באַלד אין נעקסטן זאַץ באַוויינט ער זייער שיקזאַל מיט די ווערטער: „שווין מער ווי צוויי יאָרצענדליק, אַז זיי זענען קרבנות פון אומשטענדן וואָס פאַרדינען סימפּאַטיע. אַ שלום פאָדערט פּרוכטבאַרע לעבנס פאַר זיי און זייערע קינדער, און אַ יושרדיקן אויסגלייך פון זייערע תביעות" (דאָס מיינט ער קאָמפּענ־סאַציע פאַר זייערע פאַרלוסטן).

ניקסאָן דערקלערט אַז אַמעריקעס איניציאַטיוו צו דערגרייכן אַ שלום ווערט נישט געטאָן בשותפות מיט רוסלאַנד, און דערביי גיט ער אַ דעטאַלע שילדערונג פון אַלע אַנטוויקלונגען צו דערגרייכן שלום זינט אַמעריקע האָט פאָרגעשלאָגן דעם ראָדזשערס־פּלאַן. ער גיט אויך צו, אַז וואַשינגטאָנס באַמיונגען אַרום יענעם פּלאַן האָט אַרויסגערופן שפּאַנונג צווישן ישראל און אַמעריקע. אָבער וואָס איז שייך רוסלאַנד, אָנשטאָט צו געבן איר קאָאָפּעראַציע צו דעם פּלאַן, האָט זי נאָך מער באַוואָפנט די אַראַבער און נאָך טיפער אַריינגעדרונגען מיליטעריש אין דעם נאָענטן מזרח. (עס שטעלט זיך דאָ די פראַגע: אויב קיינער איז נישט צופרידן מיט דעם ראָדזשערס־פּלאַן, נישט ישראל, נישט רוסלאַנד און אויך נישט די אַראַבער, טאָ וואָס באַשטייט וואַשינגטאָן דווקא, אַז מען זאָל דעם פּלאַן אָננעמען?).

וואָס איז שייך אַ לייזונג פון דעם ישראל־אַראַבישן סכסוך, באַשול־דיקט ניקסאָן מאָסקווע, אַז זי באַשטייט דורכאויס אַז די גרויסמאַכטן זאָלן אַרויפצווינגען אַ לייזונג אויף ישראל. אַמעריקע דאַקעגן האָט נישט פון אַזאַ צוגאַנג. רוסלאַנד האַלט כסדר אין איין פאָדערן אַ פולשטענדיקן צוריקצי מצד ישראל פון אַלע אָקופּירטע אַראַבישע טעריטאָריעס און אַ לייזונג פון

דעם פּליטים־פּראָבלעם, אָבער זי רעכנט זיך נישט מיט די פּראַקטישע און זיכערקייט טענות פוןביידע צדדים. אַמעריקע איז גערן צו האָבן מאָסקוועס פאַרשלאַגן וועגן אַ לייזונג, זאָגט ניקסאָן, אָבער כדי צו נעמען די פאַרשלאַגן ערנסט מוזן זיי זיך רעכענען מיט ביידע צדדים, נישט בלויז מיט איינעם.

אָט דאָס זענען די הויפּטפּונקטן אין דעם באַריכט אויף ווי ווייט זיי זענען נוגע דעם נאָענטן מזרח. אין די היגע יידישע און ישראל־קרייזן איז מען היפּשלעך אַנטוישט וואָס פּרעזידענט ניקסאָן האַלט זיך נאָך אַלץ בײַם ראָדזשערס־פּלאַן. אויך פון ישראל קומען באַריכטן וועגן אַן ענלעכער אומצופרידנקייט מיט דער ניקסאָן שטעלונג בנוגע דעם נאָענטן מזרח.

קאַפּיטל 29

אַ זיכערער שלום און געזיכערטע גרענעצן

ישראל־דאָקומענט צייכנט אָן די צילן פון דער מדינה. — דער וויכטיקער דאָקומענט ווערט פאַרעפנטלעכט דורך ישראל־אַמבאַסאַדע אין וואַשינגטאָן. — יידישע מדינה גרייט צו קעמפן פאַר געזיכערטע גרענעצן און קעגן אַן אַרויפגעצוווּנגענער לייזונג.

די ישראל־אַמבאַסאַדע אין וואַשינגטאָן האָט לעצטנס פאַרעפנטלעכט אַ דאָקומענט וואָס האָט אַרויסגערופן אַ געוואַלדיקן אינטערעס. דער דאָקומענט איז אין דער פאָרם פון אַ „פּאָליסי הינטערגרונט פּאָזיציע פּאַפּיר”, ד”ה, אַ דערקלערונג וואָס גיט איבער די שטעלונג פון דער ישראל־רעגירונג אין אַ באַשטימטער פּאָליטישער פראַגע. מען באַצייכנט עס „הינטערגרונט”, מחמת עס איז אַן אומאָפיציעלע דערקלערונג וואָס דינט ס׳רוב אַלס אינפאָר־מאַציע פאַר דער פּרעסע. אין דעם איצטיקן פאַל אָבער איז עס פיל וויכטיקער אין פּאַרנעם, ממילא האָט עס אַרויסגערופן אַזאַ ברייטן אינטערעס.

דער דאָקומענט איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן פון דער אַמבאַסאַדע דעם 10־טן מערץ 1971 און טראָגט דעם נאָמען „די קאָמפּאָנענטס אָוו איי סעקיור פּיעס” (די באַשטאַנדטיילן פון אַ געזיכערטן שלום). עס באַשטייט סך הכל

פון אַכט מימעאָגראַפירטע זייטן, מיט אַ צוגאָב פון נאָך צוויי זייטן וואָס אַנטהאַלטן ישראלס שלום־פאָרשלאָגן וואָס יוסף תקוע, דער ישראל־פאָר־שטייער אין דער „יו־ען״, האָט צוגעשטעלט דעם 26־טן פעברואַר צו גונאַר יאַרינג, דעם מיטל־מזרח פאַרמיטלער.

די סיבה פאַרוואָס דער „היטערגרונט״־דאָקומענט פון דער ישראל־אַמבאַסאַדע האָט דאָ אַרויסגערופן אַזאַ גרויסן אינטערעס איז מחמת ישראל רעדט מיט באַקציינער און אין אַ פעסטן טאָן, וואָס דאָס אַליין שטעלט מיט זיך פאָר אַ היפש ביסל איבערראַשונג פאַר וואַשינגטאָן. אין דעם דאָקומענט זאָגט זיך פשוט און פראָסט אַז ישראל איז גרייט זיך קעגנצו־שטעלן יעדן דרוק; און אויב נויטיק, אַפילו קעמפן, כּדי צו באַקומען געזיכערטע גרענעצן און צו פאַרמיידן אַן אַרויפגעצוווּנגענע לייזונג אין דעם נאָענטן מזרח. ישראל באַשטייט אַז זי האָט דאָס „רעכט אָנצוהאַלטן, מיט אירע אייגענע מיליטערישע כּוחות, די זיכערקייט פון שאַרם־אַ־שייך, אַלס איר איינציקע פאַרבינדונג מיט מזרח־אַפריקע און אַזיע״.

עגיפּטנס פאָרלאַנג אַז ישראל זאָל געבן אַ צוזאָג וועגן טאָטאַלן צוריקצי פון די אָקופּירטע טעריטאָריעס, ווערט אין דעם דאָקומענט באַצייכנט ווי אַן אולטימאַטום. „אונטער קיין שום אומשטענדן וועט ישראל נישט אויפגעבן איר רעכט צו פרייע פאַרהאַנדלונגען מיט עגיפּטן וועגן אַזאַ העכסט־קריטישער פראַגע״ — זאָגט זיך אין דעם דאָקומענט. „ישראל וועט זיך קעגנשטעלן יעדן דרוק פון יעדן מעגלעכן קוואַל, מיליטעריש אָדער פּאָליטיש, וואָס וועט זוכן ווידער אויפצושטעלן ישראלס פריערדיקע טעריטאָריעלע אומזיכערקייט דורך אויסשליסן די פאַרהאַנדלונג וועגן צוקונפ־טיקע זיכערע גרענעצן״.

אָט זענען בקיצור די הויפּט־פּונקטן פון דעם ישראל־דאָקומענט:

דער דאָקומענט איז געצילט אַלס ענטפער אויף דעם באַריכט פון „יו־ען״ גענעראַל־סעקרעטאַר או־טאַנט פון 5־טן מערץ, אין וועלכן ער לויבט די עגיפּטישע רעגירונג פאַר איר „פּאָזיטיווער״ שטעלונג בנוגע יאַרינגס באַמיונגען וועגן נאָענטן מזרח, בעת וועגן ישראל זאָגט או־טאַנט, אַז זי האָט נישט געגעבן קיין ענטפער וועגן אַ „צוריקצי צו דער אינטערנאַציאָ־נאַלער גרענעץ פון עגיפּטן״ (דאָס מיינט ער די גרענעץ פאַר דער זעקס־טאָגיקער מלחמה). ער פאָדערט אויף ישראל זי זאָל אויך געבן אַ פּאָזיטיוון ענטפער.

אַלס ענטפער, פרעגט ישראל אָפּ דאָס רעכט פון או־טאַנטן „צו באַשטימען ישראלס צוקונפטיקע גרענעץ״. „נישט דער „יו־ען״ גענעראַל־

סעקרעטאַר וועט דאַרפן לעבן בשכנות מיט עגיפטן נאָכדעם ווי די גרענעצן וועלן באַשטימט ווערן״ — זאָגט דער דאָקומענט. ישראל און עגיפטן זענען די יעניקע וואָס וועלן דורך פאַרהאַנדלונגען זיך דאַרפן אייניקן בנוגע די גרענעצן, נישט געקוקט אויף אַלע באַמיונגען מצד רוסלאַנד און עגיפטן צו שאַפן אַזאַ סאָרט קלימאַט וואָס זאָל דערפירן צו אַן אַרויפגעצוווּנגענער לייזונג ווי אין 1957. דעמאָלט האָט מען אויך באַנוצט די יו־ען צו צווינגען ישראל אויפצוגעבן דעם סיני, בעת רוסלאַנד האָט געסטראַשעט מיט באַנוצן מאַכט און אַמעריקע האָט געסטראַשעט מיט באַנוצן עקאָנאָמישע סאַנקציעס קעגן ישראל. די איצטיקע דערקלערונג פון אר־טאַנט קען בלויז דינען אַלס אַ דערמוטיקונג פאַר עגיפטן און רוסלאַנד.

דורך דער פאָדערונג אַז ישראל זאָל איצט מאַכן אַ פאַרפליכטונג וועגן אַ צוריקצי צו דער פריערדיקער גרענעץ, ווערט פאַרלייקנט פאַר ישראל דאָס רעכט צו קענען פאַרהאַנדלען מיט עגיפטן וועגן זייערע טערי־טאָריעס. די פריערדיקע גרענעץ איז נישט געווען קיין זיכערע; און לויט דער יו־ען רעזאָלוציע פון 22־טן נאָוועמבער 1967, דאַרף מען זוכן צו דערגרייכן אַ פערמאַנענטן שלום און אַ צוריקצי צו געזיכערטע גרענעצן, ד״ה, נישט די גרענעצן פון פאַר דער זעקסטאָגיקער מלחמה.

דאָ קומט די אויבן־ציטירטע באַמערקונג, אַז „אונטער קיין שום אומשטענדן וועט ישראל נישט אויפגעבן איר רעכט צו פרייע פאַרהאַנדלונגען מיט עגיפטן וועגן אַזאַ העכסט־קריטישער פראַגע״ און אַז ישראל וועט אָפּוואַרפן יעדן מעגלעכן דרוק וועגן צוריקשטעלן די אַלטע גרענעצן. ישראל האָט איין מאָל צוגעשטימט צו אַזאַ לייזונג אין 1957, אָבער „זי וועט נישט פאַרטאָכלעווען איר טעריטאָריעלע זיכערקייט נאָך אַמאָל. אויב שלום זאָל דערגרייכט ווערן, איז זי גרייט זיך צוריקצוציען פון די פייער־אָפּשטעל ליניעס, אָבער דאָס מאָל וועט דער צוריקצי זיין צו גרענעצן וואָס זענען זיכער פון געאָגראַפישן שטאַנדפּונקט״. דערביי ווערט ציטירט אַ באַמערקונג פון ישראל־פּרעמיער גאָלדע מאיר, אַז די נייע גרענעץ „וועט זיין ערגעץ צווישן דער פייער־אָפּשטעל־ליניע און דער ליניע פון 4־טן יוני 1967״ ד״ה די אַלטע ליניע פאַר דער זעקס־טאָגיקער מלחמה.

ווען ישראל רעדט וועגן זיכערע גרענעצן, מיינט זי דערמיט עס זאָלן אָפּגעשאַפט ווערן יענע פּונקטן וואָס האָבן אין דער פאַרגאַנגענהייט אַרויס־גערופן אַגרעסיע, אָדער גערייצט צו אַטאַקעס אויף אומבאַשיצבאַרע גרענעצן. אַלס ביישפּיל ווערט דערמאָנט דער שמאָלער וואַסער־פּאַס נעבן שאַרם־אַ־שייך, ווו עגיפטן האָט צוויי מאָל, אין פאַרלויף פון 10 יאָר, פּרובירט בלאָקירן

דעם דורכגאַנג פאַר ישראל־שיפן, און ביידע מאָל איז געקומען צו אַ קאַמף צווישן ישראל און עגיפּטן. אין 1957 האָט ישראל, אונטערן דרוק, זיך צוריקגעצויגן פון שאַרם־אַ־שייך צו דער אַלטער ליניע איידער עס איז איינגעשטעלט געוואָרן אַ זיכערער שלום.

„ישראל האָט אָנגענומען, אונטערן דרוק, אַ פּאַרמישטן זאַק פון אינטערנאַציאָנאַלע אָפּמאַכן און פאַרזיכערונגען וואָס זענען געווען געצילט צו פאַרפעסטיקן איר שוואַכע גרענעץ מיט עגיפּטן, אָבער זיי האָבן זיך צוזאַמענגעבראָכן ביים ערשטן פּרווו אין מאַי־יוני 1967" — זאָגט זיך אין דאָקומענט. „איצט וויל ישראל נישט אָננעמען אַזעלכע באַגריפן פון טעריטאָריעלער זיכערקייט. זי וועט זיך נישט צוריקציען און וועט נישט אויפגעבן אַזאַ פּונקט ווי שאַרם־אַ־שייך אין אויסטויש פאַר דער שוץ פון אינטערנאַציאָנאַלע אָפּמאַכן און גאַראַנטיעס וואָס זענען לויט זייער אייגענעם אינהאַלט נישטיק". און דאָ באַשטייט ישראל אויף איר רעכט אויף שאַרם־אַ־שייך, אפילו זי זאָל עס דאַרפן פאַרטיידיקן מיליטעריש.

בעת ישראל איז צופרידן וואָס עגיפּטן איז ענדלעך גרייט, נאָך 22 יאָר קאַמף, צו שליסן אַ שלום־אָפּמאַך מיט ישראל, באַטראַכט זי אָבער די קאָנדיציעס וואָס עגיפּטן האָט אַרויסגעשטעלט ווי אַן אולטימאַטום, ווייל עס דערלויבט נישט קיין פאַרהאַנדלונגען. עגיפּטן באַשטייט אַז ישראל זאָל זיך פולשטענדיק צוריקציען פון גאַנץ סיני, עזה און אַלע אַנדערע טעריטאָריעס אויף אַלע פראָנטן און אויך „אָפּהיטן די לעגיטימע רעכט פון פּאַלעסטינער פאָלק", ד"ה דאָס אַראַבישע פּליטים פּראָבלעם. אָבער צו דער זעלביקער צייט גיט עגיפּטן נישט קיין פאַרזיכערונג פאַר ישראל אַז זי וועט דורכלאָזן אירע שיפן דורכן סועץ־קאַנאַל און דעם טיראַן־וואַסער־וועג.

לויט ישראלס מיינונג, האָט עגיפּטן נישט געביטן איר פּאָזיציע אויף דאָס מינדסטע. זי איז בלויז גרייט איינצוגיין אויף אַ לייזונג מיט אינטערנאַציאָנאַלע גאַראַנטיעס ווי אין 1957, און איז נישט גרייט איינצושטעלן נאָרמאַלע, פרידלעכע באַציונגען מיט ישראל. זי איז נישט וויליק אָפּצושאַפן די גרונט־סיבה פון דעם קאָנפליקט אין דער פאַרגאַנגענהייט, נעמלעך — זיכערע גרענעצן. עגיפּטן וויל האָבן די זעלביקע אומזיכערע גרענעצן וואָס פריער, און „אויף דעם וועט ישראל קיינמאָל נישט איינגיין", ווייל די פּאָליטישע און מיליטערישע פאַקטן איצט און וואָס די צוקונפט קען ברענגען זענען אַזעלכע, אַז אַ לייזונג אָן געאָגראַפישער זיכערקייט וואָלט בלויז געווען אַ פּאַפּירענער שלום.

דער עגיפּטישער פאָרשלאַג איז נישט קיין אייגענער דאָקומענט, נאָר

איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אין ענגער באַראַטונג מיט רוסלאַנד פאַר זייער געמיינשאַפטלעכער סטראַטעגיע. רוסלאַנד איז אויסן צו קאָנסאָלידירן איר מאַכט־פּאָזיציע אין נאָענטן מזרח, מיט עגיפּטן אַלס באַזע. זי וויל דעם ציל דערגרייכן דורך באַווייזן די אַראַבער אַז זי קען ברענגען צו אַ טאָטאַלן צוריקצי פון ישראל פון אַלע פאַרנומענע שטחים, אַנדערש קען דער סאָוויעטישער איינפלוס נישט שטייגן אין נאָענטן מזרח. אין פרילינג 1969 איז רוסלאַנד געווען גרייט צו דערמוטיקן עגיפּטן צו באַנוצן באַגרענעצטע מיליטערישע אַקציע (דורך דער מלחמה פון אויסמאַטערונג) כדי צו צווינגען ישראל זיך צוריקצוציען. ווען דאָס האָט זיך נישט איינגעגעבן און נאָסער האָט מיט אַ יאָר צוריק געהאַלטן ביי אַ טאָטאַלן צוזאַמענברוך, האָט רוסלאַנד זיך דירעקט פאַרוויקלט אין דעם קאַמף דורך צושטעלן ראַקעטן, פּילאָטן און מיליטערישע מאַנשאַפט. עס האָט געהאַלטן ביי דער ריזיקע פון אַ ברייטערער קאָנפראָנטאַציע, ווען רוסלאַנד האָט באַפוילן עגיפּטן איבער־צוגיין פון דעם מיליטערישן צום דיפּלאָמאַטישן פראָנט.

דער ציל בלייבט אַלץ דער זעלביקער: אַרויסשטופּן ישראל פון אַלע אָקופּירטע טעריטאָריעס דורך אַרויפצווינגען אויף איר אַן עגיפּטיש־סאָוויעטישע לייזונג. זיי באַמיען זיך צו געווינען אויף זייער זייט אַמעריקעס דרוק אויף ישראל פאַר אַ פולשטענדיקן צוריקצי. זיי באַמיען זיך אויך אַריינצושפּאַרן אַ קלין צווישן ישראל און אַמעריקע, כדי אַזוי אַרום זאָל ישראל בלייבן איזאָלירט אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער ארענע. דאָס וועט מעגלעך מאַכן פאַר רוסלאַנד צו ברענגען צו אַן אַרויפגעצוווּנגענער לייזונג, דורך דער יו־ען אָדער דורך די „גרויסע פיר", לטובת די אַראַבער. און אין פאַל אויב דאָס וועט זיך נישט איינגעבן, דאַן איז נישט אויסגעשלאָסן אַ סאָוויעטיש־עגיפּטישער מיליטערישער שריט צו צווינגען ישראל אָנצונעמען אַזאַ לייזונג.

עגיפּטן און רוסלאַנד האָבן בכיוון אַריינגעשטעלט אַ פּונקט וועגן טאָטאַלן צוריקצי, ווייל זיי ווייסן אַז ישראל וועט קיינמאָל נישט אָננעמען אַזאַ פּונקט, „און זי איז אַפילו גרייט צו קעמפן וועגן דעם, אויב נויטיק". בלויז דורך צוואַנג קענען זיי ברענגען דערצו אַז ישראל זאָל זיך פול־שטענדיק צוריקציען, אָבער פריער וועלן זיי מוזן איזאָלירן ישראל און דערווייטערן אַמעריקע פון איר. זיי באַמיען זיך דאָס איצט צו דערגרייכן דורך זייערע רייד וועגן אַ „שלום־אָפּמאַך".

ישראל און אַמעריקע זענען אייניק אַז קיין לייזונג טאָר נישט אַרויפגעצוווּנגען ווערן, נאָר עס מוז דערגרייכט ווערן אַן אמתער שלום

דורך פּאַרהאַנדלונגען. אַמעריקע האָט געוויזן אַז זי האַלט זיך ביי דעם פּרינציפּ דורך איר הילף צו ישראל, כּדי אָנצוהאַלטן דעם מיליטערישן באַלאַנס אין נאָענטן מזרח. דאָס האָט באַוויזן עגיפּטן און רוסלאַנד אַריבערצוגיין פון דעם מיליטערישן צום דיפּלאָמאַטישן געביט, כּדי צו דערגרייכן זייער ציל פון אַ ישראל־צוריקציי און אַ געצוווּנגענע לייזונג. דאָס איז נישט קיין ערנסטער פּרווו צו דערגרייכן אַן אמתן שלום מיט זיכערקייט. פּונקט ווי דער מיליטערישער פּרווו איז געווען אַ דורכפאַל, אַזוי מוז אויך דער דיפּלאָמאַטישער פּאַרזוך זיין אַ דורכפאַל, ווייל עס איז נישט געצילט צו אמתן שלום. אַמעריקע קען העלפן דורך דעם וואָס זי וועט זיך האַלטן פעסט ביים פּרינציפּ נישט צו דערלאָזן צו אַן אַרויפגעצווונגענעם שלום.

אויב מען וויל עטאַבלירן אַ דויערהאַפטן שלום, דאַרף עס געטאָן ווערן אויף אַזאַ אופן, אַז ישראל זאָל זיך מער נישט געפינען אין אַ לאַגע ווו זי קען לייכט אָנגעגריפן ווערן. דאָס מיינט געבן איר געזיכערטע גרענעצן. „ישראל וועט זיך נישט צוריקציען ווי זי האָט עס געטאָן אין 1957, סיידן צו גרענעצן וואָס זענען פריי פאַרהאַנדלט געוואָרן און וואָס וועלן פאַרבייטן די אומלאָגישע און אומבאַשיצבאַרע גרענעץ־ליניעס וואָס האָבן אין דער פאַרגאַנגענהייט געדינט ווי אַן איינלאַדונג צו אַטאַקעס. נאָך דריי מלחמות פאַר איר קיום, ווו זי האָט געקעמפט אַליין און 22 יאָר פון אומזיכערע און נישט־אָנערקענטע גרענעצן, איז ישראל אַנטשלאָסן דאָס מאָל איינצושטימען בלויז אויף אַזאַ שלום וואָס זאָל איר געבן אַ מער־וויניקער לאָגישע מאָס פון טעריטאָריעלער זיכערקייט".

אָט דאָס איז דער אינהאַלט פון דעם ישראל־דאָקומענט, וואָס שטעלט אייגנטלעך מיט זיך פאָר די ישראל־פּאָזיציע בנוגע שלום, אירע צוקונפטיקע גרענעצן און אויך ווי ווייט זי איז גרייט, זיך צוריקצוציען פון די אָקופּירטע טעריטאָריעס און אונטער וועלכע באַדינגונגען. עס איז אויך אין אַ היפשער מאָס אַ שאַרפע אַטאַקע אויף דעם „יר־ען גענעראַל־סעקרעטאַר או־טאַנט פאַר זיין שטעלונג און אַ וואָרענונג צו אים אַז באַשטימען די גרענעצן פון ישראל איז נישט זיין עסק. אין אַנדערע ווערטער, מען זאָגט אים קלאָר: דיין עסק איז זיך צו באַמיען צו ברענגען די צדדים צו פאַרהאַנדלונגען — די גרענעצן וועלן מיר שוין אַליין אויסאַרבעטן. אין וואַשינגטאָן שטודירט מען איצט דעם ישראל־דאָקומענט מיט טיפן אינטערעס, איבערהויפּט די פעסטע און באַשטימטע שטעלונג פון דער ישראל־רעגירונג.

קאַפּיטל 30

דער מיסטעריעזער דאָקומענט פון אַן אַמעריקאַנער דיפּלאָמאַט

דער מעמאָראַנדום פון דאָנאַלד בערגוס, סטייט דעפּאַרטמענט שליח אין קאַיר. — וואָס דער דאָקומענט שלאָגט פאָר וועגן אַ צעטיילונג אין סיני. — פאַרוואָס עגיפּטן האָט פאַרעפנטלעכט דעם דאָקומענט. — דיפּלאָמאַטישע אינטריגעס צו שאַפן אומצוטרוי צווישן ישראל און אַמעריקע.

זומער (1971) האָט זיך געטומלט אין וואַשינגטאָן וועגן אַ מיס־טעריעזן מעמאָראַנדום פון אַן אַמעריקאַנער דיפּלאָמאַט אין קאַיר בנוגע אַ ציטווייליקן סועץ־אָפּמאַך צווישן ישראל און עגיפּטן. ווען דער אינהאַלט פון דעם מעמאָראַנדום איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן האָט וואַשינגטאָן זיך דערפילט אין אַ פאַרלעגנהייט, מ׳האָט זיך דאָ געפלאָנטערט מיט אויפקלע־רונגען, און ס׳האָט געהאַלטן דערביי עס זאָל אַנטשטיין אַ נייער דיפּלאָ־מאַטישער קריזיס צווישן אַמעריקע און ישראל פון איין זייט, און אַמעריקע און עגיפּטן פון דער צווייטער זייט.

מען האָט אַרויסגעשיקט צוויי דיפּלאָמאַטישע שליחים פון וואַשינגטאָן קיין קאַיר מיט נייע אויפקלערונגען, און ס׳איז נישט אויסגעשלאָסן אַז אויך קיין ישראל זאָלן געשיקט ווערן ספּעציעלע שליחים. וואָס פאַר אַ דיפּלאָ־מאַטישע „בולבע" איז דאָ באַגאַנגען געוואָרן וואָס האָט אַזוי אַלאַרמירט וואַשינגטאָן, קאַיר און ירושלים?

עס האַנדלט זיך וועגן אַ מעמאָראַנדום וואָס דער אַמעריקאַנער דיפּלאָמאַטישער פאָרשטייער אין קאַיר דאָנאַלד בערגוס האָט דעם 23־טן מאַי צוגעשטעלט צום עגיפּטישן אויסערן־מיניסטער מאַכמוד ריאַד. אַרום אָט־דעם מעמאָראַנדום האָט זיך געשאַפן אַ היפּשע מיסטעריע און אַ סך מיס־פאַרשטענדענישן און אויסטייטשונגען. די עגיפּטער, ווי עס ווייזט זיך אַרויס, זענען געווען אונטערן איינדרוק אַז דער פאָרשלאַג אין דעם מעמאָ־ראַנדום קומט פון ישראל. ווען זיי האָבן איינגעזען אַז ס׳איז גאָר עפּעס אַ דיפּלאָמאַטישע מאַכערייקע מיט וועלכע ישראל האָט נישט צו־טאָן, זענען

זיי געוואָרן ברוגז אויף אַמעריקע און האָבן דעם מעמאָראַנדום פאַרעפנטלעכט.

סוף חודש יוני איז אין עגיפּטן געווען דער באַוווסטער אַמעריקאַנער קאָלומניסט דזשאָזעף קראַפט (ער איז, אַגב, אַ ייד און זיין קאָלום דערשיינט אין דער „וואַשינגטאָן פּאָסט" און אין פיל אַנדערע צייטונגען). בעת אַן אינטערוויו וואָס קראַפט האָט געהאַט מיט דעם עגיפּטישן אויסערן־מיניסטער, האָט יענער כסדר געהאַלטן אין איין באַטאָנען אַז די אַמעריקאַנער דיפּלאָמאַטיע איז נישט ערלעך און אַז אַמעריקע האַלט נישט אירע צוזאָגן. אַלסביישפּיל האָט ריאַד אָנגעוויזן אויף וואַשינגטאָנס באַמיונגען צו לייזן די סועץ־פּראָגע, און דערביי האָט ער דערציילט קראַפטן וועגן דעם מיסטעריעזן מעמאָראַנדום.

קורץ נאָך דעם באַזוך פון דעם אַמעריקאַנער אויסלאַנדס־מיניסטער ראָדזשערס אין עגיפּטן, אָנהייב מאַי, האָט די עגיפּטישע רעגירונג צוגעגרייט אַ רעזומע פון איר שטעלונג וועגן ווידער עפענען דעם סועץ־קאַנאַל. די רעזומע איז איבערגעגעבן געוואָרן צום אַמעריקאַנער דיפּלאָמאַט בערגוס אין קאַיר דעם 20־טן מאַי, מיט דער בקשה ער זאָל עס איבערשיקן קיין וואַשינגטאָן. עגיפּטן האָט אויך געבעטן, אַז אַמעריקע זאָל אין אַ קורצער צייט ענטפערן בנוגע די ווייטערדיקע שריט, וועלכע זי פּלאַנט צו נעמען.

דעם 23־טן מאַי, איז בערגוס צוריקגעקומען אין דעם אויסלענדישן מיניסטעריום אין קאַיר מיט אַ מעמאָראַנדום, וואָס ווערט איצט באַצייכנט אַלס דער מיסטעריעזער מעמאָראַנדום. אין זיין קאָלום פון 27־טן יוני, דאַטירט פון קאַיר דערציילט קראַפט וועגן דעם אינהאַלט פון דעם מעמאָראַנדום:

ישראל וועט זיך צוריקציען אויף בערך אַ העלפט פון דעם סיני האַלב־אינזל, עגיפּטישע טרופּן וועט דערלויבט ווערן אַריבערצוגיין דעם סועץ קאַנאַל אויף דער מזרח זייט און אָוואַנסירן ביז צו 15 מייל פון דער בייער ישראל־ליניע. אויף דער שטרעקע פון די 15 מייל צווישן די עגיפּטער און די ישראל־כוחות זאָל די אונ"אָ אָוועקשטעלן איר „אָנוועזנהייט". עס זאָגט זיך נישט אין וואָס די „אָנוועזנהייט" זאָל באַשטיין, צי עס זאָל זיין אַ גרעסערע אָדער קלענערע אַרמיי, צי בלויז וועכטער.

עס איז נישט קלאָר צי דער מעמאָראַנדום שטעלט מיט זיך פאָר אַן אַמעריקאַנער פאָרשלאָג פאַר אַ צייטווייליקער לייזונג פון דעם סועץ־פּראָבלעם, אָדער עס זאָל הייסן אַז דאָס רעפלעקטירט וואָס מען טראַכט אין ישראל וועגן אַזאַ סאָרט לייזונג. אין זיין קאָלום זאָגט קראַפט, אַז בערגוס האָט די עגיפּטער נישט אָנגעגעבן דעם קוואַל פון דעם פאָרשלאָג, אַזוי אַז

די עגיפּטער האָבן עס אָנגענומען אַלס אַ פאָרשלאַג וואָס שטאַמט פון ישׂראל. אין קאיר האָט מען דעריבער געוואַרט אויף ווייטערע גינסטיקערע שריט מצד אַמעריקע, בפרט נאָך, אַז אַרום אָנהייב יוני האָט ראַדזשערס געמאַכט אַ דערקלערונג אין אַן אָפּטימיסטישן טאָן וועגן אַ נייער ווענדונג אין נאָענטן מזרח.

קראַפּט דערציילט ווייטער, אַז די עגיפּטער האָבן אַלץ געוואַרט אויף אַן ענטפער און אויף ווייטערדיקע שריט מצד אַמעריקע, אָבער אָן דערפאָלג. ווען זיי האָבן זיך נישט געקענט דערוואַרטן אויף אַן ענטפער, האָבן זיי באַשלאָסן צו פאַרעפנטלעכן דעם מיסטעריעזן מעמאָראַנדום און דערמיט שטעלן אַמעריקע אין אַ פאַרלעגנהייט. און דאָס האָבן זיי איצט געטאָן.

איצט לאָמיר אַ קוק טאָן דערויף פון ישׂראלס שטאַנדפּונקט. די ישׂראל דיפּלאָמאַטן אין וואַשינגטאָן און אין ירושלים האָבן באַלד געלאָזט וויסן, אַז זיי האָבן קיינמאָל נישט געזען און נישט געהערט פון דעם מיס־טעריעזן מעמאָראַנדום ביז עס איז דערשינען אין קראַפּטס קאָלום. זיי האָבן אויסגעדריקט זייער צוטרוי צו אַמעריקע, אַז זי האָט ישׂראל אינפאָרמירט וועגן אַלע אַנטוויקלונגען, און האָבן זיך אָפּגעטרייסלט פון דעם מעמאָראַנדום זאָגנדיק, אַז עס רעפלעקטירט בשום אופן נישט זייערע מיינונגען בנוגע דער סועץ־פראַגע. אַזוי שנעל ווי די ישׂראל אַמבאַסאַדע אין וואַשינגטאָן האָט דערזען דעם קראַפּט־קאָלום, האָט דער ישׂראל אַמבאַסאַדאָר יצחק ראַבין באַלד פאַרלאַנגט מען זאָל פאַר אים אַראַנזשירן אַ באַגעגעניש מיטן אויס־לאַנדס־מיניסטער ראַדזשערס אין סטייט דעפּאַרטמענט.

די באַגעגעניש איז פאָרגעקומען צוויי טעג נאָך דער דערשיינונג פון קראַפּטס קאָלום און האָט געדויערט איבער אַ שעה צייט. עס איז געווען אַ „פריינדלעכע" באַגעגעניש, אָבער ראַבין איז געקומען מיט אַ קלאָרן און באַשטימטן פאַרלאַנג: ער וויל האָבן אַן אויפקלערונג וועגן דעם מעמאָראַנדום וואָס איז צוגעשטעלט געוואָרן צו עגיפּטן אויף אַ מיסטעריעזן אופן דורך דעם אַמעריקאַנער דיפּלאָמאַט בערגוס. ביים אַרויסקומען פון ראַדזשערס קאַבינעט האָט ראַבין באַמערקט אַז ער איז „מער צופרידן" ווי פריער, אָבער די צייטונגס־לייט וואָס האָבן אים אָפּגעוואַרט זענען געווען מיט דער מיינונג אַז ער האָט אויסגעזען אַ ביסל סקעפּטיש, און אַז אַלס דיפּלאָמאַט האָט זיך אים געלוינט אַזוי צו זאָגן. ראַבין האָט אויך באַמערקט צו דער פּרעסע, אַז מען האָט אים געזאָגט אַז „נישט קיין אַמעריקאַנער און נישט קיין ישׂראל שטעלונג (דאָס הייסט, אַ פאָרשלאַג) איז איבערגעגעבן געוואָרן" צו די עגיפּטער.

ווען די צייטונגס־לייט האָבן אויפמערקזאַם געמאַכט ראַביצען, אַז דער סטייט דעפּאַרטמענט האָט מיט אַ טאָג פריער דערקלערט, אַז דער מעמאָראַנ־דום וואָס בערגוס האָט צונויפגעשטעלט איז געווען אויף זיינע אייגענע אחר־יות און אַז ס'איז געווען זיינער אַ פּערזענלעכער שריט, ממילא טראָגט עס נישט קיין אָפיציעלן כאַראַקטער, האָט ראַבין אַ צי־געטאָן מיט די אַקסלען און באַמערקט: „אַזוי האָבן זיי מיר געזאָגט. וואָס ווילט איר, איך זאָל חושד־זיין דאָס וואָס אַמעריקאַנער באַאַמטע זאָגן מיר?"

זאָל דאָ אויך געזאָגט ווערן, אַז דער סטייט דעפּאַרטמענט איז געשטעלט געוואָרן אין אַ היפּשער פאַרלעגנהייט. צוויי מאָל האָט מען אַרויסגעגעבן דערקלערונגען צו דער פּרעסע, אַז דער מעמאָראַנדום איז נישט קיין אָפיציע־לער, אַז בערגוס האָט געמאַכט אַ טעות, אַז ס'איז נישט אמת דער מעמאָראַנ־דום זאָל האָבן אַנטהאַלטן דעם פאָרשלאָג ישראל זאָל אויפגעבן אַ העלפט פון סיני. עס איז געווען קלאָר, אַז דער סטייט דעפּאַרטמענט וויל זיך וואָס שנעלער אָפּטרייסלען פון דעם מעמאָראַנדום און פאַרגעסן וועגן דעם אומ־געלומפּערטן אינצידענט.

צו דערזעלבער צייט אָבער פּרובירט מען צו פאַרענטפערן בערגוסן, ער איז טאַקע באַגאַנגען אַ טעות, אָבער ער איז אַ פייאיקער דיפּלאָמאַט און מען קען אים נישט אינגאַנצן באַשולדיקן. דאָס האָט ער געוואָלט העלפן עגיפּטן קלאָרער מאַכן איר פּאָזיציע, זאָגן די סטייט דעפּאַרטמענט באַאַמטע. דער אמת איז, אַז בערגוס איז פאַרבונדן מיט דער פּראָ־אַראַבישער קליקע אין סטייט דעפּאַרטמענט וואָס זוכט אים איצט צו באַשיצן. ער פאָלגט נאָך די פּראָ־אַראַבישע ליניע פון דער קליקע, איז אויסגעשפּראָכן אַנטי־ישראל און אָפּט־מאָל שמעקט פון זיינע רייד דער ריח פון אַנטיסעמיטיזם. אים האָט מען עס איצט געשיקט קיין קאיר אויפצוקלערן פאַר זיינע עגיפּטישע פריינט די דיפּלאָמאַטישע „בולבע" וואָס ער אַליין איז באַגאַנגען.

פאַר דער עפנטלעכקייט אָבער בלייבט נאָך אַלץ אומפאַרענטפערט די קשיה: ווי איז עס מעגלעך אַז דער פאָרשטייער פון אַ גרויסמאַכט זאָל אין אַ קריטישער צייט און אין אַ קריטיש אָרט צושטעלן אַ געשריבענעם דאָקו־מענט צו אַן אויסלענדישן מיניסטעריום און דער דאָקומענט זאָל נישט טראָגן קיין אָפיציעלן כאַראַקטער? אַזעלכע זאַכן פאַסירן נישט סתם אין דער וועלט. דאָס שטעלט אונטער אַ חשד די אויפריכטיקייט פון דעם סטייט דעפּאַרטמענט וועמענס הויפּט־באַאַמטע טענהן כסדר, אַז אַלץ וואָס זיי טיילן מיט צו עגיפּטן דערציילט מען אויך צו ישראל, און פאַרקערט. אָבער אָט איז אַ פאַל

ווי די באַאַמטע אַליין גיבן צו, אַז מען האָט נישט אינפאָרמירט ישראל וועגן דעם בערגוס־מעמאָראַנדום.

פאַראַן דאָ אויך אַ מיינונג, אַז די עגיפּטער האָבן בכיוון פאַרעפנטלעכט דעם בערגוס־דאָקומענט כדי צו שטעלן וואַשינגטאָן אין אַ פאַרלעגנהייט און אַזוי אַרום אַרויסרופן אַ חשד אויף דער אַמעריקאַנער אויסלענדישער פּאָליטיק מצד ישראל. דערמיט, קען זיין, גלויבן די עגיפּטער אַז זיי וועט זיך איינגעבן צו שאַפן מיספאַרשטענדענישן און אומצוטרוי צווישן ישראל און אַמעריקע און פאַרקלענערן די פריינטשאַפט צווישן זיי.

מעגלעך, אַז דאָ שטעקט אויך ערגעצוווּ אַ סאָוויעטישע האַנט וואָס ציט דאָס עגיפּטישע שטריקל. מאָסקווע וויל זיין זיכער, אַז זי וועט אויך קענען שפּילן אַ ראָל אַרום לייזן די סועץ־פראַגע. און מעגלעך אַז מאָסקווע זעט אַ געלעגנהייט צו קענען דערווייטערן ישראל פון אַמעריקע דורך אַריינברענגען חשד איינער קעגן דעם צווייטן און דורך רמזים אַז זי (רוסלאַנד) איז גרייט איינצושטעלן דיפּלאָמאַטישע באַציאונגען מיט ישראל.

איין זאַך איז קלאָר: קיין דיפּלאָמאַטישע אינטריגעס פעלן נישט, דאָס גייט אָן כסדר. עס איז נאָר אומאנגענעם וואָס שטענדיק אין אַזעלכע פאַלן קומען די גרויסע אַמעריקאַנער עקספּערטן אין חכמת־הדיפּלאָמאַטיע אַרויס ווי נישט קיין גאָר גרויסע חכמים...

קאַפּיטל 31

עליה פון אַמעריקע קיין ישראל

די עליה פון אַמעריקע שטייגט כסדר. — די סיבות, וואָס באַוועגן אַמעריקאַנער יידן צו מאַכן עליה. — שטימונגען צווישן אַמעריקאַנער יידן, וואָס זענען עולה קיין ישראל.

ווער וואָלט עס געגלויבט, אַז עס וועט אַמאָל קומען אַ צייט, ווען אַמעריקע, דאָס לאַנד, וואָס האָט במשך פון איינציקע הונדערט יאָר געדינט ווי דער מקום מקלט פאַר די געיאָגטע און געפּלאָגטע, דאָס לאַנד, וואָס ממש הונדערטער מיליאָנען מענטשן איבער דער וועלט האָבן געגאַרט

צו גרייכן צו אירע ברעגעס אַלס אימיגראַנטן — אַז אַט די אַמעריקע, וועט ווערן אַ לאַנד, וואָס מען פּאַרלאָזט מיט דעם אייגענעם ווילן, כדי זיך צו באַזעצן ערגעץ־ווו אַנדערש? ווער וואָלט זיך גאָר אַזוינס פאַר־געשטעלט?

אמת, עס האָלט נאָך דערווייל נישט ביי קיין גאָר ריזיקער מאַסן־עמיגראַציע, אָבער אין די לעצטע יאָרן האָבן היפּשע צאָלן אַמעריקאַנער בירגער אויפגעגעבן זייערע שטעלעס, זייערע היימען, זייערע פריינד, און זיך אַוועקגעלאָזן אין אַנדערע לענדער זוכן אַ נײַ לעבן. אין דעם יאָר 1970 האָבן אַרום פערציק טויזנט אײַנוווינער פון אַמעריקע פאַרלאָזט זייער היימלאַנד, כדי זיך צו באַזעצן אין אַנדערע לענדער, מערסטנס אין קאַנאַדע, מערב־אייראָפּע, אויסטראַליע, און אויך אין מדינת ישראל. נישט נאָר איז דאָס אַ נײַע דערשיינונג אין דעם אַמעריקאַנער לעבן, וואָס אַזוי פיל בירגער עמיגרירן פון דאַנען, נאָר דער שטראָם פון עמיגראַציע וואַקסט כסדר אין די לעצטע יאָרן.

אָבער מיר ווילן באַזונדערס זיך אָפּשטעלן אויף דער עמיגראַציע קיין ישראל, וואָס האָלט אויך אין שטייגן אין די לעצטע עטלעכע יאָר. פאַר דער 6־טאָגיקער מלחמה איז די צאָל יידן, וואָס האָבן פאַרלאָזט אַמעריקע, כדי זיך צו באַזעצן אין ישראל, געווען אַ פאַרהעלטנישמעסיק קליינע. צווישן די יאָרן 1948, ווען ישראל איז עטאַבלירט געוואָרן, און דעם יאָר 1966, אַ יאָר פאַר דער 6־טאָגיקער מלחמה, פלעגן אין דורכשניט צווישן 600 און 1.200 אַמעריקאַנער יידן עולה זיין קיין ישראל יעדן — און דאָס האָט באַטראָפן אומגעפער איין פּראָצענט פון דער עליה.

און אַפילו פון אַט דער קליינער צאָל האָבן בערך אַ העלפט פון די אַמעריקאַנער עולים זיך שפּעטער צוריקגעקערט קיין אַמעריקע צוליב פאַרשיידענע סיבות, אין וועלכע מיר וועלן זיך נישט אַריינלאָזן.

אין די לעצטע דריי־פיר יאָר איז געקומען אַ באַדייטנדיקע ענדערונג. אָט זענען די אָפיציעלע ציפערן פון דער יידישער אַגענטור וועגן עמי־גראַציע פון אַמעריקע קיין ישראל:

אין 1967 האָבן 2.094 יידן פון אַמעריקע עולה געווען קיין ישראל. אין 1968 איז די צאָל געשטיגן צו 4.616; און אין 1969 האָט די צאָל דערגרייכט 6.020.

ווי האָלט עס אין 1970? אין די ערשטע 9 חדשים פון יאָר האָבן 6.129 אַמעריקאַנער יידן זיך באַזעצט אין מדינת ישראל, דאָס הייסט,

מער ווי אין גאַנצן פריערדיקן יאָר. פאַר דעם גאַנצן יאָר 1970 ווערט פאַראויסגעזען, אַז עליה פון אַמעריקע פון 8 ביז 9 טויזנט.

אַנשטאָט וואָס פריער האָט די עליה פון אַמעריקע באַטראָפן אַרום 1 פראָצענט פון אַלגעמיינער אימיגראַציע קיין ישראל, באַטרעפט זי היינט אַרום צוואַנציק פראָצענט, אָדער אַ פינפטל פון דער גאַנצער עליה. אַמעריקע איז היינט צו טאָג געוואָרן דער הויפּט־קוואַל פאַר עליה קיין ישראל. פראַנקרייך, וואָס שטעלט צו אַרום פיר־פינף טויזנט אַ יאָר, פאַר־נעמט איצט דאָס צווייטע אָרט אויפן צעטל פון עליה־לענדער. אין 1971 איז אויפגעקומען די עליה פון סאָוויעט־רוסלאַנד, וואָס איז אַ באַזונדער קאַפּיטל פאַר זיך.

בעת די מערהייט פון די עולים זענען מענטשן אין די צוואַנציקער, דרייסיקער און פערציקער יאָרן — הגם עס זענען אויך פאַראַן אַ היפּשע צאָל קינדער און עלטערע מענטשן — איז דער דורכשניט עלטער 34 יאָר צווישן די אַמעריקאַנער עולים. צווישן זיי איז אויך גרויס די פּראָפּאָרץ פון אוניווערסיטעט־געבילדעטע, אַזוי, אַז די צאָל פּראָפעסיאָנאַלן און געשולטע פאַכלייט באַטרעפט 38 פּראָצענט. אין די יאָרן ערב דער 6־טאָ־גיקער מלחמה, איז דער גרעסטער טייל פון דער אַמעריקאַנער עליה, געווען עלטערע מענטשן, וועלכע האָבן זיך שוין געהאַט צוריקגעצויגן פון דער אַרבעט, אָדער פון געשעפט, און זיי זענען געפאָרן קיין ישראל אויסצולעבן די יאָרן.

ביים סוף פון יאָר 1970 האָט די היגע וויכטיקע צייטונג „וואַשינגטאָן פּאָסט״ געהאַט אַ לענגערן אַרטיקל אין איר זונטיקדיקער אויסגאַבע וועגן דער עליה פון יידן פון וואַשינגטאָן און פון דער אומגעגנט. דער אַרטיקל האָט אַרויסגערופן אַ היפּש ביסל אינטערעס אין די רעגירונגס־קרייזן, אין די אויסלענדישע אַמבאַסאַדעס, און נאַטירלעך, צווישן דעם וואַשינג־טאָנער יידנטום, וואָס ציילט אַרום 120 טויזנט נפשות. לאָמיר דאָ איבער־געבן אין אַ זייער באַגרענעצטער מאָס אייניקע הויפּט־פּונקטן פון דעם אַרטיקל פון „וואַשינגטאָן פּאָסט״.

עס ווייזט זיך אַרויס, אַז פון וואַשינגטאָן וועלן אַרום 250 יידן האָבן עמיגרירט קיין ישראל אין 1970, כדי זיך צו באַזעצן דאָרט. יידן רעדן נישט בלויז, זאָגט זיך אין יענעם אַרטיקל, נאָר זיי פאָרן טאַקע אויך צו באַזעצן זיך. זיי זענען אַנטוישט מיט דעם אַמעריקאַנער שטייגער־לעבן און זיי זוכן אַ בעסער און מער אינהאַלטסרייך לעבן פאַר זיך

און פּאַר זייערע קינדער. די עולים גיבן צו, אַז עס וועט נישט אָנקומען לייכט, אַז דאָס לעבן אין ישראל וועט, אונטער די בעסטע אומשטענדן, זיין אַ קאַמף. אָבער זיי האַלטן, אַז עס איז זייער הוב צו זיין אין ישראל גראַד איצט, ווען איר עקזיסטענץ שטייט אין אַ געפאַר.

אינטערעסאַנט איז, אַז די דערמאָנטע צייטונג באַטאָנט, אַז יידן אַנטלויפן נישט פ ו ן עפּעס, נאָר צ ו עפּעס, וואָס שטעלט מיט זיך פאַר העכערע ווערטן פאַר זיי אַלס יידן. אין דעם זין, זאָגט זיך אינעם אַרטיקל, זענען די אַמעריקאַנער יידן מזלדיקער פון אַנדערע טיילן פון דער היגער געזעלשאַפט, מחמת זיי האָבן אַן אָרט וווהין צו פאָרן, בעת די אַנדערע, וואָס זענען אומצופרידן מיט געוויסע דערשיינונגען אין לאַנד, האָבן נישט אַזאַ אויסוועג. צו דער זעלבער צייט, ווערט אָבער באַטאָנט, אַז דער ייד מוז זיך אויך רעכענען מיט דעם וואַקסנדיקן אַנטיסעמיטיזם, בעת דער נישט־ייד האָט נישט אַזאַ פּראָבלעם. עס איז אפשר נישט אַזוי אַ דירעקטער אַנטיסעמיטיזם, נאָר יידן זאָרגן זיך וועגן דעם איצטיקן פּאָליטישן קלימאַט אין לאַנד, וועגן די אַטאַקעס אויף זיי מצד די „נייע לינקע" עלעמענטן, וואָס קענען פאַרגליכן ווערן מיט די אַטאַקעס אויף יידן מצד די עקסטרעם־רעכטע עלעמענטן, און וועגן דער געפאַר פון אַ רעאַקציע קעגן די אַמעריקאַנער יידן בכלל.

די מעגלעכקייט פון אַ רעאַקציע אין אַמעריקע איז אויך אַ טרעפ־לעכן אופן באַרירט געוואָרן פון אַ נאָענטן חבר פון דעם שרייבער פון די שורות, ה. דאַבקין, וואָס האָט אין נאָוועמבער 1970 פאַרלאָזט וואַשינגטאָן מיט זיין פרוי און מיט אַ 14יעריקער טאָכטער, און איז אָפּגעפאָרן קיין ישראל להשתקע.

„אויב עס זאָל קומען צו אַן עקאָנאָמישן קריזיס אין לאַנד — האָט ער געזאָגט — און די שטימונג זאָל ווערן מער רעכטס, וועלן מיר יידן, ווידער ווערן דער שעיר לעזאזל. מיר האָפן, אַז עס וועט נישט קומען דערצו. אָבער עס מערקן זיך בייזע וואָלקנס אויף דעם האָריזאָנט. איך זאָרג זיך וועגן דער צוקונפט פון די יידן אין אַמעריקע, ווייל אונדזער געשיכטע באַווייזט, אַז יידן קענען זיך אויסלעבן ווי אַ פאָלק בלויז אין די צייטן פון שלום און פון עקאָנאָמישער און פּאָליטישער סטאַביליטעט".

ה' דאַבקין, וועלכער איז פריער געווען אַ ביזנעסמאַן אין וואַשינג־טאָן, האָט זיך שוין באַזעצט אין נתניה מיט זיין משפחה און דאָרטן אָנגעהויבן אַ ניי לעבן. זיינער אַ פאַרהייראַטער זון, אַ יונגערמאַן אין

די שפּעטע צוואַנציקער יאָרן, האָט נאָך מיט אַ יאָר פריער עולה געווען און וווינט איצט מיט זיין ווייבל (אויך אַן אַמעריקאַנערין) און זייער טעכטערל אין אַ קיבוץ אין גליל.

אָבער וואָס, אייגנטלעך, באַוועגט אַמעריקאַנער יידן עולה צו זיין קיין ישראל? נאָך אַלעמען זענען דאָך דאָרטן די שטייערן אַ סך העכער; עס הערשט אַ מאַנגל אין וווינונגען; מען מוז זיך באַגיין אָן געוויסע לוקסוסן, וואָס מען האָט אין אַמעריקע; און דערצו איז אויך דאָרט פאַראַן די שטענדיקע געפאַר פון אַ מלחמה. אָבער דאָך שטייגט די יידישע עמי־גראַציע פון אַמעריקע און זי וועט אין אַ יאָר אַרום דערגרייכן צו אַ טויזנט עולים אַ חודש. אין דעם היגן עליה־צענטער, וואָס די יידישע אַגענטור האַלט אויס, קומען אָן הונדערטער אָנפראַגעס דורך דער פּאָסט און דורך טעלעפאָן.

יידן פאָרן קיין ישראל, ווייל דאָס לאַנד האָט אַ ספּעציפישע באַדייטונג פאַר זיי, וואָס קיין שום אַנדער לאַנד האָט דאָס נישט. אויב אין ישראל איז דאָס לעבן שווער, איז עס אָבער אין אַמעריקע געוואָרן קאָמפּליצירט און פול מיט פּראָבלעמען, וואָס שיינען צו זיין אומלייזבאַר. איינס פון די פּראָבלעמען איז די אומזיכערע סביבה אין דער גרויסער שטאָט. אין ישראל איז דאָס לעבן ביי די גרענעצן אומזיכער, אָבער אין די גרויסע שטעט קען מען אַרויסגיין אין די אָוונטן אין די גאַסן און נישט מורא האָבן פאַר אַן אָנפאַל.

העראַלד סטיינבערג, וואָס האָט געאַרבעט ווי אַ וויסנשאַפטלער פאַר דער רעגירונג, האָט מיט זיין פרוי און מיט זיינע דריי קליינע קינדער, זיך אַריבערגעפּעקלט קיין ישראל.

„מיר פאָרן אַהין — האָט ער געזאָגט — ווייל ישראל דאַרף אונדז האָבן און מיר דאַרפן זי. מיר זענען געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז ישראל איז דאָס אָרט פאַר אונדז, ווייל מיר ווילן זיך אידענטיפיצירן מיט דעם יידישן פאָלק".

העראַלד סטיינבערג איז זייער פּעסימיסטיש וועגן דער צוקונפט פון די יידן, אויב מדינת ישראל זאָל, חלילה, אונטערגיין.

„אַלנפאַלס — זאָגט ער — צו קיין גאַז־קאַמערן וועלן מיר מער נישט גיין. מיר וועלן קעמפן ביז אַרונטער".

אַ צווייטער רעגירונגס־אַנגעשטעלטער, מעק שייב, אַ מאַטעמאַטיקער אין דעם אַרבעטס־מיניסטעריום אין וואַשינגטאָן, האָט אויפגעגעבן זיין

שטעלע, מיט אַ געהאַלט פון 22 טויזנט דאָלאַר אַ יאָר; ער האָט פאַרקויפט זיין הויז, געגומען זיין פרוי מיט די פינף קינדער און זיין שוויגער, און זיי זענען אַלע אַפּגעפאָרן קיין ישראל אין סוף אָקטאָבער להשתקע.

מר. שייב איז 47 יאָר אַלט. ער איז איינער פון דער שארית הפליטה, וואָס האָט נאָך דער מלחמה זיך געראַטעוועט קיין אַמעריקע. אָבער וועגן יענער עפּאָכע אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן וויל ער פאַרגעסן.

„דאָ, אין אַמעריקע — האָט ער געזאָגט — איז די צוקונפט פאַר מיינע קינדער אפשר מער געזיכערט. אָבער דאָרטן, אין ישראל, שאַפט זיך אַ ניי לעבן, אַ נייער אַרויסרוף".

אינטערעסאַנט איז אויך די באַציאונג מצד יוגנטלעכע, אונטער דריי־סיק יאָר אַלט, וואָס פאָרן זיך באַזעצן אין ישראל. איראַ געלניק איז 24 יאָר אַלט. ער איז אַ גראַדואירטער פון דעם היגן „אַמעריקען" אוניווערסי־טעט. ער גרייט זיך אין גיכן עולה צו זיין מיט זיין ווייבל, וועלכע איז 23 יאָר אַלט. ער האַלט זיך פאַר אַ „ראַדיקאַלן ציוניסט", און ער באַ־טאָנט, אַז דער געדאַנק וועגן אַ יידיש פאָלק מיינט פאַר אים דאָס זעלבע ווי פאַר אַנדערע, וועלכע רעדן וועגן נאַציאָנאַלער באַפרייונג.

„אין אַמעריקע — זאָגט ער — שטייען די יידן ביי די ראַנדן, עקאָ־נאָמיש און פּאָליטיש. און ממילא זענען זיי נישט פריי, און זיי זענען אויך נישט קיין אינטעגראַלער טייל פון דעם אַמעריקאַנער לעבן".

ער איז נישט אָפּטימיסטיש וועגן דער צוקונפט פון די יידן אין אַמעריקע, ווייל די קריסטן וועלן באַשטימען די צוקונפט און דעם גורל פון די יידן דאָ.

די יוגנטלעכע זענען ס׳רוב אידעאַליסטיש, הויך מאָטיווירט און פּאָ־ליטיש רייף. אָט ווי דער 17־יאָריקער מאַרק שניידער האָט זיך אויס־געדריקט:

„וואָס עלטער איך ווער, אַלץ וויכטיקער איז עס פאַר מיר צו וווינען אין אַ שיין הויז, אָדער צו האָבן מיין אייגענעם אויטאָמאָביל. אין ישראל האָף איך צו שטודירן מעדיצין. אָבער אפילו אויב איך זאָל דאָס נישט באַווייזן, איז עס וויכטיק, אַז איך זאָל קומען אַהין און העלפן".

ווער איז מאַרק שניידער? זיין פאָטער איז ד״ר ברוס שניידער, דער געהילפס־דעקאַן פון דעם מעדיצינישן פאַקולטעט אין דעם היגן דזשאָרדזש־טאַון אוניווערסיטעט, און דער שרייבער פון די שורות קען אים גוט פּער־

זענלעד. זיין זיידע, בענדזשאַמין שניידער, איז דער סעקרעטאַר פון דעם „אַרבעטער־רינג” אין וואַשינגטאָן. דער יונגער מאַרק האָט אין אָקטאָבער איבערגעלאָזט דאָ זיינע עלטערן, אַ יינגערן ברודער, זיידע־באָבע, די שיינע היים זייערע און ער איז אָפּגעפלויגן קיין ישראל. אין זיין לעצטן יאָר אין האַי־סקול, איז מאַרק אַריינגעצויגן געוואָרן אין די ראַדיקאַלע סטודענטישע גרופּעס, און ער האָט זיך באַטייליקט אין דעמאָנסטראַציעס. אָבער ער האָט זיך שנעל אויסגעניכטערט, ווען ער האָט אייגגעזען די אַנטי־ישראלדיקע שטעלונג פון די „שוואַרצע פּאַנטערס” און פון אַנדערע לינקע עלעמענטן, וואָס פּרובירן פאַרצושטעלן די אַראַבישע טעראָריסטן ווי סאָציאַליסטישע קעמפּערס.

אין אַן ענלעכן זין רעדט אויך די 22־יאָריקע מעגי גאָלדבערג, וואָס איז אויפגעצויגן געוואָרן אין דער הבונים יוגנט־אָרגאַניזאַציע, און זי האָט געענדיקט אַ היגן אוניווערסיטעט. זי איז לינק געשטימט. אָבער זי זאָגט, אַז זי גלויבט אין גאָט און זי לאַכט זיך אויס פון דער לינקיס־טישער באַוועגונג. איר געפעלן נישט די גוואַלד־טאַטן פון די רעוואָלוציאָ־נערע עלעמענטן, פּונקט אַזוי ווי עס געפעלט איר נישט די מלחמה אין וויעטנאַם. צו דער יידישער לינק־געשטימטער יוגנט זאָגט זי:

„אויב איר ווילט בויען דעם אמתן סאָציאַליזם, פאָרט קיין ישראל. דאָרטן האָט איר דאָס קיבוץ־לעבן און די אַנדערע פאָרמען פון סאָציאַ־ליזם”.

מעגי גאָלדבערג איז אַ פערטער דור אַמעריקאַנער געבוירענע. איר עלטער־זיידע, פון דער מוטערס צד, האָט געקעמפט אין דעם אַמעריקאַנער בירגער־קריג אין דער צייט פון לינקאָלן.

אָט דאָס איז די שטימונג ביי אַ סך יוגנטלעכע, היינט צו טאָג, וואָס פאָרן אָדער קלייבן זיך צו פאָרן, קיין ישראל טאַקע, אויף צו פאַרבלייבן דאָרטן, בויען און באַשיצן די יידישע מדינה, און אויך בויען דאָס אייגענע לעבן. דערווייל איז דאָס נאָך נישט קיין מאַסן־עמיגראַציע פון אַ גאָר גרויסן פאַרנעם. אָבער דער שטראָם פון עולים פון אַמעריקע וואַקסט כסדר און ער ווייזט סימנים אויף אַ מאַסן־כאַראַקטער.

אינהאַלט

ערשטער טייל: אַ באַזוך אין מדינת ישראל 7
פאָרוואָרט פון ישראל סטאָלאַרסקי 9
קאַפּיטל 1. ישראל אַנטשלאָסן צו קעמפן פאַר איר קיום 12
קאַפּיטל 2. די עקאָנאָמישע זייט פון דעם ישראל־לעבן 17
קאַפּיטל 3. ישראל און די נישט־יידישע וועלט 22
קאַפּיטל 4. תל־אביב—יפו 28
קאַפּיטל 5. וואָס עס קען זיך אַלץ פאַרלויפן אין ישראל 35
קאַפּיטל 6. חיפה, ישראלס אינדוסטריעלער צענטער 42
קאַפּיטל 7. אויף די גולן בערג 49
קאַפּיטל 8. די קיבוצים און זייערע פּראָבלעמען 56
קאַפּיטל 9. דאָס לעבן אין די קיבוצים ביי די גרענעצן 62
קאַפּיטל 10. ירושלים 69
קאַפּיטל 11. חברון און באר־שבע 75
קאַפּיטל 12. ירושלים וואַקסט 82
קאַפּיטל 13. הייליקטימער אין ירושלים 87
קאַפּיטל 14. די באַפעלקערונג־עקספּלאָזיע אין מדינת ישראל . . 93
קאַפּיטל 15. העכערע בילדונג 98
קאַפּיטל 16. די אַראַבער אין ישראל 105
קאַפּיטל 17. די הסתדרות און אירע פּראָבלעמען 112
קאַפּיטל 18. גאָלדע מאיר און זלמן שזר 119
קאַפּיטל 19. אייניקע שלום־געדאַנקען 126
צווייטער טייל: אַמעריקע און ישראל 133
קאַפּיטל 20. וואַשינגטאָן באַזאָרגט וועגן נאָענטן מזרח 135
קאַפּיטל 21. וואַשינגטאָן וואַרט אויף ניקסאָנס באַשלוס 140
קאַפּיטל 22. ניקסאָנס רייזע קיין אייראָפּע און מיטללענדישן געביט . 145
קאַפּיטל 23. האַלט עס ביי אַ באַנייונג פון „קאַלטן קריג”? . . . 150
קאַפּיטל 24. דער קאָנגרעס און הילף פאַר ישראל 156
קאַפּיטל 25. אַמעריקעס מיליטערישע הילף פאַר ישראל 162
קאַפּיטל 26. די סאָוויעטישע געפאַר אין נאָענטן מזרח 167
קאַפּיטל 27. אַמעריקע און דער נאָענטער מזרח 172
קאַפּיטל 28. ווי ניקסאָן זעט די לאַגע אין נאָענטן מזרח 183
קאַפּיטל 29. אַ זיכערער שלום און געזיכערטע גרענעצן 188
קאַפּיטל 30. דער מיסטעריעזער דאָקומענט פון אַן
אַמעריקאַנער דיפּלאָמאַט 194
קאַפּיטל 31. עליה פון אַמעריקע קיין ישראל 198

ISRAEL IN OUR DAYS

by MURRAY FRANK

IN 2 PARTS :

1· A VISIT TO ISRAEL

2. THE UNITED STATES AND ISRAEL

"NEI-LEBN" PUBLISHERS

Tel-Aviv, Israel 1972